STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03812

ALE VERK

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

220

אלע ווערק פון שלום עליכם

פערטער באַנד

דראַמאַטישע שריפטן

ווילנע—וואַרשע 1925
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

עס איז שטרענג פארבאָטן צו קויפן און פאַר-
קויפן דאָס דאָזיקע בוך אין צפון און דרום-
אמעריקע, אין דרום-אפריקע און אין ענגלאַנד

Copyright 1917 by Olga Rabinowitz (Sholem-Aleichem), New York

צוליב דעם פארלאַנג פון שלום-עליכמס יורשים, איז די
אויסגאַבע געדרוקט לויט דער אמעריקאַנער אויסגאַבע.

Szolem - Alechem. T. IV. „Dramatisze Szriften".
Drukarnia „Wydawnictwo Wilenskie" B. KLECKINA.

דראַמאַטישע שריפטען

אינהאלט

דער גט 7
צעזעעט און צעשפרייט 41
א דאקטאר 99
בוענטשען 117
דאס גרויסע געווינס 151

דער גט. סצענעס פונ'ם אמאליגען אידי־
שען לעבען, אין איין אקט און דריי בילדער.

געשריבען אין יאהר 1887

די פאַרשוינען:

שרה חנצי, „אַיין אשת חיל".

ראובן־הערש, איהר מאַן, אַ יודע ספר.

עטעל, זייער טאָכטער, אַ יונג ווייבעל.

מאַטעל, זייער איידעם, אַ פיינער יונגערמאַנטשיק.

לוי־בנימין, אַ יונגערמאַן אַ משכיל, מאַטעל׳ס אַ חבר.

רב שלום שדכן, אַ איד אַ שדכן.

רב אַרקע, דער רב פון שטעדטעל.

פרומע־ליבע, די רביצין.

רב זכריה, אַ סופר, אַ איד מיט אַ גרינער שאַל.

אידעל דער שמש, אַ ריהרעוודיג אידעל מיט איין אויג.

צוויי עדות.

אַ מנין אידען.

די געשיכטע קומט פאַר אין אַ קליין שטערטעל אינ׳ם פאַריגען יאָהר־הונדערט.

דאָס ערשטע בילד.

אין א געוועהנליך צימער, פשוט מעבלירט, אויף דעם אַלטען אידישען אופן, זיצט ביי א גרויסען פיערעקעכיגען טיש, אויף אַ בענקעל, ראובן־הערש איבער אַ ספר פון די היינטיגע ספרים, שטאַרק פערטיעפט. ביי דער הרובע זיצט שרה־חנצי און ארבייט אַ זאָק מיט גרויס מהירות, און דאָס קניילכען בוימוואָהל קאַטשעט זיך ביי איהרע פיס אויף דער ערד; זי איז פערטיעפט אין דער ארבייט און קוקט אויף די דרעטלעך, וואָס טאַנצען ארום אין איהרע פינגער.

.1

שרה־חנצי און ראובן־הערש.

שרה־חנצי (צעהלט די אויגלעך פון זאָק). איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף... ראובן־הערש! זעכס, זיעבען, אכט, ניין, צעהן... ראובן־הערש!

ראובן־הערש (הויבט אויף די אויגען פון דעם ספר). האָ?

שרה־חנצי. האָט דיר אין קאָפּ אריין! צעהן מאָל דאַרף מען דיך רופען, ביז דו וועסט זיך אַ מאָל אָנרופען.

ראובן־הערש. וואָס־זשע איז דאָרטען?

שרה־חנצי. וואָס זאָל זיין? גאָר ניט! ער האָט זיך אָנגערעדט מיט'ן גענייִדעם, מע זאָל מיך אַ לעבעדיגע אריינטרייבען, שונאי ציון, אין דער ערד אריין — און גענוג.

ראובן־הערש. שאַ, אַ נייעס! וואָס נאָך וועסט דו זיך אויסטראַכטען?

שרה־חנצי. אויסטראַכטען? איך טראַכט זיך אוים? איא, ראובן־הערש? ווער איז גערעכט? דו מיט דעם גענייִדעם דיינעם! ווער איז אַ הולטייקע? איך! ווער ווערד אויסגעריסען, אויסגעריסען זאָלט איהר ווערען? ווער פרווירט אַ גאַנצען טאָג אין

קלייט, אויסגעפרוירעו זאָלט איהר ווערען אַלע איינציגוויים? — אַלע איך! אַלע איך! און אז סע קומט צו עפּיס, בין איך די שלעכטע! געה, הארעווע, קריך אין דער ערד! אַ שענעם כבוד קאָן מען זיך פון איך דערלעבען, ברענען זאָלט איהר אויפ'ן פייער, ווי מיר ברענט דאָס פּנים, רבונו של עולם! אַ טאָג ווי נאַכט ווייסט מען נאָר זיצען איבער די שענע ביכלעך און פּאַטשקען אין די גאָזעטען! און אַז איך קום פון מאַרק, קוקט מען אויף מיר, ווי אויף דעם הונט, און מע סוד'עט זיך מיט דעם ווייב, און מע שושקעט זיך מיט איהר — שו־שו־שו, שו־שו־שו... וואָס שושקעט ער זיך מיט איהר? האַ? דו מיינסט, איך ווייס ניט, אַז ער רעדט פון מיר? האָסט מורא, איך הער ניט? וואָס פאַר סודות איז דאָ פאַר אַ שוויגער? איך פרעג דיך, וואָס האָט זיך איין איידעם צו בעהאַלטען פון אַ שוויגער? ראובן־הערש? ראובן־הערש! (מיט אַ קוועטש). ראובן־הע־ערש!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש (כאַפּט זיך אויף). האַ?

ש ר ה ־ ח נ צ י. האַק דיר אין מוח! איך רעד און רעד, ווער צעזעצט רעדענדיג, און ער „האַקעט" און „האַקעט", גלייך ווי אַ הונט בילט! אין מיר ווערד מיין גאַל צע־פּלאַצט, מיין בלוט ווערד איבער־געזאָדען, ווי אין אַקריפּ — און ער זיצט זיך מיט אַ גלאַטען לונג און לעבער איבער די ספרים'לעך, און איך האָוקע און האָוקע, טאָמער ווייסט דו וואָס? אפנים, די ספרים'לעך זענען ביי דיר טהייערער פון'ם ווייב? דאָס איז דאָך אין גאַנצען דיין חיות! און ווער פאַהרט אויף אַ יאַריד?—שרה־חנצי! ווער וואַרגט זיך מיט אַ קאַרטאָפלי פאַר אַ גאַנצען טאָג, דערוואַרגען זאָלסט דו ווערען, ליעבער גאָט? — שרה־חנצי! ס'זאָל איהם אַנהויבען, אשטייגער, אהרען, וואָס דער שענער געניידעם זיינער, ברענען זאָל ער, פּאַטשקעט מיך אויף די גאָזעטען... ראובן־הערש! (בויגט זיך אַן צו איהם, אין אויהער אריין). ראובן־הערש! ראובן־הערש! ראובן־הערש!

ר א ו ב ן - ה ע ר ש (רייסט זיך אפ פונ'ם ספר). הא? הא? הא?

ש ר ה - ח נ צ י. קוק אן אביסעל א האקען — האק דיר אין מוח! איך רעד פון דיין תכשיט, פונ'ם געניידעם דיינעם רעד איך, פערחאפט זאל ער ווערען!

ר א ו ב ן - ה ע ר ש. וואס האסט דו צו איהם? וואס האט ער דיר געטהאן?

ש ר ה - ח נ צ י. וואס, האסט דו געוואלט, זאל ער מיר טהון? ער זאל מיך שלאגען? ס'איז גענוג דאס, וואס ער באשרייבט מיך אויף די גאזעטען!

ר א ו ב ן - ה ע ר ש. ווער האט דיר געזאגט, אז ער באשרייבט דיך אויף די גאזעטען?

ש ר ה - ח נ צ י. וואס דען ליגט ער טאג ווי נאכט ביי לאה-דוואסי'ס געניידעמעל, וואס שרייבט אין אלע בלעטער? צענויפגעקאמפאניעט זיך מיט א שארלאטאן א שרייבער, און נאר מע לאכט, און נאר מע ראהאטשעט זיך, און אז מע דערזעהט מיך, ווערד מען אנשטומט, שטום און קרום זאלען זיי ווערען פאר כל-ישראל!

ר א ו ב ן - ה ע ר ש. בלעבען, דו טשעפעסט זיך אומזיסט, מאטעל איז א יונגערמאן א גאלד! אזא יאהר אויף מיר.

ש ר ה - ח נ צ י. אמן, אזא יאהר אויף אייךביידען!

ר א ו ב ן - ה ע ר ש. ער איז א יונגערמאן, וואס קאן גוט לערנען, און לייענען, און שרייבען, און... און... און...

ש ר ה - ח נ צ י. און... און... און!... איך דארף ניט האבען קיין שרייבער, וואס זאל מיך באשרייבען! באליאפען!

ר א ו ב ן - ה ע ר ש. טשעפע זיך אפ, ער האט דיך ניט אפילו אין זינען!

ש ר ה ־ ח נ צ י . וואס איז! סע שטעהט איהם אפשר ניט אן? איך דארף אויף כפרות איין איירעם, וואס קען צופיעל און פארשטעהט צופיעל און ווייסט צופיעל!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש. וואס־זשע אהרט עס דיך, אז ער קען צופיעל און פארשטעהט צופיעל און ווייסט צופיעל?

ש ר ה ־ ח נ צ י . אהרען אהרט מיך ניט: לאז ער זיך אנ־צינדען! אבי ער זאל מיך לאזען צורוה. ניט פאטשקען מיך אויף די גאזעטען!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש . ווער האט דיר געזאגט, אז ער פאטש־קעט דיך אויף די גאזעטען?

ש ר ה ־ ח נ צ י . וואס דען טהוט ער טאג ווי נאכט ביי לאה־דוואסי׳ס געניידעמעל, וואס אלע ווייסען, אז ער פאטשקעט אויף די קרויטבלעטלעך, מיין איך אויף די גאזעטען?

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש (ארויס פון די כלים). א מעשה אהן איין עק מיט דיר! עס וואלט טאקי געווען א מצוה, כלעבען, מע זאל דיך טאקי באשרייבען אין די גאזעטען, און גוט באשרייבען, אזוי אז דו זאלסט האבען צו זינגען און צו זאגען!

ש ר ה ־ ח נ צ י (רויט פאר כעס). ניט דערלעבען וועט איהר דאס ביידע! נא דיר א מתנה! (טראגט איהם אונטער א פייג).

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש . עס געזונד! (נעמט דעם ספר אונטער דער האנד און געהט אוועק, טהוט א זעץ מיט דער טהיר. פונ׳ם אנדערען חדר לויפט ארויין ע ט ע ל).

2.

ש ר ה ־ ח נ צ י און ע ט ע ל .

ע ט ע ל (איבערגעשראקען). וואס איז דער טאטע אזוי אין כעס?

שרה־חנצי. ווייסט איהם דער שווארצער יאהר! דו קענסט איהם ניט, דעם כהן? ער וויל ניט ליידען, למאי דיין מאטעל איז נפש־אחת מיט דעם שארלאטאן.

עטעל. מיט וואסער שארלאטאן?

שרה־חנצי. אט מיט לאה־דוואסי'ס געניידעמעל, מיט לוי־בנימינ'ען.

עטעל. מיט וואס איז לוי־בנימין א שארלאטאן?

שרה־חנצי. איך ווייס, מיט וואס? ער וויל ניט, דער טאטע דיינער, אז דיין מאן זאל זיין באקאנט מיט א שלים־מזל, וואס פאטשקעט אויף די קרויטבלעטלעך, שרייבט אויף די גאזעטען מיין איך... ער וויל ניט ליידען, דער טאטע דיינער, וואס די שטאדט האלט דיך אין מויל, דיך און דיין מאן.

עטעל. מיין מאטלען?

שרה־חנצי. דיין מאטלען! וואס, מיינסט דו, איז דיין מאטעל? א בשר־ודאם גלייך מיט אלע.

עטעל. וואס־זשע זאגט מען אויף מיין מאטלען?

שרה־חנצי. מע זאגט... וואס א שטאדט קאן זאגען! מע שמועסט, אז ער ליגט טאג ווי נאכט ביי לאה־דוואסי'ן נישט אזוי צוליעב דעם איידעם, ווי צוליעב עמיצען אנדערש.

עטעל (אויפגערעגט). למשל, צוליעב וועמען?

שרה־חנצי. איך ווייס, צוליעב וועמען? ווייסט זיי דער רוח אלעמען!

עטעל (לאכט מיט יאשטשערקעס). הא־הא־הא! לעדיגגעהערס, פוסטעפאסניקעס, רכילות'ניקעס! האבען שוין ניט וואס אויסצוטראכטען!

שרה־חנצי. אז מע קלינגט, איז א חגא... ווענט האבען אויהרען, גאסען האבען אויגען!...

ע ט ע ל (אויסער זיך). הערסט דו מאַמע? אַט די, וואָס זיי קאָנען זאָגען אַזאַ זאַך, מעג זיך זיי שטעלען דאָס מויל אויף אַ זייט! אַ חדוש איז מיר נאָר אויף דיר, מאַמע, אַז דו זאָלסט קאָנען גלויבען אַזעלכעס אויף מיין טאַטעלען...

ש ר ה ־ ח נ צ י . זעה נאָר, ווי זי פאַרציהט איהם אַביסעל אויף אַ שטריקעלע: מ אַ ט ע ל ע ! מאַ־טע־לע! וואָס איז דאָרט אַזעלכעס? דו מיינסט, אַז ער געהט טאַקי אוים נאָך דיר, טאָכ־טער, אַזוי ווי דו נאָך איהם?

ע ט ע ל . מאַמע, דו האָסט אין איהם אַ גרויסען טעות, מאַ־מע! דו קענסט איהם ניט! ער איז...

ש ר ה ־ ח נ צ י . אַזוי? הייסט דאָס, ווייסט דו מעהר פון מיר? גוטע יאָהרען! אַז אַך און וועה דער מאַמע! ניטאָ וואָס צו רעדען! מיין טאָכטער ווייסט מעהר פון מיר! זי איז די חכמה! זי ווייסט אַלעס! נאָר איך ווייס גאָר ניט! איך בין דער נאַרר! איך בין די בהמה!...

ע ט ע ל . ווער זאָגט דען, מאַמע? איך זאָג נאָר, אַז אַזאַ יונגערמאַן, ווי מיין טאַטעל...

ש ר ה ־ ח נ צ י (נעמט די הענד פאַרבאָקאָס). נו?

ע ט ע ל . אַזאַ יונגערמאַן, ווי מיין טאַטעל, דאַרף מען אויס־פאָהרען די גאַנצע וועלט, וועט מען נישט געפינען...

ש ר ה ־ ח נ צ י (קאַטשעט זיך). חאַ־חאַ־חאַ־חאַ־חאַ־חאַ! אַזוי? דאָס האָט ע ר דיך אַזוי איינגערעדט? איאַ? נו, גלויב איהם, טאָכטער! ער האָט דיר אפשר געשוואָרען אויך? חאַ־חאַ־חאַ־חאַ! האָסט זיך אין איהם אַביסעל צופיעל איינגעגלויבט, פיהרט ער דיך ביי דער נאָז. ווען דו זאָלסט זיך צו איהם אַזוי צוקוקען, ווי איך קוק זיך צו, וואָלסט דו אפשר אויך געזעהן דאָס, וואָס איך זעה.

ע ט ע ל . וואָס זעהסט דו אויף איהם אַזעלכעס, מאַמע?

ש ר ה ־ ח נ צ י . איך זעה? הלואי וואלט קיינער ניט זעהען! מע זעהט שוין!

ע ט ע ל (דערשראקען). וואס זעהט מען? ווער זעהט? וואס האט מען געזעהען?

ש ר ה ־ ח נ צ י . מע האט געזעהען דאס, וואס קיינער דארף ניט זעהען.

ע ט ע ל (צעקאכט). מאמעניו! הארצעניו! ליובעניו! איך בעט דיך, זאג מיר, וואס האט מען געזעהען?

ש ר ה ־ ח נ צ י . אזוי? ווילסט דו טאקי, אז איך זאל דיר זאגען? א שענער כבוד פאר דער מאמע דיינער! לאזען דיר אנ־דערע זאגען, טאכטער מיינע!

ע ט ע ל (וויינט). דו מוטשעסט מיך, מאמע! איך בעט דיך, זאג מיר האטש איין ווארט, האטש א האלב ווארט! איך בעט דיך, מאמעניו! הארצעניו! נשמה'ניו!

ש ר ה ־ ח נ צ י . וואס זאל איך דיר זאגען, וואס? וואס האסט דו זיך צוגעטשעפעט צו מיר? געה, לאז ער דיר זאגען, וואוהין געהט ער אלע טאג נאכ'ן דאווענען?

ע ט ע ל . וואס הייסט וואוהין? צו לוי־בנימין, צו לאה־דוואסי'ס איידעם: דארט לערנען זיי צוזאמען, לייענען גאזעטען...

ש ר ה ־ ח נ צ י . חא־חא־חא! אזוי טאקי? ווער האט דיר געזאגט? מע לערענט דארט אינאיינעם און מע לייענט גא־זעטען?!

ע ט ע ל . וואס זשע דען טהוען זיי? אדרבה, זאג, מאמע, לאם איך אויך וויסען!

ש ר ה ־ ח נ צ י . פון וואנען זאל איך וויסען? איך געה איהם נאך, צי וואס? איך האב מעהר נישט וואס צו טהון, נאר נאכקוקען דעם געניידעם מיינעם, וואוהין ער געהט -- איך זאג דיר! פראמענע מעג ער געהן ניט נאר צו לאה־דוואסי'ס טאכ־

טער — אפילו אין דער ערד אריין, אהרט מיך אויך ניט, אבי מיר און מיין קינד זאל ניט שאדען!

ע ט ע ל. מאמע! דו ווייסט גאר ניט וואס דו רעדסט! וואס יענער וועט דיר דערצעהלען פזמונות, נעכטיגע טעג...

ש ר ה ־ ח נ צ י (מיט פייער). הער נאר, טאכטער מיינע. שוין לאנג ביזט דו געווארען אזא פרעסטארעץ, וואס דו דערצעהלסט מיר מעשיות? וואס מאכסט דו מיר אוועק מיט דער האנט: „פזמונות"! איך דארף זיך ביי קיינעם ניט נאכפרעגען! איך פרעג נישט ביי קיינעם; מע קומט צו מיר אין קלייט אריין און מע דערצעהלט מיר — זאל איך מיר פארשטעלען די אויהרען? מאהל דיר, אז אך און וועה איז מיר, אז איך זיץ און הער אויס אט די אלע שענע מעשיות! איך בין דאך מעהר נישט ווי א מענטש. נו, א מאמע איז מסתמא נישט איינגענומען, אז מע רעדט אויף איהר קינד. יענעם דאס מויל פארשטעלען קאן איך ניט, און געהן זיך אפקריעגען מיט יעדען בעזונדער בין איך אויך ניט משה־מחויב. ווי זאגט מען: „שנייץ די נאז און שמיר דעם פנים"... ס'איז מיר אודאי גוט, זאג איך דיר!

ע ט ע ל (אויסער זיך). עמיצער האט דיר אויסגעקלערט א נעכטיגען טאג. אודאי א שונא מיינער, און דו גלויבסט!

ש ר ה ־ ח נ צ י (חיים). אויסגעקלערט? א שונא? א, כשר'ע בהמה'לע! געה הער, וואס מע רעדט אויף דער גאס, אין אלע הייזער! די גאנצע שטאדט האט צו טהון מיט מיר — זאגט זי א שונא! מיר ליגען ביי יעדען איז מויל, קינד און קייט ווייסט פונ'ם סוד. יעדער בעזונדער ווייזט אויף מיר אן מיט'ן פינגער, און איז שוהל הער איך הינטער מיינע פלייצעס, ווי מע שושקעט זיך און מע לאכט — און זי זאגט מיר, אז ע מ י צ ע ר האט אויסגעטראכט! יענער הענגט זיך לאה־דוואס'ס טעכטערל אויפ'ן האלז, און זי זאגט: אויסגעטראכט!

ע ט ע ל (וויינט). ס'אליגען, מאמע, ס'אליגען! ס'אליגען!

3.

די זעלבע און מאטעל.

מ א ט ע ל (לויפט אריין א דערשראָקענער). וואס איז? וואס שרייסט דו, עטעלע? דו וויינסט? וואס וויינסט דו, עטעלע? (נעמט זי אָן ביי דער האַנד, קוקט בייז אויף דער שוויגער).

ש ר ה־ח נ צ י (שטעהט אויף). קוק איהם אָן אביסעל, ווי ער מאכט דעם אָנשטעלן א נעבאכעל, גאָט די נשמה שולדיג... געמאכט א תל פון מיין קינד, אוועקגעקוילעט, אראָפּגענומען דעם קאָפּ — און האָט א פּאַטעפּאַלנעסט פּרעגען, וואס זי וויינט?! רוצח! קוילער! מלאך־המות איינער! זאָג מיר, מיט וואס אַטוועטשאָיעסט דו מיר פאר מיין קינד? פאר מיין קינד, פאר מיין אויג אין קאָפּ? וויין, טאכטער, וויין! וועה איז דער מאמע דיינער! (תאַפּט די ארבייט, געהט ארויס און טהוט א קלאַפּ מיט דער טהיר).

4.

מאטעל און עטעל.

מ א ט ע ל (נעמט אָן עטלען ביי ביידע הענד און וויל איהר געבען א קוש; זי לאָזט זיך ניט און הערט ניט אויף צו וויינען). עטעלע! טהייערע מיינע! זאָג מיר, וואס איז דא אזעלכעס? וואס וויינסט דו? איך בעט דיך, נשמה מיינע! זאָג מיר! נו, זאָג חאָטש איין ווארט! האָטש איין ווארט!

ע ט ע ל (צעגעהט זיך פאר געוויין). אוי, לאָז מיך! לאָז מיך! אוי, געה אוועק פון מיר! אוועק! אוועק! אוועק! (שטופּט איהם אָפּ פון זיך).

מ א ט ע ל (טרעט אָפּ אביסעל, בלייבט שטעהן, לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ, לעגט צענויף די הענד און בלייבט אין א טראַגישער פּאָזע). רבונו של עולם! רבונו של עולם! (געהט צו נעהנטער צום ווייב). עטעלע! עטעלע! האָב רחמנות!... עס ווייזט אויס, אז די שוויגער האָט שוין ווידער

אנגערעדט אויף מיר... עטעל! למאי זאלסט דו פון מיר פארבאר־גען? ערשט נעכטען האסט דו מיר געשוואוירען, אז וואס מע וועט דיר זאגען, וועסט דו מיר באלד דערצעהלען... אז דו וועסט שוין מעהר קיין שלעכטס אויף מיר נישט גלויבען... אז צווישען אונז וועט תמיד זיין א הייליגע ליעבע אויף אייביג... און אצינד, מיין טהייערע, שטעה איך פאר דיר און בעט רחמים, זאלסט חאטש איין קוק טהון אויף מיר, חאטש איין ווארט מיר זאגען, ווילסט דו נישט, עטעל! וואו זענען דיינע שבועות? וואו זענען דיינע נעכטי־גע הבטחות, עטעל? (ער האפט זי ארום און טהוט זי א קוש, זי רייסט זיך אויס פון זיינע הענד מיט כעס).

עטיל. אוועק! אוועק צו לאה־דוואסי'ס טעכטערל! אוועק פון מיינע אויגען!

מאטעל (ערשטוינט). צו לאה־דוואסי'ס טעכטערל? וואס הייסט דאס און וואס בעדייט דאס? וואס איז דאס פאר א נייעס, הא?

עטעל (מיט הארץ). א נייעס, זאגסט דו? געה הער, וואס די שטאדט רעדט!

מאטעל. די שטאדט רעדט! וואס רעדט די שטאדט? אדרבה, לאם איך אויך וויסען?

עטעל. דו פרעגסט נאך? הא? וואס געהסט דו אהין אלע טאג? דו מיינסט, דו נארסט מיך אפ? מיין נים, אז איך בין אזא נארר, ווי דו מיינסט. א, איך ווייס שוין! איך ווייס שוין! צו לוי־בנימינ'ען געהסט דו? איא? צו איהר, צו לאה־דוואסי'ס קראסאוויצע מיט דער רויטער נאז... א א א!!! (זי רייסט אויף זיך די האר און איז אויסער זיך).

מאטעל (האפט זי ביי די הענד, נעמט זי ארום מיט הייסע שלאם־פייערדיגע קושען). עטעל! ליובעניו! וואס רעדסט דו? איך? איך? צו לאה־דוואסי'ס טאכטער? צו אט דער דאזיגער?

איך וועל דיך פארבייטען אויף לאה־דוואסי׳ס טאכטער? דיך? מיין קעצעלע? מיין נשמה? מיין לעבען? מיין... איך...? א, איך וויים שוין, פון וועמען דאס וואכסט! איך וויים שוין! דאס האט זי אויסגעטראכט! זי! די שוויגער! יא, איך וויים שוין! איך וויים שוין! א, זי וויל אונז צעשיידען! זי וויל מיך אין דער ערד ארייגטרייבען א לעבעדיגען! זי האט זיך גענומען אויף מיר! ערשט היינט אין דער פריה האט זי מיר דערצעהלט און אנגערעדט אויף דיר כל הצרות! אז דו האסט זיך איהר געקלאגט אויף מיר, אז דו קאנסט מיך ניט אנקוקען, אז לוי־בנימין האט א שען קול און קאן זינגען און איך ניט; אז לוי־בנימין... נאר איך גלויב ניט, און דו גלויבסט! איך זשאלעווע דיך. און דו מיך — ניט. איך האב דיך ליעב און בין דיר געטריי ביז לעצט, און דו האסט אפילו קיין קאפ רחמנות ניט אויף מיר!... דו האסט מיר געגעבען א שבועה, אז דו וועסט מיך אייביג ליעב האבען, תמיד גלויבען: צום סוף, ווילסט דו אפילו אויף מיר קיין קוק ניט טהון... א! איך בין דער אומגליקליכסטער מענטש אויף דער וועלט! (פאלט אויף א בענקעל און וויינט).

עטעל (געהט־צו צו איהם און וויל איהם טהון א קוש; ער לאזט ניט). מאטעלע! גאט איז מיט דיר! טהו אויף מיר א קוק — דאס בין איך! דו ווילסט מיך ניט? מאטעלע! מאטעלע!

מאטעל (פאלט איהר אויף דעם האלז). עטעלע!...

עטעל (מע קושט זיך). מאטעלע!...

מאטעל (קושענדיג). קעצעלע!

עטעל (קושענדיג). קאטעקעל!

מאטעל (קושט זי). נשמה מיינע!

עטעל (קושט איהם). לעבען מיינס!

מאטעל (קושט זי). מיין ענגעל!

עטעל (קושט איהם). מיין הארץ!

מ אַ ט ע ל. און דו האָסט זיך אויף מיר אזעלכעס געגלויבט. האָ?

ע ט ע ל. אַ, זיי מיר מוחל, מאַטעלע! דאָס לעצטע מאָל!

מ אַ ט ע ל. זעה זשע, עטעלע, דאָס לעצטע מאָל!

ע ט ע ל. דאָס לעצטע מאָל! דאָס לעצטע מאָל!

מ אַ ט ע ל. שווער מיר!

ע ט ע ל. איך שווער דיר!

מ אַ ט ע ל. ביי דיין לעבען?

ע ט ע ל. ביי מיין לעבען!

ענדע פון'ם ערשטען בילד.

דאס צווייטע ביל ד.

1.

ראובן־הערש זיצט איבער א ספר אין דעם זעלבען צימער און איז צעקאכט. ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן קוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין.

ר א ו ב ן ה ע ר ש און ש ל ו ם ש ד כ ן.

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. וואס זענט איהר אזוי צעטראגען וואס? מילא, וואס סע מאכט זיך וואס? אייער טאכטער איז ניט די ערשטע איז זי! איהר האט מורא האט איהר, זי וועט נישט קריגען קיין אנדערען וועט זי? בראד איז ניט אויסגעשטארבען בראד!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש. וואס רעדט איהר? איהר ווילט מיר איינרעדען א קינד אין בויך? מאטעל איז א זעלטענער יונגערמאן; א זעלטען קינד, כלעבען, א זעלטען קינד!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. נו, ווער זאגט דען ווער? ער איז אודאי נישקשה פון א יונגערמאן איז ער; נאר מסתמא איז דאס ניט איהר זיווג מסתמא...

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש. נישט איהר זיווג, זאגט איהר? וואס איז? וואס געהט איהם אפ? איך פרעג אייך, רב שלום, מיט וואס איז דאס נישט גלייך? אדרבה, זאגט איהר אליין! (רוקט זיך צו צו איהם).

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן (רוקט זיך אפ). וואס קאן איך זאגען וואס? גאט איז דער מזווג זיווגים איז ער. וואס קאן וויסען א מענטש וואס?

ראובן הערש (כאַפּט אָן רב שלום'ן פאַר די לאַצען און טרייסעלט איהם). גאָט איז מזווג זיווגים, זאָגט איהר? איהר קאָנט מיר אַזעלכעס זאָגען? איהר ווייסט דאָך יאָ, וואָס דאָ טהוט זיך, און ווילט מיך אָפּנאַרען? מיך???

רב שלום שדכן (רייסט זיך אויס פון זיינע הענד אַ דערשראָקענער). לאָזט מיך צו־רוה לאָזט מיך! וואָס קעהר זיך מיט מיר אָן וואָס? איך דאַרף קריכען צו יענעם אין קעשעניע דאַרף איך? איך וויים גאָר ניט איך!

ראובן־הערש (געהט אַרום הין און צוריק) אוי, ווייסט איהר ניט! איהר ווייסט גאַנץ גוט פון מיין שלאַק, פון מיין צרה! איהר מאַכט זיך נאַר, אז איהר ווייסט ניט!

רב שלום שדכן. יאָ, אָבער וואָס קעהר זיך דאָס מיט מיר אָן וואָס? מע האָט מיך געשיקט רופען האָט מען מיך — בין איך געקומען בין איך: מע זאָגט אַ גט, לאָז זיין אַ גט לאָז זיין...

ראובן־הערש (שטעלט זיך אָפּ). א גט, זאָגט איהר?

רב שלום שדכן (קאַלטבלוטיג). נו, פאַרשטעהט זיך, אַ גט.

ראובן־הערש (אַ זעץ מיט דעם קולאַק אין טיש אַריין). איך וויל ניט קיין גט! איהר הערט, רב שלום? איך וויל ניט קיין גט! איך וויל ניט! איהר הערט, צי ניין?

רב שלום שדכן. איך הער, איך הער: פאַר וואָס זאָל איך ניט הערען פאַר וואָס? „זי" וויל אָבער, „זי"!

ראובן־הערש. ווער איז די „זי"? וואָס איז פאַר אַ „זי"? וואָס מיר זי, ווער מיר זי?...

רב שלום שדכן. איך מיין, שרה־חנצי מיין איך: אייער שרה־חנצי אייערע.

ראובן־הערש. שרה־חנצי? נו, און וואו בין איך?

רב שלום שדכן. (באַראַבאַנעט מיט די פינגער אין טיש אַריין). דאָס וויים איך ניט דאָס.

ר א ו ב ן - ה ע ר ש. וואס הייסט, איהר ווייסט ניט? איך וועל דערלאזען אזעלכעס ביי זיך אין שטוב? אזא רציחה איז נאך נישט געהערט געווארען אויף דער האלבער וועלט! מע זאל נעמען קינדער, אזעלכע צוויי טהייערע קינדער, וואס האבען זיך ליעב דאס חיות מיט דער נשמה, און פלוצים אין מיטענדרינען אפ׳גט׳ען זיי, צעשיידען זיי, צעררייסען זייער גליק אויף אייביג! פאר וואס? פאר ווען? פאר וועמענס זינד? (ער טרייסעלט רב שלום׳ן פאר די לאצען).

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן (רייסט זיך אויס). וואס בין איך שול־דיג וואס? וואס האט איהר צו מיר וואס?

ר א ו ב ן - ה ע ר ש (מיט גרויס פייער). אזא צאצקע! אזא יונגערמאן! נו, און איך וועל דאס צוזעהן און אפשווייגען? הא? וואס מיינט איהר זיך? איך בין דאך א פאטער! איך בין דאך דער פאטער! איך האב עפיס אויך א שמיקעל דעה, צי ניין? הא? איך וועל לאזען, מע זאל מיין קינד פיהרען פאר א קרבן? און וואו בין איך — פרעג איך אייך? רב שלום, וואו בין איך? (ער וויל אנחאפען רב שלום׳ן פאר דער לאץ).

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן (רוקט זיך אפ). איהר זענט גערעכט איהר, וואס אמת איז אמת, רב ראובן־הערש. איהר זענט אודאי גערעכט זענט איהר. הייסט געבען אביסעל בראנפען און עפיס פארבייסען אויך. איך האב נאך היינטיגען פריהמארגען אין מיין מויל ניט געהאט האב איך. (מע טראגט אריין א פלעשעל וויין מיט פארבייסען. רב שלום שדכן גיסט זיך אן א כוסה). לחיים, רב ראובן־הערש, לחיים! לאז גאט געבען בעסערע געשעפטען לאז ער... לחיים! לחיים! (ער מאכט א כוסה).

ר א ו ב ן - ה ע ר ש (גיסט זיך אן און נעמט א קאפ). לחיים, רב שלום! לחיים טובים ולשלום! עה, ברודער, א פאהאנע וועלט! פע, כלעבען, א פאהאנע וועלט! פע!... (טרינקט נאך א קאפ).

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן (א כוסה). פע, רב ראובן־הערש, פע, פע!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש (טרינקט נאָך אַ קאָפּ). אָבער גאָר אויף איין אַנדער אופן פּע, רב שלום!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן (טרינקט), זעהר פּע! זעהר פּע!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש (נאָך אַ קאָפּ). אָבער טאַקי, רב שלום, וואָס פּע הייסט!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן (נאָך אַביסעל). פּע, פּע, פּע! ביז׳ן עק אַריין פּע!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש (אַביסעל פערשמאַכט). וואָס ווייסט איהר, רב שלום, ווי פּע דאָס איז! וויפיעל איהר ווייסט פּע, איז אַפּילו קיין שמינית שבשמינית, קיין צעהן־טויזענד־חלק אפילו! דאָס איז אַזאַ מין פּע, וואָס זינט די וועלט שטעהט איז נאָך אַזאַ פּע ניט געווען!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן (מראה כהן; שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ און שמייכעלט). איך וויים, רב ראובן־הערש! ס׳איז שטאַרק פּע! איהר דאַרפט מיר ניט דערצעהלען איהר. איך האָב אויך די אייגענע מכה איך, פּונקט אַזאַ צרה פּונקט, און אפשר נאָך ערגער אפשר...

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש. דאָך איז מיט אַ גאַנג; ניט אַזוי ווי ביי מיר. אוי, וואָס ווייסט איהר, וואָס ווייסט איהר? קיינער ווייסט ניט, רב שלום! אָט דאָ ליגט דאָס ביי מיר. (ווייזט מיט׳ן פינגער אויף דעם האַרצען). אָט דאָ, טיעף־טיעף!... און פאַר וואָס? פאַר וועז? (בויגט איין דעם קאָפּ). שוין עטליכע און צוואַנציג יאָהר, אַז איך קום אָפּ אויף דער וועלט... עטליכע און צוואַנציג יאָהר בין איך אין גיהנם... שבעה מדורי גיהנם... אויף הייסע סקאָוו־רעדעס בראָטען מיין לייב... קאַליסטראַי, רב שלום, קאַליסטראַי טרייבט זי מיך דריי מאָל אין טאָג... אָהן אַ שום רחמנות... קיין גוט וואָרט כמעט פון דער ערשטער שעה... אַ ווערטעלע אויסצו־רעדען — עטליכע און צוואַנציג יאָהר!... אָט וואו מע דאַרף אַ גט, רב שלום! (קוקט זיך אַרום מיט שרעק). אָט וואו מע וואָלט בעדאַרפט אַרויספיהרען אויף אַ גט!...

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. אודאי גט! (גיסט אָן אַ כוסה). ביי מיר אויך די אייגענע צרה ביי מיר...

(עס קומט אָן ש ר ה ־ ח נ צ י).

.2

ד י ז ע ל ב ע א ו ן ש ר ה ־ ח נ צ י.

ש ר ה ־ ח נ צ י (פליהט אַריין, ווי אַ ווירבער, און בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב; אַ פליעסק מיט די הענד). ראובן־הערש! וואָס איז דאָ ביי דיר פלוצים פאַר אַ יום־טוב? גאָט איז מיט דיר, ראובן־הערש! ווערסט צייט האָבען נאָך דעם גט פאַרטרינקען... (קוקט אין דעם לעדיגען פלעשעל אַריין). געמענט איבערלאָזען אַביסעל אויף שפּעטער... ווערסט נאָך האָבען גענוג צייט צו טרינקען. און איהר אויך, רב שלום! אם ירצה השם, צום צווייטען קנס־מאָל און צו דער אַנדערער חתונה ביי אונזער טאָכטער... נאָר לאָז שוין גאָט געבען מיט מעהר הצלחה, ניט אַזאַ געניידעם, ווי איהר האָט מיר געגעבען, רב שלום!...

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן (לעפּעטשעט מיט דער צונג). איך בעט אייך, שרה־חנצי... איהר זענט דאָך... אַ... אַ... איך מיין טאַקי באמת מיין איך... אַ... אַ... ווי זאָגט ער... אַ... אַ... אַ... אשה צנועה... אַ...

ש ר ה ־ ח נ צ י (ווייזט זיי אויף דער טהיר. זיי געהען ביידע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, און זי געהט זיי נאָך). נו, געהט שוין, געהט! שוין אַלץ פאַרטיג... דער רב האָט געשיקט צו מיר דעם שמש... דער גט איז שוין צום שרייבען... נו, ריהר זיך שוין, ראובן־הערש, ריהר זיך! קוק איהם אָן אַביסעל, ווי ער פּלאָנטעט מיט די פיס... אין מיטען דרינען זעצט מען זיך אוועק חלעפּטשען וויין... (שטילערהייד). פיאַווקעס זאָלען טרינקען אייער בלוט בייד־ע... האָט זיך צענויפגעקאָמפּאַניעט מיט דעם דאָזיגען זולל־

וסובא׳ניק און מע האָט אויסגעראַמט וואו ס׳איז דאָ אַ שטיקעל לעקאַך אין שאַפע, עסען זאָלען איך ווערעם ביידע אייער לייב, זיסער גאָט!...

3.

פריהער קומט אריין מאָטעל, פאַלט אויפ׳ן בענקעל און בלייבט זיצען אין אַ טראַגישער פּאָזע; באַלד נאָך איהם קומט אריין לוי־בנימין מיט אַ שמייבעלע.

מאָטעל און לוי־בנימין.

מאָטעל (וויינט און רייסט אויף זיך די האָר). פאַרפינ־סטערט בין איך געוואָרען! אַז אַך און וועה איז מיר, אַז איך דאַרף מיין עטלען געבען גט!

לוי בנימין. וואָס־זשע האָסט דו געוואָלט? אַז עטעל זאָל דיר געבען גט?

מאָטעל. יאָ? דו לאַכסט? דו טרייבסט קאַטאָוועס? אַצינד?

לוי־בנימין. וואָס דען? משוגענער, וואָס קלאָגסט דו? וואָס האָסט דו זיך צעיאַחמערט, ווי אַ אידינע? אדרבה, זאָג!

מאָטעל. וואָס־זשע דען? טאַנצען זאָל איך?

לוי־בנימין. אודאי טאַנצען!... דו ווערסט פּטור פון אַזאַ שוויעגער, ווי שרה־חנצי, מעגסט דו געווים געהן טאַנצען... ווער קען זי ניט? איך בין באַוואָהרענט, אַז דו וועסט דאָ אַפזיין נאָך אַ האַלב יאָהר אין שטוב, וועט דיך דיין שוויעגער פּאַטשען, אַזוי ווי זי פּאַטשט דעם שווער דיינעם, אַט דעם עהרליכען טפּש, וואָס איז ערגער פון איהר, אַז ער לאָזט זיך אַזוי טרעטען מיט די פּיס.

מאָטעל. ס׳איז דיר גרינג צו רעדען, יאָ. זאָלסט אָבער זיין אויף מיין אָרט, וואָלסט דו...

לוי־בנימין. איך זאָל זיין אויף דיין אָרט, לעקיש, וואָלט איך מיך אויפ׳ן דריטען טאָג גט׳גט און גוז׳פטר׳ט אין עול

פונ'ם קאפ! איין מאל פאר אלע מאל! (ער שפאנט ארום איבער דער שטוב).

מאטעל (פערטראכט). זיך גע'גט?... נו, און עטעל? אך, לוי־בנימין! וואס ווייסט דו, וואס ווייסט דו, ווי טייער, ווי ליעב זי איז מיר!?...

לוי־בנימין (שפאנט ארום הין און צוריק). קוק איהם אן אביסעל, ווי ער מאכט דאס העויות, די ליעבע האט זיך אין איהם צעפלאקערט! ווער מיר ליעבע? וואס מיר ליעבע? וואס האסט דו זיך איינגעבילדעט, משוגענער? א שענע ליעבע, אז די מאמע קאן זי ארויספיהרען צעהן מאל אין טאג אויף גט? אויף מיר א ליעבע! חא־חא־חא!

מאטעל. מעגסט דיר לאכען וויפיעל דו ווילסט. און דאס, וואס דאס הארץ פיהלט? (ער חאפט זיך ביי'ם הארצען).

לוי־בנימין. חא־חא־חא! וואס פיהלט דאס הארץ? וואס?... ער האט זיך אנגעלייענט מיט ראמאנען, ווי א פויק, און שרייעט אויף אלע גאסען „ליעבע"! גלאט, טע ווילט זיך דיר שפיעלען א ראמאן, נעמסט דו אליין אויף זיך צרות מיט שלעק!... נו, ווילסט ניט קיין גט? ווי דו ווילסט זיך! זיץ דא! אט וועט באלד קומען דער אשמדאי, די שוויעגער דיינע, און וועט דיך אריינלעגען גייען איילען אין דער ערד אריין און וועט אנשטעלען די טאכטער, אז זי זאל דיר ווארפען דעם גט פאר די פיס; און נאכדעם וועט איהר זיך איבערבעטען, צעקושען, און שפעטער מיט צוויי טעג ווייטער די זעלבע געשיכטע, ביז פון דיין געליעבטער וועט ווערען א מין שרה־חנצי און פון דיר א מין ראובן־הערש שרה־חנצי'ס... א לעמעשקע... א שענער סוף!... שעם זיך! (לוי־בנימין רוקט אן מאטלען דאס היטעל ביז איבער די אויהרען). א פיינער יונגערמאן! א יונגערמאן ביזט דו? א ווייבעל ביזט דו! א אידינע! מאמעל די אידינע! „סענדרערעל די אידינע". חא־חא־חא! דו געדענקסט „סענדרערעל די אידינע" ביי אבראמאוויטשען? חא־חא־חא! „שהיה יושב על הספסל" — אז סענדרערעל די אי־

דינע איז געזעסען אויפ'ן בענקעל אונטערגעבונדען מיט א טיכעל די צייהן, „וקולה קארטאפלים" — און האט געשיילט קארטאפ־לים — חא־חא־חא!

מאטעל. גוט איז דיר צו לאכען! דו האסט זיך ארייג־געחאפט אין א שטוב צווישען לייט, ניט צווישען אזעלכע, ווי איך בין אריין...

לוי־בנימין. האסט א גרויסען טעות, מאטעל, איך האב שוין דיר טויזענד מאל געזאגט, אז סע ווייזט זיך דיר אויס. גלויב מיר, ברודער, אז איך קום נענוג אפ. ניט אזוי פיעל, וויפיעל דו, פארשטעהט זיך, אבער קיין האניג לעק איך אויך ניט... סע ווילט זיך מיר אזוי זיצען און קוועטשען די באנק, אזוי ווי דיר גלוסט זיך אצינד געהן טאנצען. נאר וואס זאל מען טהון? מיר זענען אײדעמס, מאטעל, מיר זענען אײדעמס!... מע האט אונז גענומען פאר א ציערונג אין שטוב אריין, מע האט אונז גע־געבען ווייבער און מע זאגט אונז: געהט, קינדערלעך, צוויי מאל אין טאג אין שול אריין! טהוט אייך דארט וואס איהר ווילט, אבי לאזען לייט זאגען, אז איהר זענט שענע אײדעמלעך, זיידענע יונגע־לייט; און מיר, קעלבלעך, לאזען זיך פיהרען פאר'ן שטריקעל, טהון טהוען מיר גאר ניט, עסען לאסקאווע ברויט, טונעיאדצעס, פוסטעפאסניקעס! און אזוי געהען אוועק טעג מיט יאהרען, עס ווערד א קינד און צוויי... און מיר, קאן זיין, וואלט זיך גאר גענלוסט אצינד זיין ווייט־ווייט פון דאנען, ערגיץ אין אדעס, אדער אין א פייטערבארג... שטודירען... עה, ברודער, ניטא וואס צו רעדען, מאטעל, מיר זענען ביידע גוט אין דער נעץ. מיר איז אביסעל בעסער, דיר איז ערגער — געה זשע, נארעלע, פלאנטע זיך ארויס, ביז דו קאנסט נאך, — וויל שפעטער גאט ווייסט?... קום שוין, קום מאטעל, מאך זיך ניט נאריש!... (ער נעמט א מאטלען ביי דער האנד, זיי געהען אפ).

ענדע פונ'ם צווייטען בילד.

דאס דריטע בילד.

קומט פאר ביי ר ב א ר ק ע ד ע ם ר ב אין שטוב, וואס איז איבערגע־צאמט מיט א רעדנע אויף צוויי צימערען: א „זאל״ מיט א „קיך״. אין „זאל״ שטעהט א שאפע מיט ספרים, אויף דעם טיש ליגט א „יורה־דעה״ מיט איין „אבן־העזר״. א קאנאפע, בעצויגען מיט קעסטעלדיגען ציטץ; א מזרח אויף דער וואנד; א זייגער מיט א קוקושקע; א טיזליק מיט א טולופעל פון פיי מיט ווידעלעך; א שטריימעל; איין אטלעסענע קאפאטע מיט א געלען אונטערשלאק; די רביצינ׳ס יופע אויף וואנט; א גרויסע קווארט מיט א פיטש־נאסעו האנדטוך מיט א פאמוניצע און מיט א בעזעם.

1.

פרומע־ליבע די רביצין און שרה־חנצי.

ר ב י צ י ן. זיצט, שרה־חנצי. זעצט זיך צו, וואס שטעהט איהר?

ש ר ה ־ ח נ צ י (מיט׳ן בורנעס אויף איין ארבעל). ניש־קשה, איך קאן באשטעהן. (זי סמארעט מיט דער נאז).

ר ב י צ י ן. וואס אהרט אייך, שרה־חנצי? אט שטעהט א בענקעל, נעמט, זעצט זיך צו. ביז דער גט וועט נאך פארטיג ווע־רען, וועט אביסעל גערויערען. אך־אך־אך! (שפארט־אונטער די באק אויף צוויי פינגער און שאקעלט זיך).

ש ר ה ־ ח נ צ י. אך־אך־אך! (מאכט פיסקעס אויף צו וויינען און זעצט זיך צו מיט א זייט אוף דעם שפיץ בענקעל).

ר ב י צ י ן (מיט רחמנות). למאי זאלט איהר זינדיגען, שרה־חנצי? מסתמא איז דאס א באשערטע זאך. מסתמא הייסט דער אויבערשטער, הקדוש־ברוך־הוא, ברוך הוא וברוך שמו! מסתמא איז דאס נישט קיין זיווג...

ש ר ה ־ ח נ צ י (ווישט־זיך די אויגען און שנייצט די נאָז). נישט קיין זיווג, זאָגט איהר? אוי, פּרומעניו, נשמה'ניו! איהר קענט מיך דאָך ניט פון נעכטען און ניט פון פאָר־אַ־יאָהרען... איך קאָן דאָס אייך גאָר אַזוי פיעל נישט למנצח זיין, איך בעט אייך איבער ווי איין אייגענע שוועסטער. ווען איהר זאָלט וויסען, ווי אַזוי ער באַגעהט זיך מיט מיין טאָכטער, מיט מיין לייב און פלייש, וואָלט איהר אַליין געזאָגט, אַז... אַז עס איז אויף מיר אַ „מחזיר נשמות", עפּיס אַ מין פורעניות פון זיין ליעבען נאָמען, עפּיס איין „עוכר ישראל" איז ער, נאָך ערגער פון אַ משומד, ניט דאַ געדאַכט. איך ווייס? איין אויסווירפלינג, אַ „נשמת־כל־חי", אַ ווילדע חית רעה, אַ וואָוקעלאַקע!...

ר ב י צ י ן (שמוצערט מיט די ליפּען און מאַכט מיט דעם קאָפּ). מע זאָל גאָר בעהיט ווערען, רבונו של עולם פון דער גאַנצער וועלט, ברוך הוא וברוך שמו! סע איז דאָך עפּיס גאָר איין אַנ־שיקעניש איז דאָס! אַ מכה בכורה פון מצרים!

ש ר ה ־ ח נ צ י (מיט היטץ). פון מצרים, זאָגט איהר? פון סדום, זאָג איך אייך! פון סדום! עפּיס אַ מין, אַ מין... „ורחצו"! אַ פּיפּערנאָטער, וואָס איז דורם מיט'ן קוק, אַ לינדעגוואָרעם, וואָס ליגט אין חריין און מיינט, אַז סע איז גאָר קיין זיסערס נישטאָ אויף דער וועלט! ער ליגט און טאַטשעט, ווערעם זאָלען טאַטשען זיין לייב אין דער פינסטער, ליעבער גאָט!

ר ב י צ י ן. בּאַהיט מיך גאָט, ברוך הוא וברוך שמו! (זי הויבט אויף די אויגען מיט די הענד צו דער סטעלי). איך ווייס? איהר דאַרפט נאָך דאַנקען און לויבען דעם וואָס לעבט אייביג, ברוך הוא וברוך שמו, וואָס איהר ווערד פּטור פון אַזאַ צרה שלא תבוא! אַט נעמט, אַשטייגער, חיים־מאיר ליפּא־חזקאל'ס איידעם. מע זאָל באַהיט און באַשירמט ווערען, רבונו־של־עולם, ברוך הוא וברוך שמו!

שרה־חנצי. וואס איז דען מיט חיים־מאיר ליפא־חזקאל'ס אײדעם?

רבּיצין (פארגלאצט די אויגען, שפּייעט אויס און טהוט זיך א וויש דאס מויל). ס'זאל מיר נור נישט פארעכענט ווערען פאר קיין לשון־הרע חלילה. שוין זינד חיים־מאיר ליפא־חזקאל'ס האט געבראכט דעם אײדעם, האבען אנגעהויבען צו פאלען קלײנע קינדער, ניט היינט געדאכט, אזוי ווי שטרוי. גאט זאל זיך דערבארעמען, ברוך הוא וברוך שמו!

שרה־חנצי (שמוצערט מיט די ליפּען, שאקעלט זיך מיט'ן גאנצען קערפּער). וואס רעדט איהר, אוי, פרומעניו, נשמהניו? וואס זשע איז מיט איהם אזעלכעס, למשל? וואס האט ער געטהאן, דער ימח־שמו'ניק, פארהאפּט זאל ער ווערען?

רביצין. וואס האט ער געטהאן, פרעגט איהר? פרעגט בּיעסער, וואס האט ער ניט געטהאן? א קלײניגקײט — יענער האט אפגערעדט די לבנה!

שרה־חנצי. א, פארהאפּט זאל ער ווערען! וואס הייסט ער האט אפגערעדט די לבנה?

רביצין. ווייסט איהם דער גוטער יאהר! מיט אזא כשוף, צי וואס! זינט ער האט איהם געבראכט צו פיהרען, איז ניט געוועזן אײן לבנה.

שרה־חנצי. א, פארהאפּט זאל ער ווערען! וואו איז אהינגעקומען די לבנה?

רביצין. איך ווייס וואו זי איז אהינגעקומען? וואס ווייס א אשה? איך ווייס נור, דער רב האט מיר געזאגט, אז ס'איז נישטא קיין אײן לבנה מחדש צו זיין; ביז חיים־מאיר ליפא־חזקאל'ס האט נישט אפגעזאג'ט דעם אײדעם, איז נישט געוועזן קיין לבנה. און אז מע האט איהם אפגעזאג'ט, האט גאט ברוך הוא וברוך שמו א נס געטהאן, ס'איז שוין ווידער דא אלע חודש א לבנה...

דאס אייגענע איז מיט אייך, שרה־חנצי: אט ווערד איהר פון איהם פטור, אם ירצה־השם, מיט'ן אויבערשטענס הילף, ברוך הוא וברוך שמו...

שרה־חנצי. איך ווער פטור? סע קאסט מיך קארג בלוט? וואס רעדט איהר, פרומע לעבען? א ווערטעלע, א שידוך געטהאן, חתונה געמאכט, אנגעמויטשעט זיך — און וואס, איך בעט אייך? אצינד, געה טהו נאך אמאל א שידוך, וויעדער איין איידעם, א ציערונג אין שטוב אריין, איין עבודה־זרה, א לעשות־נקמה'ניק, א בייזער שטערן... ששא, אז געהט ער, דער תכשיט מיינער. לאם איך זיך באהאלטען, פרומע־לעבען, ביי אייך אין קיך, מיינע אויגען זאלען איהם נישט אנקוקען אין זיין טרפה'נעם פרצוף. א סבה איהם אין פנים אויף דריי יאהר מיט א האלבען!... (זי געהט אוועק אין צווייטען צימער).

2

רב ארקע דער רב קומט אריין געשווינד, וואשט די הענד, זאגט „אשר יצר" אויף א קול און זעצט זיך אויבענאן אויף דער קעס־טעלדיגער קאנאפע מיט גרויס פאראד. נאך איהם געהט אריין רב זכריה סופר און שטעלט זיך אן א זייט. נאך דעם סופר געהען נאך צוויי עדות, און דער שמש טראגט אריין דעם גט מיט א גרויסען גלעזערנעם טינטער, אין וועלכען סע שטעקט א גענזענע פעדער. עס הויבען אן אריינצוקומען אוינציגווייז אלערליי אידען; הויכע און נידעריגע, אלטע און מיטעלע, שווארצע און געלע — ביז עס קלויבט זיך צונויף א מנין. לוי־בנימין, רב שלום שדכן און ראובן־הערש קומען אן בעזונדער. פרומע־ליבע די רביצין הויבט אויף דעם פארהאנג פון דער קיך־טהיר און לאזט אריין עטלען, וואס געהט טריט ביי טריט, אנגערוקט דאס טיכעל ביז דער נאז. פון דער טהיר קומט אריין מאטעל, בלאס און צע־

פֿראַגען. דער שמש ווייזט זיי זייערע ערטער. רב אַרקע דער רב איילט זיך און שנייצט אויס די נאָז און איז זיך מכוין צום סדר הגט.

רב אַרקע דער רב, רב זכריה סופֿר, אידעל דער שמש, ראובן־הערש, מאַטעל, לוי־בנימין, די רביצין, עטעל, צוויי עדות און אַ מנין אידען.

דער רב (נעמט דעם גט). דו, סופֿר זכריה בר טוביה, איז דאָס דער גט, וואָס דו האָסט דאָ געשריבען, האָסט דו געשריבען?

דער סופֿר (קראַצט זיך אין דער געדיכטער באָרד). יאָ.

דער רב. קענסט דו דעם גט און האָסט דאָ אַ סימן מובהק?

דער סופֿר. יאָ.

דער רב. האָט דיר דער בעל, משה מרדכי בר אפרים מנשה, געגעבען דאָס פּאַרמעט, דעם טינט און דאָס טינטערעל און דאָס גאַנצע שרייב־געצייג פֿאַר די עדים?

דער סופֿר. יאָ.

דער רב. האָט דיר געהייסען דער בעל, משה מרדכי בר אפרים מנשה, אַז דו זאָלסט דעם גט שרייבען לשמו ולשמה ולשם גירושין?

דער סופֿר. יאָ.

דער רב. האָסט דו אַזוי גערעדט, אַז דער גט, וואָס דער בעל, משה מרדכי בר אפרים מנשה, האָט געשריבען, איז געשריבען לשמו ולשמה ולשם גירושין?

דער סופֿר. איך האָב גערעדט, אַז דער גט, וואָס דער בעל, משה מרדכי בר אפרים מנשה, האָט געשריבען, איז געשריבען לשמו ולשמה ולשם גירושין.

דער רב (צו די עדות). האָט איהר געהערט פֿונ'ם מגרש, משה מרדכי בר אפרים מנשה, אַז ער האָט מבטל געווען אַלע

מודעות, און אז דער גט, וואס ער האט געשריבען, איז געשריבען לשמו ולשמה ולשם גירושין?

די עדות (ביידע צוזאמען, איינער אויף א גראבער און דער אנדערער אויף א דינער שטימע). יא.

דער רב. האט איהר געזעהען, אז דער מגרש, משה מרדכי בר אפרים מנשה, האט מוסר געווען דעם טינט און פען און דאס טינטערעל, בכדי דער גט, וואס ער האט געשריבען, זאל זיין געשריבען לשמו ולשמה ולשם גירושין?

די עדות. יא.

(מע דעקט אפ עטלען די פאטשיילע).

דער רב. דו, חיה עטעל גענענדעל בת ראובן הערש, ווילסט דו מקבל זיין דעם גט פון דיין מאן משה מרדכי בר אפרים מנשה פון גוטען ווילען, אהן אונס און אהן תנאי?...זאג: „יא“.

עטעל (שווייגט א היבשע ווילע, ביז אידעל דער שמש טהוט זי א טארק ביי'ם ארבעל). יא.

דער רב. האסט דו געטהאן א נדר, אדער א שבועה, אדער איין איסור? זאג: „ניין“.

עטעל (שאקעלט מיט'ן קאפ). ניין, ניין!

דער רב. האסט דו גערעדט מעולם א דבור, אדער א שבועה, אדער איין איסור, ס'זאל דעם גט ניט מזיק זיין?... זאג: „ניין“.

עטעל (מיט טרערען). ניין!

(אידעל דער שמש פיהרט צו מאטלען).

דער רב. דו, משה מרדכי בר אפרים מנשה, ווילסט דו געבען דעם גט דיין ווייב חיה עטעל גענענדעל בת ראובן הערש פון דיין גוטען ווילען, אהן אונס און אהן תנאי? זאג: „יא“.

מאטעל (דרעהט אוים דעם קאפ צו עטלען און זיפצט. אידעל דער שמש טהוט איהם א שטורך פון הינטען מיט'ן עלענבויגען. ער שאקעלט מיט דעם קאפ אויף „ניין“ און זאגט „יא“). יא!

ד ע ר ר ב . האסט דו געהערט מעולם א דבור, אדער א שבועה, אדער איין איסור, ס׳זאל דעם גט ניט מזיק זיין?... זאג: „ניין".

מ א ט ע ל (רוקט זיך צו נעהענטער צו עטלען. דער שמש נעמט איהם אן פאר די אכסלען און פיהרט איהם אפ אביסעל ווייטער). ניין! איך האב געוואלט זאגען... (ער וויל עפּיס זאגען ווייטער, טהוט איהם דער שמש א ציה ביי דער האנד).

ד ע ר ר ב (גיט איהם איבער דעם גט על־פי דין). נא דיר דעם גט, האלט איהם, ביז איך וועל דיר זאגען... (דער רב ווענדט זיך שוין צו עטלען). גיב איהם אפ די כתובה, אדער זיי איהם מוחל. טהו אויס דאס פינגערעל, ס׳זאל ניט זיין קיין שום חציצה, און דער ארבעל זאל ניט אנריהרען, די הענט הויב אויף, און זאלסט זיי ניט פארמאכען, ביז איך וועל דיר זאגען... (צום עולם). ווער סע האט עפּיס א פּסול אויפ׳ן גט — זאגט!... (דער עולם שווייגט מיט שטילשווייגעניש. דער רב צו מאטלען). דו, משה מרדכי בר אפרים מנשה, הויב אויף די הענט העכער פון דיין ווייב. (מאטעל רוקט זיך צו צו עטלען און פארקוקט איהר אונטער׳ן טיכעל; ביידע יונגע מענשען וויינען און שלינגען די טרערען. דער רב צו מאטלען). דו, משה מרדכי בר אפרים מנשה, זאג מיר נאך ווארט אין וואָרט. זאג: „הרי זה גיטך"...

מ א ט ע ל (ער ווארגט זיך). הררי זזזה גגגיטך...

ד ע ר ר ב . „והתקבלי גיטך"...

מ א ט ע ל (מיט א קוויטש). והתקבלי גיטטך...

ד ע ר ר ב . „ובו תהיי מגורשת"...

מ א ט ע ל . ובו תהיי מגגגגורשת...

ד ע ר ר ב . „ממני מעכשיו"...

מ א ט ע ל (מיט א יאמערליך געוויין). מממממני מעכשיו...

ד ע ר ר ב . „והרי את"...

מ אַ ט ע ל (חליפעט ווי אַ קליין קינד). והחרי את... (דער גט פאַלט פלוצים אַרויס פון זיינע הענד. מאַטעל פאַלט עטלעך אויפ'ן האלז — און דאָס פאַרפאַלק ווערד אומגעריכט צענויפגעגאָסען אין אַ לאַטגעו, חייסען, פלאַם־פייערדיגען קוש).

ד ע ר ע ו ל ם (בלייבט לכתחילה ערשטוינט, אַפהענדיג, אַהן לשון; קוקען איינער אויף דעם אַנדערען און אַלע צוזאַמען אויף דעם רב). אי־אַ־נו־פע!...

ד ע ר ר ב (אין איינציגע מינוט ארום). נו, נו! אַ מעשה! אַ מעשה! (קנייטשט מיט די פלייצעם). איך בין שוין דאַ, ברוך השם, באַלד זיבען און דרייסיג יאָהר רב, און האָב שוין אויף מיין לעבען גענוג פאַרלעך אָפגעג'גט, — האָט זיך מיר נאָך אַזאַ מעשה ניט פאַרלאָפען! אַ מעשה! אַ מעשה! נו, נו!...

ד י ר ב י צ י ן (קוקט ניט אויף קיינעם). מן השמים! מסתמא איז דאָך דאָס אַ זיווג מן השמים, פון השם יתברך, ברוך הוא וברוך שמו...

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. מזל טוב! אידען, זאָגט מזל טוב, אידען! און שטעלט משקה שטעלט!

ד ע ר ע ו ל ם (איינער דעם אַנדערען). מזל טוב! מזל טוב! מזל טוב!

ד ע ר ס ו פ ר. רב ראובן־הערש! רב ראובן־הערש! שיקט נאָך משקה, וועלען מיר טרינקען „לחיים“.

ד ע ר ע ו ל ם. נאָך משקה! נאָך משקה! אידעל, משקה ברענג צו טראָגען!

א י ד ע ל ד ע ר ש מ ש. אַט געה איך! אַט לויף איך! וואָס זאָל איך ברענגען אויף צו פאַרבייסען?

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. ברענג קיכלעך ברענג, און הערינג ברענג, און אַ ביסעל דאַרע קישקע אַביסעל...

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש (צו שלום שדכן). נו, רב שלום! וואס האב איך אייך געזאגט? איא? ווער איז גערעכט, רב שלום? הא, רב שלום? נא דיר גאר גט'ען זיך?!

ר ב ש ל ו ם. אבער מיין רח"ש מיינער? רב ראובן־חערש, מיר קומט רח"ש קומט מיר! א שדכן אז ער שטעהט אפילו פון דער זייט א שדכן, קומט איהם שוין אויך שדכנות קומט איהם! וואס זאגט איהר, רב ארקע, ניט אזוי, וואס? ע ל ע ה י י א נייער שידוך ע ל ע ה י י!... (צום שמש). און פארגעסט נישט, רב אידעל, דארע קישקע, למען־השם, קישקע דארע!

ד ע ר ע ו ל ם (אסך קולות). וואו איז אהינגעקומען דאס פארפאלק? וואו זענען זיי? האסט דו געהערט איין אקציע? הא־הא־הא! א קאמעדיע! א ריינע קאמעדיע! (האלטען זיך ביי די זייטען לאכענדיג).

ל ו י ־ ב נ י מ י ן (צו מאטלען). מזל טוב דיר, מאטעל! ווער ס'איז דיר מקנא, דער זאל אליין ניט האבען... איך האב דיר שוין פארזארגט אויף אייביג... (צום עולם). א קאמעדיע זאגט איהר? ס'איז טאקי צו מאכען פון אייך א קאמעדיע! ס'וועט זיך שוין געפינען אזעלכער, וואס וועט פון אייך אמאל באשרייבען, מאכען פון אייך א קאמעדיע...

ש ר ה ־ ח נ צ י (ערשיינט פון יענער זייט פארהאנג, צום מאן). ראובן־הערש, דו הערסט? האב איך דיר געזאגט, אז ער וועט אונז באשרייבען אויף די גאזעטען, אט דער כל־בוניק!? (בעווייזט מיט די קולאקעס אויף לוי־בנימינען און אויף מאטלען און לאזט זיך צו דער טהיר).

פ א ר ה א נ ג.

צוועטע און צעשפרייט. בילדער פונ'ם
אידישען לעבען, אין דריי אקטען.

געשריבען אין יאהר 1905

צו דער צווייטער אויפלאַגע.

מיט איינינע יאָהר צוריק האָט זיך געדרוקט פון מיר אַ פעליעטאָן אין דער „יודישער פאָלס־צייטונג“ אונטער דעם נאָמען „צעזעצט און צעשפּרייט, בילדער פונ׳ם יודישען לעבען“. הגם די דאָזיגע בילדער זענען געשריבען אין אַ דראַמאַטישער פאָרם, דאָך האָט זיך מיר אפילו ניט גע׳חלומ׳ט, אַז איך וועל אַמאָל זוכה זיין צו זעהען זיי אויפגעפיהרט אויף דער סצענע.

אין עטליכע יאָהר ארום האָט מען די פּיעסע איבערגעזעצט אין דער פּוילישער שפּראַך און מע האָט זי געשפּיעלט אין פּוילישען טהעאַטער אין ווארשא. אמת, דאָס פּובליקום האָט אויפגענומען די פּיעסע און דעם מחבר פון דער פּיעסע זעהר ראַשענד, די גאַלעריע האָט געפּאַטשט „בראַוואָ“, ווי געוויינטליך, נאָר וואָס מעהר דער עולם האָט געגוואַלדעוועט, אַזוי מעהר האָט דאָס דעם מחבר פערדראָסען: ער האָט געפיהלט, אַז דער פּיעסע פעהלט אַ סך מעהר וויפיעל זי פערמאָגט; ער האָט געפיהלט, אַז אויף דער ביהנע ווערד געשפּיעלט אַ פעליעטאָן, נישט קיין דראַמא. דאָס, וואָס איך האָב דעמאָלט געליטען, קאָן מען באמת אָנרופען „חבוט הקבר“. „קיינער ווייסט ניט, זאָגט מען, ווען דער שוך קוועטשט“. איך בין געווען דענסמאָל אויב נישט דער איינציגער, וואָס האָט אויסגעפּייפט דעם מחבר פון דער פּיעסע.

איצט, ביי דער צווייטער אויפלאַגע, צום אויפפיהרען זי אויף דער אידישער ביהנע, האָב איך זי גענומען צום אויסבעסערען. דאָס „אויסבעסערען“ האָט מיך אָבער אַזוי ווייט פערשלעפּט, אַז איך האָב כמעט אָנגעשריבען אַ גאַנץ נייע פּיעסע, כמעט נאָר איבערגעלאָזט דעם הויפּטגעדאַנק, די נעמען פון די פּאַרשוינען און

א צוויי־דריי סצענעס אומגעענדערט. איך האב געוואלט, אז מיין ערשטע פיעסע אויף דער אידישער ביהנע זאל האבען האטש א שטיקעל פנים פון א פיעסע, אזוי, אז אויב די גאלעריע וועט זיך ניט קאנען איינהאלטען און וועט אמאל וועלען „פאטשען בראַ־וואָ“, זאל זי ניט פאטשען אומזיסט... „יונגע דראמאטורגען — זאגט טשעכאוו — בעדארף מען וויינציגער אפלאדירען און מעהר אויספייפען“. גאלדענע ווערטער!...

קיעוו, מאי, 1905.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

די פּאַרשוינען:

מ אי ר ש אַ ל אַ נ ט, אַ איד אַ סוחר, אַיין אויפגעקומענער גביר, אַ פּראָסטער תּי־וקים, שנײַדט זיך אויף איין אריסטאָקראַט.

מ ל כ ה, זיין ווייב, אַ אידינע איין עהרליכע, אַ כשר'ע גשמה.

מ אַ ט ו ו י י, זייער עלטערער זוהן, אַ „פּראַנט".

פּ ל אָ ר אַ, זייער עלטערע טאָכטער, אַ גרושה „פּען־דע־סיעקל".

ח נ ה, זייער אינגערע טאָכטער. געשאָרענע האָר. רייסט זיך אויף די קורסען.

ח י י ם, זייער אינגערער זוהן, אַ ציוניסט.

ו ו אַ ל אַ ד י, זייער דריטער זוהן, אַ „חברה־מאַן".

ס אַ ש ק ע, זייער מיזיניקעל, אַ צעבאַלעוועט בר־מצוה־בחור'על.

מ ש ה 'ל ע ז י י ד ע נ ש ט אַ מ ע ר, שאַלאַנט'ס מחותן, איין אָפּגעפּוצט אידעל, איינגעטונקען אין יחוס.

א י ט ע ל ע, זיין ווייב, טראָגט פּערל אין דערוואַכען.

אַ ר אַ נ ט ש י ק, זייער זוהן, חנה'ס חתן, אַ „סטאַטעטשנע" בחור.

פּ ע ס י ל, איין אָרעמע קרובה מלכה'ס, אַ ווייבעל מיט אַ פּאַטשוילע.

ד אַ ו ו י ד ק ע, מאַטוויי'ס אַ חבר, אַ קאָרטענשפּיעלער.

ב ע נ י, אַ איד מיט אַ זאַנטיק, האַלב מעקלער, האַלב שדכן.

מ אַ ש ע, אַ שטובמיידעל ביי די שאַלאַנטס.

בחורים מיט שווארצע העמדלעך, מיידלעך מיט רויטע בלוזקעס און גלאַט פּאַרשוינען.

די געשיכטע קומט פאָר אין אַ גרויסער שטאָדט.

ערשטער אקט.

ביי אַ גרויסען, רייך־געדעקטען טיש זיצט מ א י ר ש אַ ל א נ ט אין אַ חאַלאַט, פערטיעפט אין חשבונות. — מ ל כ ה איז בעשעפטיגט ביים סאַמאָוואַר, טראָגט אונטער איטליכען טיי. — פ ל אָ ר אַ , איין אַנגעפּודערטע, מיט בריטע צעשניטענע אַרבעל, זיצט אין אַ וויעגשטוהל, וויעגט זיך און זינגט שטילערהייד. — ח נ ה , פערטיעפט אין אַ ביכעל, ליעזט. — מ אַ ט ו ו י , אַ צעקאָשמעטער, פויפט אונטער שטילערהייד.

ערשטע סצענע.

מ ל כ ה (אויף רוסיש). שאַשע! שאַשענקע?

ס אַ ש ק ע (פונ'ם אַנדערען חדר, אויף רוסיש). וואַס איז, מאַמאַשאַ?

מ ל כ ה . וואַס טהוסט דו דאָרטען?

ס אַ ש ק ע . איך וואַש די קאָץ. וואַס איז דען?

מ ל כ ה . געה טרינקען טיי! (מאַטוויי און פלארא לאַכען).

ח נ ה (צו דער מוטער). אַנדערש קאַנסט דו טאַקי מיט איהם ניט רעדען, נאָר אויף רוסיש?

מ ל כ ה . ווי אַזוי דען זאָל איך רעדען, אַז איהר רעדט אַלע אַזוי? איך וואָלט אודאי געוואָלט בעסער רעדען אויף אידיש, אויף מאַמע־לשון, נאָר וואַס זאָל איך טהון, אַז איהר אַלע, און אפילו אַט דער אַלטער נאַרר (זי בעווייזט אויף מאיר'ן), האַט זיך אַנגערעדט, מע זאָל אַרויסטרייבען אונזער הייליגען לשון. און ווער שמועסט, פון זינט מיר זענען אַריבערגעפאָהרען אַהער, אין דער דאָזיגער פאַרשאָלטענער שטאָדט! וואַס, אפשר ניט אַזוי, מאיר?

מ א י ר . וואַס ניט אַזוי? אַז דו ביזט אַ בהמה? (מאַטוויי און פלארא לאַכען).

מ ל כ ה . לאַכט, לאַכט! דאַס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פונ'ם בוימעלע. „יאַקי מאַטקאַ, טאַקי דזיעצקאַ"...

מ א י ר. שוין? האסט שוין אנגעהויבען מיט דיין מוסר, מיט'ן טייטש־חומש און מיט'ן פעטשעניע־ווארעניע? (מאטוויי און פלארא לאכען). וואו איז חיים? וואו איז וואלאדי? (קוקט זיך ארום). פאר וואס זעהט מען זיי נים?

מ ל כ ה. שלאפען נאך מן הסתם.

מ א י ר. אזוי שפעט? טאמער וואלט מען זיי אויפגעוועקט טרינקען טיי?

מ ל כ ה. א רחמנות, זיי האבען זיך שפעט געלעגט שלאפען.

מ א י ר (קוקט אין די פאפיערען). געלערענט?

מ א ט ו ו י י. פארשטעהט זיך! ווי דען? מיר דאכט, אז זיי זענען ביידע געקומען אהיים מיט'ן טאג גלייך.

פ ל א ר א. מיט'ן טאג גלייך? געוועזען שוין גרויסער טאג.

מ א י ר (צו מלכה'ן). וואס הייסט דאס? וואו איז מען דאס געוועזען? וואוהין געהט מען דאס ארום גאנצע נעכט? וואס פאר ארומגעהעכטסען ביי נאכט?

מ ל כ ה. ווייס איך וואס — קינדער פלאפלען!

מ א ט ו ו י. מאמאשע! וואס דארפסט דו זיי פארענטפערען? זיי זענען געוועזען אויף א „זאסעדאניע". וואס איז דער אומגליק?

מ א י ר. וואס פאר זאסעדאניעס גאר?

פ ל א ר א. שפיעלסט זיך מיט זיי? יענע קעהרען וועלטען!

מ א ט ו ו י י. מע ברענט די באד!

ח נ ה (גישט צוגענומען די אויגען פונ'ם בוך). אלץ בעסער ווי שפיעלען גאנצע נעכט אין קארטען.

פ ל א ר א (צו מאטווייען). דאס איז שוין אין דיין גארטען אריין, מאטוויי...

מ א ט ו ו י י. „לאנגע האר, זאגט מען, קורצער שכל". ביי איהר איז ביידע זאכען: אי קורצע האר, אי קורצער שכל.

ח נ ה. אי פלאטשיג, אי אהן טעם.

מ א ט ו ו י י (ציהט אויס א לאנגען פויף). פי־יו־ריט!

מ א י ר (הויבט אויף דעם קאפ). ווער פייפט עס? וואס פאר א פייפעריי?

מ ל כ ה (צו די קינדער מיט א געבעט). לאז זיין שטיל, איך בעט אייך! (עס קומט אן ח י י ם, טהוט א קוש דעם פאטער, גיט חנה'ן די האנד, מ ל כ ה טראגט איהם אונטער טיי).

צווייטע סצענע.

מ א י ר. וואו ביזט דו דאס געוועז, חיים? וואס פאר זא־סעדראניעס ביי דיר?

ח י י ם. פון ציוניסטען.

מ א ט ו ו י י. פון ארץ־ישראל־אידען.

מ א י ר (איראניש). וואס זשע איז געבליבען דארטען ביי אייך אויף דער אסיפה?

מ א ט ו ו י י. מע זאל אריבערפעקלען אלע אידען קיין ארץ־ישראל.

ח י י ם. ניט אלע... די אידען, וואס זיי געפעלט ניט ארץ־ישראל, קאנען בלייבען דא.

מ א ט ו ו י י. עס געהט זיי אפ צום רומעל נאר א ווייס פערדעל. (פלאהא לאבט נערוועז. עס קומט אן ו ו א ל א ד י מיט א פעקעל ביכער, טהוט א קוש דעם פאטער, קוועטשט חיים'ן און חנה'ן די האנד. מ ל כ ה טראגט איהם אונטער טיי).

דריטע סצענע.

ו ו א ל א ד י. וואס איז דא אזוי פריילין?

ח י י ם. וואס פעהלט זיי?

מ א יר (צו וואלאדי'ן, כישט אויפגעהויבען די אויגען). נו, און דו, וואלאדקי? וואוהין ווילסט דו אריבערפיהרען די אידען? אויך קיין ארץ ישראל? צי אפשר גאר קיין מצרים?

װ ו א ל א ד י. װאָס דאַרף מען קײן מצרים? מע קאָן ניט זײַן קײן שקלאַפֿן דאָ?

מ אַ ט װ ו י י. פּאַפּאַ! דאָס מײנט מען אונז און דיך אויך בתוכם...

מ א י ר (צו װאָלאַדין אין גוטען מוטה). מיט אַ טאַטען רעדסט דו אַזעלכע װערטער, דו שײגאַץ אײנער?

װ ו א ל א ד י. װאָסערע װערטער? (מאַטװוײ פּויפּט, פלאַרא לאַכט).

מ א י ר (שטרענג). װאָס פאַר אַ פּײפּעריי? װאָס פאַר אַ געלעכטער?

מ ל כ ה (לויפט צו). אָבער לאָז זײַן שטיל! קינדער, לאָז זײַן שטיל, איך בעט אײַך! (עס קומט אַן ס אַ ש ק ע מיט צװײ קעצלעך אונטער בײדע הענט. ער קושט פריהער דעם פֿאָטער, נאָכדעם די מוטער. מ ל כ ה באַזעצט איהם, דרעהט זיך אַרום איהם, גיט איהם טײ, ער האָדעװעט די קעץ מיט מילך).

פיערטע סצענע.

מ אַ ט װ ו י י. אַהאַ! ער איז שוין דאָ מיט דער משפּחה!

פ ל אָ ר אַ. סאַשקע מיט די קעץ!

ס אַ ש ק ע (קוקט ניט אויף קײנעם). פאַר װאָס קויפט מען מיר ניט קײן װעלאָסיפּעד?

מ ל כ ה (לויפט צו צו איהם). לאָז זײַן שטיל, סאַשענקע! װאָס טויג דיר זיך האַלטען מיט אַזאַ מיאוסקײט? װאַרף זײ אַרויס! שאַדט צום זכרון! אַ שרץ!

ס אַ ש ק ע (הערט זי ניט). פאַר װאָס קויפט מען מיר ניט קײן װעלאָסיפּעד? (הויך). קײן װעלאָסיפּעד פאַר װאָס קויפט מען מיר ניט? ! (אַלע לאַכען, חוץ מלכה'ן).

מ א י ר (רײַסט זיך אָפּ פון די פּאַפּירען). האַ? װאָס האָט ער געזאָגט? װאָס זאָל מען איהם קויפען?

מ ל כ ה . ווייס איך וואס א קינד פלאפלט! ... א לעסיפער האסט דו צוגעזאגט איהם קויפען, וואס?

מ א י ר . וואסערע לעסיפעדען! וואסערע פלאמען! אזא קליינער ווערעריק ווי דו דארפסט נאך לערנען, ניט ארומפאהרען אויף לעסיפעדען און שפיעלען זיך מיט אזא פאסקודסטווע! (ווארפט אראפ די קעץ; סאשקע הויבט זיי אויף איין מאל און צוויי מאל און דריי מאל. אלע לאכען, חוץ מלכה'ן). וואו זענען דיינע לעהרערס וואו?

ס א ש ק ע . לעהרערס? חא־חא־חא! געווען איינער א לעהרער, איז ער אויך נישטא.

מ א י ר . וואס הייסט איינער א לעהרער? נו, און דער מלמד — וואו איז דער רבי?

ס א ש ק ע . וואסער מלמד? וואסער רבי? שוין לאנג דורכגעטריבען!

מ א י ר (איבעראשט). הא? וואס? דורכגעטריבען? ווער האט איהם דורכגעטריבען? ווער האט דאס געהאט א העזה ארויס־טרייבען א מלמד אהן מיר? (קלאפט מיט די הענד אין טיש). איך בין דא בעל הבית, צי ניין? וואס שווייגט איהר? ווער איז דא בעל הבית? (ער געהט אריין וואס ווייטער אין אלץ מעהר כעס. ווארפט די קעץ פונ'ם טיש; סאשקע וויל זיי אויפהויבען, דער פאטער טרייבט איהם דורך). געה דיר, דו פידסווינעק איינער, מיט דער פאסקודסטווע! (סאשקע מיט די קעץ געהט אוועק, מורקעט אונ־טער דער נאז: „א פערשאלטענע שטוב"...).

פינפטע סצענע.

מ א ט ו ו י י (ציהט אויס א לאנגען פייף). פי־יו־יט!

פ ל א ר א . (שמייכעלט זיך שטילערהייד). חי־חי־חי!

ח י י ם (צו וואלאדי'ן). א זעלטען בחור'על!

ח נ ה . זעלטענע ערציהונג!

וואַלאַדי (דעקלאַמירט). „וואַס זלאַנראַוויאַ דאַסטאַיניאַ פלאַדי“... (אַפּאָר מינוט הערשט אַ שטילשווייגעניש).

חיים (צו וואַלאַדי'ן). ווען מאַכען מיר אַ דיסקוסיע?

וואַלאַדי. נישטאַ דערווייל קיין פלאַץ... (צו חנה'ן). נעמסט איין אַנטהייל אין אונזערע דעבאַטען?

חנה. מיט פערגניגען. ווען וועט דאַס זיין?

פלאַרא. וואַס? אַ ספּעקטאַקל?

חיים (צו וואַלאַדי'ן). וואַס חלומ'ט זיך אַ הוהן?

חנה. פּראַסע.

פלאַרא (צו מאַטווייען). וואַס זאַגסט דו אויף אונזער קורסיסטקע? זי מיינט, אַז ווי באַלד מע שערט זיך אונטער די האָר, אַזוי נעמט מען שוין צו אויף די קורסען...

מאיר. האַ? קורסען? וואַס פאַר קורסען?

מלכה. וויים איך וואַס קינדער פּלאַפּלען!

מאַטוויי. זי פאַרגעסט, אַז דערווייל איז זי אַ אידישע טאַכטער, דאַס הייסט, אַ „זשידאָווקע מיט איין אַטעסטאַט“.

חיים. אַלץ שענער ווי וואַלגערען זיך אין אַלע קלובען.

וואַלאַדי. און שפּיעלען אין קאַרטען.

מאיר. וואַס פאַר קלובען? וואַס פאַר קאַרטען?

מלכה. וויים איך וואַס קינדער פּלאַפּלען! (צו די קינדער). איך בעט אייך, לאַז זיין שטיל! (עס ווערד אויף אַ ווײַלע שטיל. יונגוואַרג רעדען צווישען זיך שטילערהייד).

מאיר (שטעהט אויף פונ'ם טיש). ווער וועט מיר אַנשרייבען עפּיס אַ רעכטען בריעף צום פּריץ, צום גראַף מיין איך?... ער שרייבט מיר, דער גראַף, אַז מע דינגט ביי איהם וואַלד, מע ניט איהם, זאַגט ער, איין אייזערנעם פּרייז... ער מיינט, איך וויים נים, וואַס ער מיינט!... עס ציהט איהם שוין אַהין, קיין „מאַנטע־קאַרעל“ ציהט עס איהם! אַ קערטעלע!... בעדאַרף ער האַבען

געלד... בלאָטע! איך וועל נישט דערלאָזען, מע זאָל האַקען דעם וואַלד, מאַכען איהם אַ תל פון דער אימעניע, אָבער גאָר לא!...
(געהט צו צו אַ שרייבטישעל, וואָס ביי דער זייט). מע בעדאַרף איהם אַוועקשרייבען אַזא בריוועל, ס'זאָל איהם נעמען!... נו, קינדער! ווער שרייבט?

מ אַ ט ו ו י י. איך האָב גאָר פאַרגעסען, אַז כ'האָב היינט קיין צייט ניט. (הויבט זיך אויף און געהט אַוועק).

פ ל אָ ר א. איך וועל מיך היינט אַמאָל אָנטהון, צי ניין? (הויבט זיך אויף און געהט אַוועק).

מ א י ר. נו?

ח י י ם (צו וואָלאָדי'ן). נו? וועסט אפשר שרייבען?

ו ו אָ ל אָ ד י (צו חיים'ן). פאַר וואָס ניט דו?

מ א י ר. נו?

ח נ ה (געהט צו צום טישעל). אָט וועל איך. (נעמט זיך צו דער פען).

מ א י ר. שעמען מעגט איהר זיך! מילא יענע צוויי עלטערע האָבען זיך אָפּגעטראָגען, איז חאָטש דער פאַרדראָס ניט אַזוי גרויס: ס'איז פאַר זיי אַ סוד, זיי קאָנען נעבאָך נישט... אָבער איהר, ימח־שמו'ניקעס? איהר יכול'ט דאָך יאָ! קאַרג קאָסט איהר מיך אָפּ?... אַ וואויל קינד איז טאַקי חנה'לע... (צו חנה'ן). שרייב... (שטעלט זיך אוועק אין אַ פּאַרטראַכטע פּאָזע, דיקטירט). שרייב איהם אַזוי: „יעווא סיאָטעלסטוואו יאַסנאָוועלמאָזשנעמו פּאַנו חראַביא“... שוין?

ח נ ה. שוין.

מ א י ר (מיט די הענד). „ראשית חכמה קום איך דיר, יאַסנאָוועלמאָזשנע פּאַן חראַביא, צו מעלדען... ניין! ערנידעריגסט צו מעלדען מיין איבערגעבענהייט... ניין! מיין אַלערטיעפסטע איבערגעבענהייט“... שוין?

ח נ ה. שוין.

מ א י ר. „מיין אַלערטיעפּסטע איבערגעבענהייט און גע־טריישאַפט... ניין! מיין שטענדיגע געטריישאַפט צו דיר, יאַסנאָ־וועלמאַזשנע פּאַן הראַביא, און צו דיין הויזגעזינד... ניין! צו דיין יאַסנאָוועלמאַזשנע הויזגעזינד..."

ח י י ם (הויך). איך פאַרשטעה ניט, צו וואָס זאָל אַ איד זיך מאַכען אַזוי נידעריג פאַר אַ פּריץ?

ו ו א ל א ד י. וואָס עפּיס אַ איד? און גלאַט אַ מענש פאַר אַ מענשען?

מ א י ר (אויפגעהויבען דעם קאָפּ). האַ? שרייבען קען איך נישט — מע האָט מיך ניט געלערענט. נאָר ו ו א ס און ו ו י אַ ז ו י צו שרייבען צו אַ פּריץ — דאָס בעדאַרף איך מיך ביי אייך ניט לערנען. איך וועל מיך נאָך אויסגלייכען מיט אַלע אייערע קענערס דאַרטען, און אפשר נאָך מיט אַ סמיטשיק. צי איהר מיינט טאַקי, אַז ווי באַלד איך קען ניט קיין געאָגראַפיע, אַזוי בין איך שוין גאָר אַ בהמה און פאַרשטעה שוין גאָר נים?

ח י י ם. ווער זאָגט דען? מע שמועסט נאָר פון דעם, למאי זאָל אַ איד אַזוי אַנבויגען דעם קאָפּ פאַר אַ פּריץ היינטיגע צייטען?

ו ו א ל א ד י. וואָס עפּיס אַ איד? יעדער מענש בעדאַרף זיך האַלטען מענשענגלייך. אַ מענש בעדאַרף קודם־כל אַכטען זיך אַליין, אַליין קוקען אויף זיך, ווי אויף אַ מענשען.

מ א י ר. גוט, גוט, דער גראָף קען מיך, ברוך השם, נישט דאָס ערשטע יאָהר, און חאָטש איך האָב אין די „גימנאַזיעס" ניט געלערענט, וועט ער פון דעסטוועגען אָוועקגעבען פאַר מיר דריי הונדערט פאַר פיינע בריות אַזעלכע ווי איהר, וואָרום ער ווייסט, פאַרשטעהט איהר מיך, אַז איך בין איהם געטריי און איבערגעגעבען ווי אַ הונט...

ח י י ם און ו ו א ל א ד י (ביידע מיט אַמאָל). אַט־אַט, אַט דאָס מיינט מען טאַקי! אַט דאָס וואָרט „הונט" איז איבעריג.

מ א י ר (אויפגערעגט). ווילט איהר מיך לערנען שכל, חייסט עס? די נאז שנייצט אוים, יונגע צוציקעס וואס איהר זייט! (שרייט אלע מאל העכער). וואס פאר א העזה האט איהר דאס גאר אזוי צו רעדען מיט א טאטען, הא? וואס שווייגט איהר?!...

מ ל כ ה (לויפט אונטער און אימפעט). אבער גענוג! לאז זיין שטיל, אין גאטעס ווילען, מאיר! (שיקט ארוים חיים'ן און וואַ־לאַדי'ן, נעמט צו די פען ביי חנה'ן). נו, גענוג. לאז איבער אויף שפעטער. מע וועט שוין שפעטער שרייבען. (חנה געהט אפ, מאיר און מלכה בלייבען אליין).

זעכסטע סצענע.

מ א י ר (שפאנט ארום איבער'ן שטוב). נו, א שטוב! נו קינדער!

מ ל כ ה. דיין שטוב, דיינע קינדער...

מ א י ר. און דיין השגחה.

מ ל כ ה. נישט דו האסט דאס בעדארפט זאגען!

מ א י ר. און דו וואלסט בעסער שווייגען.

מ ל כ ה. שווייגען? איך האב שוין גענוג געשוויגען. איינ־געמיעדט זיך שווייגענדיג. צייט איך זאל שוין עפים רעדען. איהר לאזט מיך דען אויסרעדען א ווארט? איך האב דען אויך עפים א דעה? און ווער איז שולדיג, אז ניט אט די שטאדט מיט דער שטוב מיט דעם נייעם שנים? נישט געווען קיין געלד, איז נישט געווען קיין טארעראם, מיט קיין הארמידער, מיט קיין פוסטעקראטישע גענג. נישט געווען די גרויסע שטאדט, האב איך נישט געוואוסט פון קיין שפיגלען, מיט קיין פאטעלען, מיט קיין צאצקעס, מיט קיין טאפטשאנעס, מיט קיין לעסיפעדען...

מ א י ר. ווער האט דאס אויסגעטראכט, אז ניט דו, צוליעב'ן טייערען מיזיניקעל?

מ ל כ ה (אַ פליעסק מיט די הענד). אוי, איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטהון! איך האָב אויסגעטראַכט? איך? דו האָסט שוין, אַפּנים, פאַרגעסען, מאיר, אַז דו ביזט געקומען צו פאָהרען אָנומעל־טען פונ׳ם גראַף, האָסט דו אַליין געזאָגט, אַז דו וועסט איהם קויפען אַ לעסיפּעד. איך זאָל, דאַכט מיר, לעבען דריי הונדערט יאָהר, וואָלט איך מיך בעגאַנגען אָהן דעם! אדרבא, איך האָב גע־זאָגט, מע דאַרף ניט, איך האָב גאָר מורא געהאַט, דאָס קינד זאָל זיך סוף הכל ניט אויסברעכען אַ האַנד אָדער אַ פוס, האָט מען נאָך געמאַכט פון מיר דאָס גרעסטע געלעכטער!

מ א י ר. פאַרשטעהט זיך, מע האָט געלאַכט. ביזט אַ גע־שלייערטע האַנדזי, לאַכט מען!

מ ל כ ה. און דו ביזט דאָך דער גרויסער חכם מיט׳ן גרויסען פּוסטעקראַט! זינט מיר האָבען באַקומען געלד און ארויסגעפאָה־רען אין דער דאָזיגער שטאָדט, זענען מיר געוואָרען מיט גאָטס הילף גאַנצע פּוסטעקראַטען!

מ א י ר. און אַז מיר זענען, ניט היינט געדאַכט, געזעסען אינ׳ם פאַרשטונקענעם שטעדטעל און גע׳פגר׳ט פאַר אַ דרייערעל, איז דיר געווען בעסער? עס לוינט דיר ניט, אַפּנים, וואָס איך הייס איצטער „פּאַני שאַלאַנט“ און בין אַ מחותן מיט משה׳לע זיידענשטאַמער? צי נאָך דיין שכל קומט אפשר אויס, אַז ס׳איז גע־ווען שענער דעמאָלט, אַז איך האָב געהייסען „מאיר טשאַלענט“. און דיך האָט מען גערופען „די טשאַלענטיכע“ — אַ יאָ?

מ ל כ ה. איך זאָל האָבען די ברכות, רבונו של עולם! ס׳איז מיר גאָר געווען בעסער, אַז איך האָב געהייסען „טשאַלענטיכע“ און בין מיר געשטאַנען ביי די פּיש...

מ א י ר. ש ש ש!... בהמה! דאַרפסט, אַז די קינדער זאָלען נאָך דערהערען?

מ ל כ ה. איז וואָס? לאָזען זיי הערען! איך דאַרף מיך שעמען פאַר זיי? איך האָב עפּיס גע׳גנבה׳ט? חלילה צוגענומען

פּרעמדם? איך האָב עהרליך, כשר פאַרדיענט... הלואי וואָלטען מיר ניט אוועקגעוואָרפען די אַלטע פּרנסה, נישט פאַרגלוסט קיין גרינגע פויגעלעך מיט קיין פּריצים, מיט קיין גראַפען, מיט קיין אימעניעס, און ניט אַריבערגעפאָהרען אַהער, אין דער דאָזיגער פאַרשאָלטענער שטאָדט, צווישען הולטייעס, וואָס מע ווייסט נאָר אויסברענגען, טרענצלען קערבלעך דער רוח ווייסט אויף וואָס, אויף שפּיעגלען מיט טאַפּטשאַנעס, מיט „טרעיאַטערס", מיט גימע־נאַזיעס, מיט סאָבראַניעס, מיט גוליאַניעס — טפו!

מ א י ר (לאַכט). „סאָבראַניעס־ גוליאַניעס"? חאַ־חאַ־חאַ!

מ ל כ ה. לאַכסט? אַז אַך און וועה צו דיין געלעכטער!... איך זאָל האָבען די טויזענדער, וואָס ס'איז געווען בעסער דעמאָלט אָהן געלד, ווי אַצינד מיט געלד... ניט געווען קיין געלד, זענען די קינדער געווען קינדער; אַצינד זענען די קינדער קיין קינדער ניט, די מאַמע איז קיין מאַמע ניט. איטליכער געהט וואוהין ער וויל; איינער אין ליסי, דער אַנדערער אין סטריסי. משטיינס געזאָגט, צעזעעט און צעשפּרייט אויף אַלע זיבען ימין!... (וויינט, לאָזט זיך צו דער טהיר, בעגעגענט זיך מיט די מחותנים, **מ ש ה ' ל ע ז י י ד ע נ ש ט א מ ע ר** און זיין ווייב **א י ט ע ל י**, טהוט זיך אַ נעם צוריק).

זיבעטע סצענע.

מ א י ר (שטעהט אויף, געהט זיי אַקעגען, רייבט אַ האַנד אָן אַ האַנד). אַ? ברוך הבא, געסט! זיצט, זיצט, מחותן! מחותנת'טע, זיצט! מלכה! הייס געבען טיי, הייס מאַכען קאַווע, הייס דער־לאַנגען עפּיס פאַרבייסען! (מלכה שאַפט. עס ווערד אַריינגעטראָגען אַ גרויסע זילבערנע טאַץ מיט אַלדאָס גוטס). וואָס זשע מאַכט איהר עפּיס, מחותן? ווי געהט עס אייך אין געזונד? וואָס מאַכט עפּיס דער חתן? פאַר וואָס זעהט מען איהם ניט?

ז י י ד ע נ ש ט א מ ע ר. וואָס זאָלען מיר מאַכען? מע לעבט, דאַנק גאָט. (צעלעגט זיך גאַנץ ברייטליך אין אַ ווייכען פאָטעל.

טראָגט אונטער אַ זילבערן פּושקעלע מיט טאַבעקע צו דער נאָז, רעדט הויך, געצעהלטע ווערטער, און לאָזט אויס אַלע מאָל מיט אַ לאַנגען „און יאַאַאַ!!!“. ביידע מחותנת'טעס זעצען זיך אוועק איינס אַקעגען דאָס אַנדערע מיט צענויפגעלעגטע הענד און מע רעדט שטילערהייד).

מ א י ר. וואָס זשע הערט זיך עפּיס ביי אייך? זעהט, נעמט עפּיס אין מויל אריין, מחותן. מחותנת'טע, נעמט עפּיס! מלכה! בעט, זיי זאָלען עפּיס נעמען אין מויל אריין!

מ ל כ ה. נעמט עפּיס, פאַר וואָס נעמט איהר עפּיס נים, איך בעט אייך!

ז י י ד ע נ ש ט א מ ע ר. ס'איז אַזוי די מעשה. געגאַנגען פערביי. וואָלט נישט אריינגעגאַנגען. רופט זיך אָן צו מיר זי: „לאָמיר אריינגעהן“. זאָג איך: „וואָס עפּיס פּלוצים אין מיטען דרינען?“ זאָגט צו מיר זי: „וואָס אַהרט דיך? מיר זענען שוין דאָ, לאָמיר אריינגעהן“. זאָג איך: „מילא, לאָמיר אריינגעהן“... און יאַאַאַ!... איך בין, דאַרפט איהר וויסען, נישט קיין ליעבהאָבער אויף געהן. מיר אַלע האָבען נישט ליעב געהן. די זיידענשטאַמערס האָבען פיינט געהן. חאָטש אפילו דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל דוקא געהן, און דוקא אַסך! צוליעב דער לופט. ווארום לופט איז אַ גרויסער עניין... און יאַאַאַ! נאָך מיין זיידע, עליו השלום, פלעגט זאָגען, אַז לופט — דאָס איז אַזאַ מין זאַך, וואָס סאַי אַ מענטש, סאַי, להבדיל, אַ בהמה אָדער אַ חיה, אָדער אַזוי אַ לעבעדיגע זאַך, קאָן זיך אָהן דעם נישט באַגעהן. מחמת לופט איז אַזאַ מין זאַך, וואָס, וואָס... פאַרשטעהט איהר מיך... נאָך דער רמב"ם ברענגט, אַז על פּי חכמת הדאָקטאָריע קומט אויס, אַז בשעת אַ מענטש חאַפּט דעם אָטעם... און יאַאַאַ!... איהר האָט דאָך געהערט מסתמא פונ'ם רמב"ם?

מ א י ר. געהערט, ווי דען?... פאַר וואָס נעמט איהר עפּיס נים אין מויל אריין, מחותן? מחותנת'טע, פאַר וואָס נעמט איהר עפּיס נים? מלכה! בעט, זיי זאָלען עפּיס נעמען אין מויל אריין!

מלכה. נעמט עפּיס, פּאַר וואָס נעמט איהר עפּיס ניט, איך בעט אייך?

זיידענשטאָמער. ברענגט ער, דער רמב"ם הייסט עס, ערגיץ אין איין אָרט, אַז על פּי „חכמת הפילוסופיע" איז לופט כמעט אַזוי נויטיג, ווי וואַסער. און וואַסער איז דאָך מים, פון די ארבעה יסודות, הייסט עס... (צעהלט אויף די פינגער). רוח— לופט, מים—וואַסער, אש—פייער, עפר—ערד... (טהוט אַ גים).

איטעלי. צו געזונד און צו אריכת ימים!

מאיר און מלכה. צו געזונד און צו אריכת ימים!

זיידענשטאַמער. אַ דאַנק... און יאָאָאַ!... איז וואו האַלט איך, הייסט עס? ביי די ארבעה יסודות...

איטעלי. יאַ! דו האָסט דאָך געוואָלט, דאַכט מיר, שמועסען מיט זיי פון עפּיס איין אַנדער ענין גאָר?...

זיידענשטאַמער. וואָס זשע האָבען מיר אַזוי קיין צייט ניט? מיר וועלען נאָך רעדען. דו ווייסט דאָך, אַז די זיידענשטאַמערס האָבען פיינט האָפ־לאָפּ. די זיידענשטאַמערס האָבען צייט. די זיידענשטאַמערס האַלטען פון'ם גלייכווערטעל: „געה נישט גיך, וועסט דו נישט רייסען קיין שיך". איהר האָט געהאָרכט אַמאָל דאָס דאָזיגע גלייכווערטעל? דאָס איז מיין זיידענס אַ וואָרט. מיין זיידע, עליו השלום, האָט געהאַט אין זיך ווערטער— וואָס ווייסט איהר? וואָס ווייסט איהר?... און יאָאָאַ!... „דאָס עפּעלע, פלעגט ער זאָגען, פאַלט נישט ווייט פון'ם בוימעלע". און „יחוס־אבות, פלעגט ער זאָגען, נאָ בית הקברות". אָדער: „אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם". האָט איהר געהערט אַמאָל דאָס וואָרט? איז דאָס אויך זיינס... הא, איטעל, וואָס זאָגסט דו?

איטעלי. זיינס, זיינס, זכר צדיק לברכה! נאָר מיר דאַכט, אַז...

זיידענשטאַמער. האָב קיין יסורים ניט, איך ווייס וואו איך האַלט... און יאָאָאַ!... איז מיין זיידע, זכר צדיק לברכה,

געוועז א איד א חכם און א גרויסער מיוחס, ווי אייך איז בעוואוסט, דעם אלטען רושישטשעווער רענדאר'ס איין אייניקעל. איהר פאר־שטעהט? פון איין זייט דער „בעל השור שנגח“, פון דער אנדערער זייט דער רושישטשעווער רענדאר, וואס געהייסען האט ער אהרן און גערופען האט מען איהם „רב אהרן“. דאס איז ער טאקי נאך איהם א נאמען, דער חתן אייערער, א שקאץ א גרויסער! ווערליג דער נאמען זיינער, וואלט ער געמעגט זיין א קאפעטשקעלע פרור־מער, חע־חע, נאר גאר נישט, מע קאן מיט היינטיגע קינדער גאר נישט מאכען. אז ס'איז גאר געווארען א מאדע — אלע ווילען לערנען זיך! אלע ווילען לערנען!

א י ט ע ל י. שטונדירען אין די קלאסען.

ז י י ד ע נ ש ט א מ ע ר. און יאאא!... האב איך געזאגט מיין זוהן: לערנען — וויפיעל דו ווילסט, אבי נים אין די קלא־סען! ווארום אונזער משפחה, ווי אייך איז ידוע, איז קיין עין הרע א היבשע משפחה, וועט איהר פון דעסטוועגען נים געפינען ביי אונז נישט קיין דאקטאר, נישט קיין אדוואקאט. נישט מחמת מיר זענען, חלילה, אזעלכע פארברענטע חסידים; אדרבה, מהיכי תיתי, פאר וואס נישט? נאר גאר נישט, מיר זענען נישט גורס, מיר האלטען עפיס נישט דערפון! (טהוט א מאך מיט דער האנד). און יאאא!... קאנט איהר דערפון פארשטעהן, וואס פאר א פנים עס האט ביי מיר, אז ער קומט צו געהן צו מיר, דער חתן הייסט עס, און זאגט מיר, אז באשר אזוי ווי זי, הייסט עס, וויל, ער זאל זיך לערנען נאך...

א י ט ע ל י. שטונדירען, הייסט עס, אין די קלאסען.

ז י י ד ע נ ש ט א מ ע ר. און יאאא!... זי איז איהם מסית ומדיח, רעדט איהם צו, הייסט עס, ער זאל זיך מכין זיין, צוגרייטען זיך הייסט עס, אין די קלאסען, און די חתונה, זאגט זי, זאל מען אפלעגען אויף שפעטער, אויף אמאל, הייסט עס. זי האט צייט. חע־חע!..

מ א י ר (צעטראָגען). ווער? וואו?

א י ט ע ל י. טאַקי אייער טאָכטער מיינט מען, די כלה, הייסט עס, דרודעלט אַז דעם חתן...

מ א י ר (חאַפּט זיך אויף). האַ? וואָס? ווער? חנה?... מלכה, דו הערסט?

מ ל כ ה. ווייס איך וואָס קינדער פּלאַפּלען!

ז י י ד ע נ ש ט א מ ע ר. קינדער, זאָגט איהר, פּלאַפּלען? עס קאָן זיין. מסתמא קענט איהר בעסער אייערע קינדער... איט־ליבער קען זיינע קינדער... איך ווייס, אַז מיינע קינדער פּלאַפּלען נים, חע־חע! אָט, למשל, מיינע קינדער זענען נישט קיין ציונים־טען. די זיידענשטאַמערס האָלטען עפּיס נישט פון דעם ציוניזם... נישט מחמת איך האָב עפּיס חלילה צו די ציוניסטען אַ טענה? אדרבה, מהיכי תיתי, פאַר וואָס ניט? נאָר גאָר נישט, איך בין נישט גורם, איך האַלט נישט דערפון! (אַ מאַך מיט דער האַנד). צי אַשטייגער, כדומה למשל, די היינטיגע ווייסע־חברה'ניקעס מיט די היינטיגע געגנג זייערע, וואָס ווילען איבערקעהרען די גאַנצע וועלט מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף, ווילען זיך צעטיילען מיט אייער געלד, דרינגען, אַז אַלסדינג, וואָס איהר האָט, איז דאָס נים אייערס, פריהער גאָטס און נאָכדעם פרעמדס, הייסט עס, ס'איז ביי אייך סאַמע גנבה, גזלה... און יאַאַאַ!...

מ א י ר (אויפגעבראַכט). איך האָב ביי קיינעם נישט גע־גנבה'ט, קיינעם נישט בע'גזל'ט. איך האָב מיין געלד כשר פער־דיענט! איך האָב גענוג געהאָרעוועט דערויף! איך בין גענוג...

ז י י ד ע נ ש ט א מ ע ר (שלאָגט איהם איבער). איך ווייס, איך ווייס! ס'ניט איך זאָג עס! דאָס זאָגען זיי, די ווייסע־חברה־ניקעס, הייסט עס... און יאַאַאַ!...

מ א י ר. וואָסערע ווייסע־חברה'ניקעס?

ז י י ד ע נ ש ט א מ ע ר. אָט אַ די דאָזיגע, ווי, למשל, איי־ערע, די אינגערע.

מ א י ר (טהוט זיך אַ וואָרף). האַ?...

ז י י ד ע נ ש ט אַ מ ע ר. איהר דאַרפט זיך ניט אָפּעסען דאָס האַרץ, מחותן! ס'איז נישט כדאי, כלעבען... (צו מלכה'ן). ווי אַזוי זאָגט איהר? קינדער פּלאַפּלען, חע-חע?... (ניסט).

א י ט ע ל י. צו געזונד און צו אריכת ימים!

מ א י ר און מ ל כ ה. צו געזונד און צו אריכת ימים!

ז י י ד ע נ ש ט אַ מ ע ר. אַדאַנק... און יאַאַאַ!... איז וואו האַלט איך, הייסט עס? רעדט זי איהם צו, מיינעם, הייסט עס, ער זאָל זיך נאָך אַביסעל צולערנען...

א י ט ע ל י. שטודירען אין די קלאַסען.

ז י י ד ע נ ש ט אַ מ ע ר. און יאַאַאַ!... און איך וויל גאָר אָפּשטעלען די חתונה, פאַרשטעהט איהר מיך, אויף ראש חודש אלול, מחמת איך האָב נישט ליעב קיין קלאַסען, נישט מחמת איך האָב עפּיס צו זיי; אדרבה, מהיכי תיתי, פאַר וואָס ניט? נאָר גאָרנישט, איך בין נישט גורם. איך האַלט נישט דערפון! (אַ מאַך מיט דער האַנד). און יאַאַאַ!... (אַ קוק אויפ'ן זייגער, חאַפּט זיך אויף). אוי-וואַ! אַביסעל פאַרזעסען. מיר וועלען זיך נאָך אומקעהרען מסתמא צו דעם ענין נאָך אַמאָל, אז עס וועט האַלטען ביי אָפּשטעלען די חתונה, אם ירצה השם... און יאַאַאַ!... איך האָב פיינט דוחק את השעה זיין, איך האָב נישט ליעב חאַפּ-לאַפּ על רגל אחת. די זיידענשטאַמערס האָבען צייט. „ווער עס לויפט, דער מיעדט זיך איין“. האָט איהר געהאָרכט אַמאָל דאָס וואָרט? ס'איז אויך מיין זיידענס, זכותו יגן עלינו. האַ, איטעל, וואָס זאָגסט דו?

א י ט ע ל י (גרייט אויף אַוועקצוגעהן). אַלץ, אַלץ איז זיינס, זכר צדיק לברכה!...

ז י י ד ע נ ש ט אַ מ ע ר (צו מלכה'ן מיט אַ זייט). ווי אַזוי האָט איהר געזאָגט? קינדער פּלאַפּלען? חע-חע! נישט אַלע קינדער פּלאַפּלען. מיינע קינדער פּלאַפּלען נישט. די זיידענשטאַמערס פּלאַפּלען נישט... אַ גוטען! (זוכט אַ מזוזה, געהען אָפּ. מאיר און מלכה בלייבען אַ מינוט אָהן לשון, ווי געפּלעפּט).

אכטע סצענע.

מ א י ר (צו מלכה'ן). נו?
מ ל כ ה (צו מאיר'ן). נו?
מ א י ר. וואס נו?
מ ל כ ה. וואס וואס נו?
מ א י ר (א שטארקען שפיי אן דער זייט). טפו!...

סוף פון ערשטען אקט.

צווייטער אקט.

א רייך מעבלירטער זאַל ביי די שפּאַלאנטס, אַנגעשטעלט און אַנגע־פּאקט, ווי אין א מעבעל־מאגאזין. שפּיעגלען הויכע; פּאַרטעפּיאנעס צוויי; שטוהלען געגילטע; בילדער אויף די ווענט אַ סך; אויבענאַן, אין גילדענע ראַמען, צוויי גרויסע פּאָרטרעטען: דער בעל־הבית אין אַ יאַר־מעלקע און די בעל־הבית׳טע מיט אַ סך פּערעל אויפ׳ן האַלז; ביי׳ם קאַמין זיצט אַ בייזער הונד מיט אַ מורא׳דיגען קוק — סכנות נפשות; אַ גליק, וואָס פון גיפּס.

ערשטע סצענע.

מ אַ ש ע (דרעהט זיך אַרום מיט אַ באַרשט, שטעלט צענויף דאָס מעבעל, קעהרט און ראַמט און רעדט צו זיך אַליין). אַ שטוב! דריי־סיג מאָל אַ טאָג דאַרף מען נאָך זיי ראַמען, אויסראַמען זאָל עס זיי!... און קינדער? נו, קינדער! מע זאָל זיי נעדיכט זייען און שיטער אויפגעהען! פּאַהרט אַוועק דער בעל־הבית — קעהרען זיי איבער די גאַנצע שטוב הארע־קאַרע! (שטעלט אַוועק אַ שטוהל און צעברעכט אַ פיסעל). אַ בראָך פאַר אַ בראָך... לאָז עס זיין די כפרה פאַר מיר און פאַר כל ישראל, זיי האָבען גענוג!... בעסער פון אַלע איז מאַטווייטשיק, מיט׳ן קאָפּ זאָל ער אַנלעגען! טאָג ווי נאַכט נאָר געקנייפּט זיך!... און אַ פּלאַרעניו! ס׳זאָל אויף איהר קומען איין אויסחאַפּעניש! טאָמער וויל די בעל־הבית׳טע אַמאָל שענ־קען אַ קליידעל איין אַלטס, צי אַפּאָר שיך, לאָזט זי נישט... זי מעג טאַקי נישט פאַרמאָגען קיין מאָל!... אַ שטיקעל גליק, וואָס די „באַ־רישני“ שטעלט זיך איין אַמאָל, די כפרה זאָל זי זיין פאַר דער „באַרישני“ אינאיינעם מיט דעם קליינעם סאַשקע, פאַרברענט זאָל ער ווערען! מיר צעשניטען אַפּאָר נייע קאַלאַשען!... אַנגערוי־כערט ווי אין אַ באָד! (עפענט אויף אַ פענסטער און טרייבט ארויס דעם רויך מיט׳ן האַנטוך). טאָמער פאַהרט אַוועק דער בעל־הבית

אויף איין טאג, קלויבען זיך צענויף אהערצו, צו די „פאניטשלעך“, גאנץ קעקעלי־קהל, פון דער וועלט בחורים; דער רוח ווייסט זיי, וואס זיי טהוען דא; ווישען ניט אפ די שטיוועל אפילו; רייסען זיך אויף די גארגלען און רויכערען, און רויכערען, און רויכערען! (טרייבט ארויס דעם רויך מיט'ן האנטוך, פערטשעפעט און צעברעכט א וואזע). א בראך פאר א בראך! (פארקעהרט די שטיקלעך וואזע). לאז זי זיין די כפרה פאר מיר און פאר כל ישראל, ס'איז ביי זיי דא גענוג!...

הערט זיך א קול פון אינוועניג: „מא־שע! מא־שע!“ — מאשע הויך אויף א קול). איך געה! איך געה! (שטיל פאר זיך). ס'איז אודאי פלארעניו מיט איהרע האר... דריי שעה דארף מען שטעהן אויף די פיס בשעת זי פארקעמט זיך!... א מענטש האט ביי זיי א ווערטה פון א הונט... עס מעג שוין קומען אויף זיי א חליר'ע! אויף אלע בעלי־בתים, מע זאל שוין פון זיי אמאל עפים אויפגערעכט ווערען, ליעבער גאט!... (דורך איין טהיר געהט מאשע אוועק; עס קומט אן פון דער אנדערער טהיר מ ל כ ה, נאך איהר — פ ע ס י ל. פעסיל קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען איבערראשט, רעדט גיך, מאהלט ווי א מיהל).

צווייטע סצענע.

מ ל כ ה. ווען זשע, הייסט עס, קומסט דו אן? זיץ, פעסיל. הא? וואס זיצסט דו נישט?

פ ע ס י ל. אדאנק, איך קאן באשטעהן. (זעצט זיך אוועק מיט א זייט אויף איין עק ביינקעל). ווען איך קום אן — פרעגט איהר מיך? מיט'ן באהן קום איך אן. איך בין געפאהרען פארביי בין איך געפאהרען, און האב מיך אנגעהויבען דערפרעגען, צי ווייסט איהר ניט, וואס מאכט עפים טשאלענט? זאגען זיי: וואסער טשאלענט? זאג איך: מאיר טשאלענט. איהר קענט ניט מאיר טשאלענט? זאגען זיי: מיר ווייסען ניט קיין טשאלענט; אפשר מיינט איהר, זאגען זיי, שאלאנט, מאיר שאלאנט?... זאג איך: איהר ווילט

שאַלאַנט, לאָז זיין שאַלאַנט. ביי אונז האָבען זיי געהייסען טשאַ־לענט: ער טשאַלענט און זי — טשאַלענטיכע...

מ ל כ ה (רייסט זי איבער). וואָס זשע מאַכט עפּיס דיין לייזער?

פּ ע ס י ל. וואָס זאָל ער מאַכען? אַ מוכר־תבואה'ניק!... וואָס מע טהוט און וואָס מע מאַכט — איז שלים־שלים־מזל! האָט ער געהאַנדעלט מיט ווייץ, איז ווייץ געלעגען נייען איילען אין דער ערד. אחוץ וואָס די ווייץ אַליין האָט געטויגט אויף כפרות, איז ניט געווען קיין קונה אויף קיין ווייץ, האָטש נעם די ווייץ און וואַרף אַרוים די ווייץ. זאָג איך איהם: וואָס האָסט דו זיך אָנ־געקלעפּט אין ווייץ? זעהסט דאָך, אַז די ווייץ איז ניט קיין ווייץ: נעמט מען, זאָג איך, און מע קויפט פּראָסע, און מע קויפט הירזש. געהט ער און קויפט הירזש. ווערד אַ זול אויף הירזש; אומעדום הירזש, וואו מען טהוט זיך אַ וואָרף — איז הירזש און הירזש! צו וואָס האָט דיר געטויגט, זאָג איך, הירזש? הירזש געהט דיר אָפּ? זאָגט ער: האָסט דאָך מיר אַליין געהייסען קויפען הירזש! האָב איך דען געמיינט, זאָג איך, דוקא הירזש?...

מ ל כ ה (רייסט זי איבער). נו, און די קינדער דיינע וואָס מאַכען?

פּ ע ס י ל. די קינדער? לאָזען זיי זיין געזונד און שטאַרק. איהר ווייסט נישט הייнטיגע קינדער? הייнטיגע קינדער איז ניט דאָס, וואָס אַמאָליגע קינדער. אַמאָליגע קינדער זענען געווען קינ־דער, און הייнטיגע קינדער וואָס? הייнטיגע קינדער ווייי־סען נאָר געהן אויף „מעניסטראַציעס", נאָר לויפען, און נאָר שרייען, און נאָר ליאַרעמען, און נאָר פּילדערען! אַז עס קומט אונטער אַ יום־טוב אָדער אַ חאָגע, פאַלט מיר אַרוים די נשמה: קינדער, געהט נישט! קינדער, לויפט נישט! קינדער, שרייעט נישט!...

מ ל כ ה . וויפיעל קינדער האסט דו?

פ ע ס י ל . וויפיעל קינדער איך האב? לאזען זיי זיין געזונד און שטארק! איהר האט דען געזעהען אמאל א סך קינדער? נישטא קיין צופיעל קינדער! וויפיעל קינדער ס'זאלען ניט זיין, זענען זיי קינדער! איינע האב איך די עלטערע, רופט מען זי סאסיל, נאך דער באבע סאסי, איהר צו לענגערע יאהר; איז דאס א סאסיל — וואס זאל איך אייך זאגען? זינט גאט האנדעלט מיט סאסלעך, האט ער נאך אזא סאסיל נישט געהאט, מעגט איהר מיר גלויבען אויף נאמנות! און א חתן נעמט זי — שוין איין מאל א חתן, פון חתן־לאנד א חתן! (עס קוממ אן פ ל א ר א, זעהט נישט פאר זיך קיינעם, דרעהט זיך אקעגען שפיעגעל, זינגט א ליעדעל און טאנצט אונטער).

דריטע סצענע.

פ ל א ר א (נעמט ארויס א בריוועל און לייענט אויף רוסיש). „ליעבסטע, טייערסטע פלארא! דיין זים בריוועלע האט מיך דערקוויקט. איך בין זעהר צופריעדען, וואס דיין פאטער איז אוועקגעפאהרען און וואס איך וועל זיך קאנען זעהן מיט דיר היינט אויף דער אפּעריטקע. צווישען טאג און נאכט וועל איך מיך ארא‍פּחאפּען צו אייך און וועל דיך נעמען אין טהעאטער אריין. האב קיין פארדאבעל ניט, וואס איך קום נישט באלד; איך וויל נישט באגעגנען זיך מיט דיינע ברידערלעך, וואס מיינען, אז זיי מאכען גליקליך די וועלט מיט זייערע „סאבראניעס“ און מיט זייערע „זאסעדאניעס“. איך האב פיינט דיינע ברידער און האב פיינט דיין שוועסטער מיט די געשערענע האר. איך האב ליעב נאר דיך אליין, מיין טהייערער ענגעל, מיין נשמה, מיין הארץ, מיין לעבען פלארא!“ (לעגט צעזויף דאס בריוועלע, קוועטשט דאס צו צום הארצען). אך, מיין ליעבער טייערער מאקס!

פ ע ס י ל . אט דאס איז די גע'נט'ע אייערע? די גרושה? א בארליאנט דאס איז!

פ ל א ר א (דערזעהט. טהוט זיך א ווארף צוריק). וואס איז דאס פאר א שלים-מזל? אלע מאל, ווען דער פאפא פאהרט אוועק, טראגט אן דער רוח איין אנדער שווארץ יאהר!

פ ע ס י ל. שלים-מזל זאגסט דו? שלים-שלים-מזל! וואס זאל מען טהון, אז גאט וויל נישט געבען קיין מזל? ווי זאגט מען דאס: אהן מזל זאל מען גאר ניט געבוירען ווערען! איידער א פונט גאלד איז בעסער א לויט מזל... פונדעסטוועגען האט זיך יעדער מענטש זיין מזל, און אפילו א קינד, אז ס'ווערד געבארען, אזוי שטעהט, זאגט מען, ביי אונז געשריבען אין די ספרים, ווערד דאס אויך געבארען מיט זיין מזל...

פ ל א ר א. זי האט זיך עם אביסעל צע'מזל'ט! ווער איז די אידינע, מאמע?

מ ל כ ה. דאס איז פעסיל דער מוהמע סאסי'ס, אונזערע אייגענע, א קרובה דיינע.

פ ע ס י ל (אויף פלארא'ן). א בארליאנט דאס איז! (געהט צו, טהוט א קוש פלארא'ן אין האנד).

פ ל א ר א. וואס זשע טהוט זי דא? וואס דארף זי?

פ ע ס י ל (אויף פלארא'ן). א בארליאנט דאס איז! וואס איך טהו דא? וואס זאל איך טהון? גאר ניט, איך בין געפאהרען פארביי, האב איך מיך אנגעהויבען צו דערפרעגען: „ווייסט איהר נישט, וואס מאכט עפיס ביי אייך טשאלענט?“ זאגען זיי: „וואסער טשאלענט?“...

מ ל כ ה (רייסט זי אפ). קום, פעסיל, וועלען מיר עפיס נעמען אין מויל אריין. ביזט אודאי הונגעריג...

פ ע ס י ל. הונגעריג? ביז מיין לעבען זאל איך אזוי זיין הונגעריג, ווי איך בין איצטער הונגעריג! פאר פרייד איז דער גאנצער הונגער אוועקגעפלויגען, גלייך ווי ס'איז גאר קיין מאל קיין הונגער נישט געווען אויף דער וועלט! (מלכה נעמט זי אוועק).

פ ל א ר א (האלט זיך ביי די זייטען). חא־חא־חא!

פ ע ס י ל (אויף פלארא'ן). א בארליאנט דאס איז! (געהט אוועק מיט מלכה'ן. פלארא דרעהט זיך אקעגען שפיעגעל. עס קומען אריין מ א ט ו ו י י און ד א ו ו י ד ק ע).

פערטע סצענע.

ד א ו ו י ד ק ע (קוקט, ווי פלארא דרעהט זיך פאר'ן שפיעגעל. רעדט צו מאטווייען שטיל). הערסט דו, וואס איך וועל דיר זאגען, מיין טייערער שפיעלפויגעל? דיין שוועסטער איז דאך נאך עפּיס טאקי גאר א „שקאשקעוואטע שטוטשקע!“

מ א ט ו ו י י. פי! וואס איז דאס פאר מין אויסשפּראך ביי דיר?

ד א ו ו י ד ק ע. טאקי באמת? אויף וואס דען פאר א שפּראך ביזט דו געוואוינט געווארען צו רעדען, דו דזשענטעלמען מיינער?

פ ל א ר א (דרעהט זיך אויס, דערזעהט א פרעמדען מענשען, טהוט זיך א ווארף צו דער טהיר). אך, פארדאן!

ד א ו ו י ד ק ע (צו פלארא'ן). פארדאן איז א לאקשענברעט... (פלארא ווערד אנטרונען).

פינפטע סצענע.

מ א ט ו ו י י. אט אזוי רעדט מען מיט א דאמע, דו אונגעבילדעטער מענטש וואס דו ביזט?

ד א ו ו י ד ק ע. וואס זאגט איהר אויף דעם תר־נגול! למאי האסט דו מיך ניט פארגעשטעלט פאר דיין שוועסטער? עס שטעהט דיר ניט אן, דו שוטה בן פיקהאלץ, דו שארלאט שבשארלאטים, דו פאנסקי צאפ איינער?

מ א ט ו ו י י. נאחאל! קומסט צו מיר אין שטוב אריין מיך זידלען?

ד א ו ו י ד ק ע. חא־חא! צו איהם אין שטוב אריין! (בעקוקט די שטוב). א גרויסען חלק האסט דו אין דער דאזיגער שטוב!

מ א ט ו ו י י. מיין טאטענס שמוב...

ד א ו ו י ד ק ע. אז אך און וועה איז דיין טאטען, וואס פאר א זוהן ער האט אויסגעהאדעוועט! הער נאר, דו ווייסט חאטש, דו גרינער אגרעס איינער. וואס איך בין צו דיר אזוי פריה געקומען?

מ א ט ו ו י י. דהיינו? זאג, וועלען מיר הערען.

ד א ו ו י ד ק ע. איך האב צו דיר א בקשה, מיין ליעבער רב אליקום, א טובה'לע.

מ א ט ו ו י י (ווערד בלייכליך). אך, מיט'ן גרעסטען כבוד!

ד א ו ו י ד ק ע. מיט'ן גרעסטען בזיון קעהרסט דו מיינען? מע האט מיך נעכטען „צעלעגט", ווי א שעפס, געשלאגען „צו דער אדער", כ'האב געגליהט א גאנצע נאכט ווי „אויף פאקען", און בין ארויס „נקי", ריין ווי א טעלער, נאך קיין מאל נישט געווען אזוי „אפען", ווי היינט.

מ א ט ו ו י י. ווער האט דאס דיך אזוי אפגערייניגט?

ד א ו ו י ד ק ע. ווער ניט? תחילת האב איך געהאט שוין אנגעשלאגען א היטעל מיט געלד; טראגט אז דער רוח דעם שווארצען „קאטער", און ווי באלד דער שווארצער קאטער שטעלט זיך אוועק און הויבט אן „שמירען" פאר מיר, אזוי ווייס איך פריהער, אז איך וועל אריין ווי קורח, איך וועל ברענען ווי א שטרויענער דאך — אזא שלים-מזל איז דאס, ברענען זאל ער! טהוט ער א קוק אין וואסער — הויבען אן פגר'ען פיש... וואס טויג דיר גרויס— איך האב מיך „ארויפגעריסען" אויף די ריינע דרייצעהן „פאסען"!

מ א ט ו ו י י (מיט ברענענדיגע אויגען). דרייצעהן פאסען?!

ד א ו ו י ד ק ע. ווי די בערען!

מ א ט ו ו י י. ווער האט „געווארפען" די „באנק?"

ד א ו ו י ד ק ע. דו ווייסט ניט ווער? אלץ דער פלאקענשיסער! פארשטעהרט זאל איהם ווערען! איהם, אז עס געהט אוועק דאס „בלעטעל", קאן ער אויסטהון די גאנצע „קוליסע" ארם-

נאַקעט, צונעמען וואו ס'איז דאָ ערגיץ אַ העלער און לאָזען זיצען דעם עולם אויפ'ן קלאַץ!... איך שאַרף אויף איהם די צייהן שוין פון לאַנג; איך מוז איהם אַמאָל חאַפּען און אָפּבייסען איין אויהער! זיין גליק, וואָס איך בין איצטער איין „אָראַפּטשיק“, געה אַרום אַהן קליינגעלד... און אויפ'ן „פּאַנף“ וויל ער מיט מיר ניט שפּיעלען; קרייד איז אַ רפואה, זאָגט ער, צו ווערעם, ווערעם זאָלען עסען זיין לייב!... וועסט מיך דערהאַלטען ביי מיין לעבען, הערסט דו, אַז דו וועסט מיר געבען אַביסעל גאָלד.

מ אַ ט ו ו י י (דערשראָקען). ווי קומט צו מיר גאָלד?

ד א ו ו י ד ק ע. מאַך נאָר נישט קיין אַנשטעלען, דו זויערע קיסליצע, און גיב אַהער צוויי „שמאַטעס“. זיי נאָר נישט דאָס, וואָס סע קוויטשעט!

מ אַ ט ו ו י י (חאַפּט אַרויס דעם טייסטער). איך זאָל אַזוי ריין זיין פון שלעכטס! נאַ, זעה!

ד א ו ו י ד ק ע (שטופּט איהם אָפּ דעם טייסטער). די קונצען געהען ביי מיר נישט אָן! ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ מבין אויף אַ טשאַך, היינט וואָס מאַכסט דו אַנשטעלען, דו פּראַ־אָדם, דו פּוסטע גלאָק, דו „באַסיאַק“ איינער? און אַז עס מאַכט זיך, ד ו בלייבסט זיצען אין קלוב אָהן פּאָדעם, גיב איך דיר נישט, דו יאַקעל בן פלעקיל, דו הונט איינער, דו כלב שבכלבים!? (עס קומען אַן פון איין איכוועניגסטער טיר ח י י ם און ו ו אָ ל אָ ד י ; נאָך זיי — פּאַרלעבוויז יונגע לייט און בחורים מיט שוואַרצע און בלויע העמדלעך — חיים'ס און וואָלאָדי'ס חברים; אויך מיידלעך מיט אונטערגעשערענע האָר און מיט צעפּלעך און מיט רויטע בלוזקעס; אייניגע געהען אַרום הין און צוריק, רעדען מיט היטץ, מאַכען מיט די הענד; אייניגע וויעגען זיך אין די וויעגשטוהלען; אייניגע צעלעגען זיך אין די ווייכע פאָטעלען, ווי ביי'ם טאַטען אין וויינגאָרטען, און רויכערען, אַ פּאָר מיידלעך זעצען זיך אַוועק צום פּאָרטעפּיאָן; איינע קלאַפּט מיט די הענד איבער די בײנד־

לער. בעזונדער, אן א זייט, שטעהט חנה; זקעגען איהר — אראנ־טשיק, טענה'ט עפּיס, האלט א פּאפּיער. מאטוויי און דאווידקע בלייבען שטעהן אין א ווינקעל הינטער די בלומען; מע זעהט זיי ניט).

זעכסטע סצענע.

ערשטע בלוזקע. וואס טהוסט דו?

צווייטע בלוזקע. איך שפּיעל אויפ'ן בורזשואזנע אינסטרומענט.

ערשטער חבר. אינטערנאציאנאליזם! אינטערנאציאנאליזם!... פאר א פאלק, וואס האט א טעריטאריע, זיצט אויף זיין ערד, איז גרינג צו רעדען פון אינטערנאציאנאליזם, זיך משדך זיין מיט אנדערע פעלקער; פאר אונז, אידען, איז דאס א שחיטה!

צווייטער חבר. מיט וואס איז דאס א שחיטה?

חיים. אזוי. ווארום אלע גרויסע פעלקער, נאך אלע טענות, בלייבען פארט בעל־הבית ביי זיך אין לאנד. איינגלענדער וועלען תמיד זיין איינגלענדער; פראנצויזען וועלען תמיד בלייבען פראנצויזען. און פון אונז וואס וועט בלייבען? אט דאס א! (בלאזט פונ'ם פּאפּיראס).

דריטער חבר. איין אומגליק מיט די ציוניסטען! באלד זענען זיי דא מיט זייער נאציאנאליטעט! מע רעדט פון פעראייניגען זיך קעגען קאפּיטאל, פיהרען א מלחמה מיט דער בורזשואזיע, קומען זיי צוגעהן מיט זייער פאלקסגעפיהל און מיט זייער גאט... א סך האט איהר גע'פועל'ט מיט אייער נאציאנאליזם? וואוהין זענען אהינגעקומען אונזערע גרויסע אידען: שפינאזא, היינע, בערנע, לאסאל, מארקס און נאך כדומה? איהר האט געזארגט פאר אייער נאציאנאלנאסט, און זיי זענען זיך דערווייל אוועק צו פרעמדע...

וואלאדי. וואסערע פרעמדע? נישטא קיין אייגענע! נישטא קיין פרעמדע!

פערטער חבר. אהא! קאַפּיטאַליזם האָט זיך שוין צערעדט!

פינפטער חבר. מע איז אריינגעגאַנגען אהער זיך אָפּרוהען פון דער דיסקוסיע, האָבען זיי פאַרבונדען דאָ אַ פרישע דיסקוסיע. משוגעים!

זעכסטער חבר (לאַכט). האַ־האַ־האַ! האַ־האַ־האַ!

אלע. וואָס איז אויף איהם אַזאַ געלעכטער?

זעכסטער חבר. קומט אהער, וועט איהר עפּים הערען אַ שענס! (אַלע לאָזען זיך צו איהם). זעהט איהר? (ער נעמט ביי חנה'ס חתן אַ פּאַפּיער פון די הענד). דאָס האָט זיידענשטאָמער גע־בראַכט צו טראָגען אהער אַ „פּעטיציע"!

אלע. א „פּעטיציע"?

אראנטשיק (רויט, ווישט זיך דעם שוויס, שטעלט ארויס אַ שווערע גאָלדענע קייט מיט אַ גרויסען מעדאַליאָן). וואָס איז פאַרהאַן וואָס צו לאַכען? אלע געהען היינט מיט פּעטיציעס, פאַר וואָס זאָלען מיר ניט געהן מיט אַ פּעטיציע? מיט גוטען אַז מיר וועלען געהן, וועלען מיר תמיד בעסער מאַכען... דאָס האָט איהר נומער איינס... (האַלט דעם פינגער אַזוי, אַז מען זאָל זעהען, ווי דער ברילליאַנט פונ'ם רינג פינקעלט).

ערשטער חבר. ווילט איהר, אַז מיר זאָלען חתמ'ענען אויף אייער פּעטיציע?

אראנטשיק. פאַר וואָס ניט?

צווייטער חבר. אפשר וואָלט איהר זיך מטריח גע־ווען זי איבערלייענען?

דריטער חבר (צום צווייטען). האָסט. אַפּנים, מעהר ניט וואָס צו טהון? (דער עולם לאַכט).

חנה (געהט צו). וואָס איז דאָ? (צום חתן). וואָס איז? (זיי רעדען ביידע שטילערהייד. אראנטשיק בעהאַלט דאָס פּאַפּיער צוריק

אין בוזעמקעשענע, ווישט דעם שווייס, שטעלט ארוים די גאָלדענע קייט מיט'ן גרויסען מעדאַליאָן).

וואָלאַדי (קוקט אויף'ן זייגער). שוין באַלד איבערגעגאַנגען די מינוטען. קינדער, קינדער, צו דער ארבייט! די צייט שטעהט ניט! (קלינגט מיט אַ גלעקעל. אַלע הויבען זיך אויף פון די ערטער, וואַרפען אַוועק די פּאַפּיראָסען אויף דער ערד, צעטרעטען מיט די פיס, און לאָזען זיך געהן אַלע אין איין טהיר. חנה מיט'ן חתן געהען פון הינטען).

זיבעטע סצענע.

דאַווידקע. וואָס איז דאָס? וואָס פאַר אַ קאָמעדיע ביי אייך? ווער זענען די דאָזיגע לייט?

מאָטוויי. ס'איז ביי זיי איין אסיפה... חברה יונגווארג... ציוניסטען... סאָציאַל-דעמאָקראַטען...

דאַווידקע. וואָס ווילען זיי?

מאָטוויי. ווייסט ניט וואָס זיי ווילען?

דאַווידקע. איך זאָל אַזוי וויסען פון דיר.

מאָטוויי. האָסט קיין מאָל ניט געהערט דאָס וואָרט פּראָלעטאַריאַט?

דאַווידקע. איך זאָל דיך אַזוי האָבען פאַר אַ טאַטען.

מאָטוויי. זיי ווילען, פאַרשטעהסט דו מיך... זיי שטעלען זיך איין פאַר די אָרעמע ארבייטער. זיי ווילען איינפיהרען. ס'זאָל זיין ווינציגער געארבייט און מעהר גענומען געלד. הייִנט פערשטעהסט דו שוין, דו גויעשער קאָפּ?

דאַווידקע. אט דאָס איז גאָר? דו פוסטע כלי וואָס דו ביזט! דאָס אייגענע ווילען מיר דאָך אויך!...

מאָטוויי. וואָס דען מיינסט דו? קום, וועלען מיר מאַכען איין עקאָרטע.

ד אַ ו ו י ד ק ע. האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו האָסט קיין געלד ניט, דו שקרן, דו כזבן, דו ליגנער וואָס דו ביזט!... ווייסט דו, וואָס איך וועל דיר זאָגען, פאַני פּיפּערנאָטער? ס'איז ביי אייך אַ שטוב פון סאַמע משוגעים, לאָם איך אַזוי לעבען מיט דיר אינאיינעם. קום, יאַקים!... (געהען אָפּ. עס קומען אַן מלכה מיט פעסלען).

אַכטע סצענע.

פ ע ס י ל (מאַהלט ווי אַ מיהל). גאָט זאָל אייך העלפען, מלכה'ניו, איהר זאָלט תמיד זיין רייך, און תמיד געזונד, און תמיד אויפגעלעגט, און תמיד פריילעך. איך זעה, ס'איז ביי אייך אַ שטוב, קיין עין הרע, וואָס ס'איז תמיד פריילעך, קיין עין הרע, אַזוי פיעל געסט ביי אייך. (ווייזט מיט דער האַנד אויף דער טהיר, וואו עס הערען זיך קולות פון יונגוואַרג).

מ ל כ ה (קוקט אויף יענער טהיר, זיפצט). געסט? הלואי וואָלטען זיי בעסער ווינציגער געגאַנגען אַהער, וואָלט איך געוועזן רוהיגער...

פ ע ס י ל (מאַכט זיך ניט הערענדיג, מאַהלט ווייטער). קיין עין הרע, אַזאַ ראָסקאָש ווי ביי אייך, קיין בייז אויג זאָל ניט שולט זיין. וואָס פעהלט אייך?

מ ל כ ה. זאָל עס מיר צוקומען! אונז פעהלט נאָר שלום-בית. ווייסט דו שוין, וואָס אונז פעהלט?...

פ ע ס י ל (מאַכט זיך ני"י ערענדיג). היינט די קינדערלעך אייערע, קיין עין הרע, קיין בייז אויג, בּאַרליאַנטען! און דעם נחת, וואָס איהר האָט פון זיי. מיט'ן כבוד, קיין עין הרע, קיין בייז אויג!

מ ל כ ה. וואו איך האָב ערגיץ אַ שונא, רבונו של עולם!... נחת זאָגסט דו? אַ שענער נחת! די עלטערע טאָכטער גע'גט זיך... די זיהן ווילען ניט חתונה האָבען... ביי'ם עלטערען שיט זיך שוין אַ בערדעל... די אינגערע האַלטען איז איין לערנען מיט אייך

געהן אויף סאבראניעס־גוליאניעס... ציטערט אויף מיר דאס לייב פאר זיי... רעדען אזעלכע ווערטער, אז מע קאן שטארבען!... אז ער איז אין דערהיים, מאיר הייסט עס, האט מען האטש אביסעל דרך־ארץ, פארט א מאנסביל! און פאהרט ער אוועק אויף איין טאג, קעהרט מען איבער די שטוב! מע קלויבט זיך צענויף, וואו ערגיץ א שלעפער, א בעל־מלאכה, אויף טיש און אויף בענק! און פרוב זאגען א ווארט, ביזט דו ניט זיכער מיט'ן לעבען!... ס'איז עפּיס גאר הפקר געווארען, עפּיס א פארקעהרטע וועלט: טאטע־מאמע האבען היינט מורא פאר די קינדער... וואס, ניט אזוי?

פ ע ס י ל. וואס זאלט איהר קלעהרען, מלכה'ניו, ס'איז אונזער גראד אויך ניט בעסער. מע דארף היינט פאר קינדער האלטען דאס היטעל; אניט, האפּען זיי א שטעקען מיט א רויטע פעטשיילע און מע געהט ארויס אויף „א מעניסטראציע“...

מ ל כ ה (ציטערט אזש). מעהר ווי פאר אלע האב איך מורא פאר מיין וואלאדי'ן — אט א יענער, וואס כ'האב דיר אנגעוויזען. מיט'ן עמדעל... מילא, דער עלטערער איז טאקי אפילו א גרויסער גארנישט, ווערד פארפאלען א מאל אויף א גאנץ מעת־לעת; ווער ווייסט וואו ער איז געווען? איז ער אבער דערפאר א שטילער, מישט זיך ניט אהין, וואו מע דארף ניט... וועט קומען די צייט, וועט ער מסתמא חתונה האבען, ווערען א מענטש... דער אנדערער איז זעהר א וואוילער, איז ער אבער א „צעניסט“, א פייערדיגער „צעניסט“!

פ ע ס י ל (שאקעלט מיט'ן קאפּ). איי־איי־איי! ווי קומט עס צו־נ־איך?

מ ל כ ה. לאם איך אזוי וויסען שלעכטס מיט דיר אינאיי־נעם... למאי וואלאדי? פון וואנען קומט צו מיר אזא וואלאדי? דער וואלאדי האט אויף זיך א קאפּ, וואס מע זאל אויספאהרען די גאנצע וועלט! ער האט איהם ליעב דאס חיות, מיין מאיר הייסט

עס... ער זאָל אָבער הערען, וואס דער וואָלאָדי רעדט! ער זאָל וויסען, וואָס דער וואָלאָדי טהוט! (בויגט זיך צו צו פּעסלען אויפ'ן אויהער). ער לערענט זיך שיסען...

פּ ע ס י ל (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, שמוצערט מיט די ליפּען). דער אויבערשטער זאָל שומר ומציל זיין! פּונקט דאָס אייגענע, וואָס ביי אונז. באָלד עפּיס — שיסען זיי!...

מ ל כ ה. איין שטיקעל נחת וואָלט איך געהאַט פון מיין קלענערער טאָכטער, פון מיין חנה'לען; קוים דערלעבט א שדוך טהון. און נאָך וואס פאר א שדוך! משה'לע זיידענשטאָמער — דער ערשטער יחוס ביי אונז! און א חתן — אזא יאָהר אויף מיר! א שטיק גאָלד! האָסט דאָך איהם געזעהען?

פּ ע ס י ל. א בּאַרליאַנט דאָס איז! קיין עין הרע, קיין בייז אויג!

מ ל כ ה. איז אָבער מיין מזל אזוי גרויס, אז זי וויל נישט חתונה האָבען.

פּ ע ס י ל. וועה איז מיר! וואס הייסט, זי וויל ניט חתונה האָבען?

מ ל כ ה. זי וויל זיך לערנען וויל זי... מיינסט, זי איז ווינציג געלערענט? געלערענט מיט סכנת-נפשות! נאָר וואס דען? פאר איהר איז קאָרג, זאָגט זי, זי וויל נאָך! טענה איך מיט איהר: נו, און די חתונה? זאָגט זי: די חתונה וועט מעגען זיין שפּעטער מיט עטליכע יאָהר... דו הערסט? א גליק, הערסט דו, וואס ער, מאיר הייסט עס, ווייסט נישט דערפון. ער ווייסט גאָר נישט, מע בעהאַלט פון איהם, מע האָט פאר איהם דרך-ארץ. פּאַרט א מאַנס-ביל! א מאַנספּאַרשוין! (עס פליהט אריין ווי א ווירבער ס אָ ש ק ע, גלייך צו דער מוטער).

נייענטע סצענע.

ס א ש ק ע. מאַמע, געלד! געלד, מאַמע! דאַוואַי דיענגי!

מ ל כ ה (צו דער קעשענע). שאַ! וואָס פאַר געלד? אויף וואָס איז געלד?

ס א ש ק ע. אויף וואָס? (טראַכט אַביסעל). אויף... טינט!

מ ל כ ה. טינט? קאַרג טינט אין שטוב, טאַטעניו? ערשט נעכטען געקויפט אַ פלאַש טינט! ווער טרינקט אויס אַזוי פיעל טינט?

ס א ש ק ע. נו, פּענעס!

מ ל כ ה. פאַרשטעהט זיך, אַז ניט קיין טינט, איז פּענעס.

פ ע ס י ל. אָט דאָס איז אייער מיזיניקעל, לעבען זאָל ער! אַ בּאַרליאַנט דאָס איז, קיין עין הרע, קיין בייז אויג! (מלכה צעהלט איהם געלד, פעסיל שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, מאַכט גרימאַסען; סאַשקע, הינטער איהרע פּלייצעס, מאַכט איהר נאָך. מלכה וויגקט צו איהם, ער זאָל אַוועקגעהן. סאַשקע אַנטלויפט. עס לויפט אריין מאַשע דאָס שטובמיידעל מיט איין איבערגעשראָקען פּנים).

צעהנטע סצענע.

מ א ש ע. געקומען אהער דער נאַדזיראַטעל מיט'ן „טשעסנע פּריסטעוו"... אַ פולער הויף... ארומגערינגעלט די גאַנצע שטוב ארום און ארום...

מ ל כ ה (אַ פּליעסק מיט די הענד). אַ דונער האָט מיך דערשלאַגען! (לאָזט זיך אין יענעם חדר, וואו די קינדער. פּאַלט חלשות).

פ ע ס י ל (וואַרפט זיך צו מלכה'ן). גאָט איז מיט אייך, מלכה'ניו! האַרצעניו! נשמה'ניו! וואַסער! גיכערט! ברענגט אַהערצו וואַסער!... (עס הערט זיך אַ רעש אין יענעם צימער, וואו קליינוואַרג

איז. — גיך שפּרינגט ארויס פון דאָרטען אראַנטשיק, בלאַס ווי דער טוידט, לויפט אַרום, ווי אַ פּער׳סמ׳טער איבער׳ן זאל; אלע טהירען זענען צו).

א ר אַ נ ט ש י ק (רעדט צו זיך אַליין). מע דאַרף זיך בעצייי־טענס אפּטראַגען פון דאַנען... וואָס האָב איך דאַ צו טהון?... נישט מחמת איך האָב מורא! וואָס האָב איך מורא? נאָר גאָר נישט, איך האָב עס פיינט!.... (שפּרינגט ארויס דורכ׳ן פענסטער).

סוף פונ׳ם צווייטען אקט.

דריטער אקט.

די זעלבע דעקאראציע, וואס אין ערשטען אקט. — מ א י ר געהט ארום צעטראגען, די הענד ארונטער. — מ ל כ ה , אין א פאריק און אין ברילען, זיצט איבער א גראבען קרבן־מנחה און דאווענט שטילערהייד מיט א פרום פארוויינט פנים, מישט איין בלעטעל נאכ'ן אנדערען.

ערשטע סצענע.

מ א י ר . יא, פיין פיין... האסט זיך שען אויסגעפיינט, מאיר שאלאנט, שען!... די טאכטער אנטלאפען — און מיט וועמען? מיט עפיס א נאקעטען פראוויזאר, צי א צייהנרייסער, א דאנטיסט. דער רוח ווייסט זיי דארטען! און דער זוהן זיצט... (שטעלט זיך אפ א ווייל, ברעכט די הענד). און ווער איז שולדיג, אז ניט דו?

מ ל כ ה (דאווענט). איך?

מ א י ר . ווער דען? איך?

מ ל כ ה . נו, לאז זיין איך.

מ א י ר . זאג אפשר, אז ניין? דו ביזט דאך די מאמע!

מ ל כ ה . נו, יא, איך בין א מאמע. (דאווענט).

מ א י ר . ווער דארף אכטונג געבען אויף קינדער, אז ניט די מאמע? א מאמע בעדארף צו וויסען וואס ביי איהרע קינדער קאכט זיך. אלסדינג, אלסדינג בעדארף א מאמע וויסען! (שרייעט אלע מאל העכער).

מ ל כ ה . ביזט גערעכט, גערעכט. אלסדינג בעדארף א מאמע וויסען. נאר וואס דען? איין זאך וועל איך פון דיר בעטען: אהן געשריי. טאקי דער אייגענער גוואלד, נאר אביסעלע שטילער. לאז חאטש די גאס נישט וויסען אונזער אומגליק!

מ א י ר . א סוד פאר גאנץ בראד!... עס ווייסט שוין מסתמא פון דעם די גאנצע שטאדט פון איין עק ביז'ן אנדערען עק... אזא־נ־

אומגליק! אזא בזיון! וואס וועט מען זאגן? שען געלערענט קינדער! (שטעלט זיך אפּ, טהוט א זעץ מיט דער האנד איבער'ן טיש). מלכה!

מ ל כ ה (טהוט זיך א ווארף). הא? וואס איז דיר?

מ א י ר. דו דאוועגסט? די טאכטער דיינע שפּאציערט ארום ערגיץ דער רוח ווייסט מיט וועמען, דער זוהן זיצט גאט ווייסט וואו און מיט וועמען — און דו דאוועגסט?

מ ל כ ה. איך דאווען, וואס דען? אזוי ווי דו? אזוי ווי איהר, וואס האט אוועקגעווארפען דאס דאוונען מיט'ן גאנצען אי־דישקייט? אליין געווארען אויס איד, און די קינדער געמאכט פאר גויים... מאיר! מיר האבען פארזינדיגט פאר גאט, מאיר, בעדארף מען איהם דאוונען. דאוונען דארף מען איהם!...

מ א י ר. נו, דאוון, דאוון. געזונדערהייד. ווער לאזט דיך ניט?... (געהט ארום). אויף איין טאג נאר ארויסגעפאהרען אין וואלד — וואס דא טהוט זיך! איין איבערקעהרעניש: מע בעדארף עפּיס טהון... לויפען... שרייבען... בעטען... שיטען געלד... ראטעווען א קינד... אזא קינד! איך וועל נישט זיצען דא בשעת ער וועט זיין דארטען, גאט ווייסט וואו און מיט וועמען!... (האפּט זיך פאר'ן קאפּ). מע דארף שרייבען א בריעף, א פּראשעניע... וואו זענען ערגיץ די קינדער? וואו איז מאטוויי?

מ ל כ ה (דאוונט). מאטוויי איז ניטא.

מ א י ר. וואס הייסט, ער איז ניטא? וואו איז ער?

מ ל כ ה. איך ווייס וואו ער איז?

מ א י ר. ווער דען ווייסט? ביזט א מאמע, צי ניין? וואו איז מאטוויי, פרעג איך דיך?

מ ל כ ה. שא, שריי נאר ניט אזוי, מע ווערד פון דיר ניט גליקליך... איך בעדארף וויסען, וואו מאטוויי איז! מע פרעגט ביי מיר, צי מע דערצעהלט מיר? ביזט נאר אוועקגעפאהרען פון דער היים, קוק איך איהם נישט אז אין די אויגען שוין דריי מעת־לעת!

מ א י ר (אויסער זיך). הא? וואס? דריי מעת לעת?! וואו זענען דיינע אויגען? א קינד געהט אוועק אויף דריי מעת לעת פון שטוב — עס זאל זי אפילו אנהויבען אהרען! זי זאל דאס אפילו א פרעג טהון. וואוהין מע געהט! וואס פאר א מאמע ביזט דו, פרעג איך דיך? ביזט א מאמע, צי ניין?

מ ל כ ה. טשעפּע זיך אפּ, איך בעט דיך! וואס פאר א מאמע ביז איך דיר, אז מע הערט מיך ווי דעם הונט. פון'ם גרעסטען ביז'ן קלענסטען! וואס פאר א מאמע ביז איך אייך, אז איהר אלע לאכט פון מיר. מאכט מיך מיט דער בלאטע גלייך? וואס פאר א מאמע קאן איך שוין זיין, אז דו אליין האסט זיי געלערענט פון קינדווייז אויף שטעלען דער מאמע א פייג? אליין געמאכט א תל פון די קינדער — און טשעפּעט זיך! וואס? זאג אפשר, אז ניין?

מ א י ר. גוט־גוט. ביזט גערעכט, גערעכט... וואו איז חיים? (שרייעט). חיים! חיים! (עס קומט אריין ח י י ם).

צווייטע סצענע.

מ א י ר (צו חיים'ן). ווייסט ניט, וואו איז ערגיץ מאטוויי דעם דריטען טאג?

ח י י ם. פון וואנען זאל איך וויסען?

מ א י ר. וואס הייסט, פון וואנען זאלסט דו וויסען? ער קעהר דיר, דאכט מיר. אזוי אז א ברודער, ווי דו איהם? צי ניין?

ח י י ם. א ברודער קעהר ער מיר אז. נאר וואו ער איז וויים איך נישט.

מ ל כ ה. וואס ווילסט דו פון'ם קינד? פון וואנען זאל ער וויסען?

מ א י ר. פאר וואס זאל ער נישט וויסען? פאר וואס ווייסט ער צו מאכען סאבראניעס מיט זאסעדאניעס, אז איך פאהר אוועק? (צו חיים'ן, [illegible]). וואס הערט זיך עפּיס מיט דיין ארץ־ישראל?

ח י י ם . מיין ארץ־ישראל ? ארץ־ישראל איז אזוי מיינס ווי דיינס.

מ א י ר . נעוויס ! (מיט גיפט). רעכענסט אפשר אין גיכעו טאקי זיך דורכפאהרען אהינצו, הא ?

ח י י ם . פאר וואס ניט ?

מ א י ר . און טאקי אין איין וועגס דארטען בלייבען זיצען ?

ח י י ם . מיט׳ן גרעסטען כבוד.

מ א י ר (צום ווייב). מלכה, דו הערסט ?

מ ל כ ה . ווייס איך וואס א קינד פלאפעלט !

מ א י ר (צו חיים׳ן). וואס רעכענסט דו, אשטייגער, דארטען צו טהון, כדומה למשל ?

ח י י ם . דאס, וואס אלע קאלאניסטען : בעארבייטען די ערד, פלאנצען ביימער, וויינגערטנער.

מ א י ר (צום ווייב). מלכה, דו הערסט ? (נעמט חיים׳ס האנד). ער וועט גראבען ערד ! פלאנצען ביימער ! הא־הא־הא ! וואס זאגסט דו אויף דעם ערדגראבער? אויף דעם ביימערפלאנצער?

מ ל כ ה . ווייס איך וואס קינדער פלאפלען !

מ א י ר (מיט כעס צום ווייב). בהמה ! יענער רעדט ווערטער. און זי זאגט (קרימט זי איבער): קינדער פלאפלען !... (צו חיים׳ען). זאג מיר נאר, זוהניו, קיין שענערע פרנסה האסט דו דיר שוין גאר נישט געקאנט געפינען, אחוץ ערד גראבען און ביימער פלאנצען ?

ח י י ם . מיט וואס איז ערד ארבייט מיאוס׳ער, ווי זיין דעם פריצ׳ס א איד ? מיט וואס איז קויפען און פארקויפען וואלד איז גלות שענער, ווי פלאנצען ביימער ביי זיך אין דערהיים, אינ׳ם אייגענעם לאנד, צווישען אייגענע ברידער און שוועסטער ?

מ א י ר (צו מלכה׳ן). דו הערסט ? איך האב איהם גאר קיין מאל ניט געהארכט אזוי רעדען ! (צו חיים׳ען, איראניש). ווען זשע רעכענסט דו מאכען די רייזע, אם ירצה השם, אין א גוטער שעה ?

חיים. אפילו היינטיגען טאָג... מע דאַרף פריהער דאָס פאָלק ריהרען פון׳ם אָרט, צוגרייטען אונזערע אָרעמע ברידער, די אַר־ בייטער.

מאיר. ביזט דו דאָס פון די דאָזיגע, וואָס ריהרען דאָס פאָלק? פון די דאָזיגע, וואָס גרייטען צו די אָרעמע ברידער?

חיים. ווער דען? איהר, וואָס זענט שטענדיג פאַרנומען נאָר מיט אייער געלד און נאָר מיט אייערע געשעפטען? צי אַזעלכע, ווי מאַטוויי, וואָס איז פאַרנומען מיט זיך אַליין? צי אפשר זיידענ־ שטאָמער מיט זיינע קינדער?...

מאיר. ביזט דו דאָס מחויב זיך אָננעמען די קריוודע פון אַלע אָרעמע לייט? ווי געפעלט עס דיר!

חיים. מחויב זענען מיר אַלע, ווארום מיר אַלע זענען קינ־ דער פון׳ם אָרעמען אידישען פאָלק, וואָס ליידט שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר און וואָס האָט ערשט נישט לאַנג אויפגעוואַכט פון׳ם שווערען מורא׳דיגען שלאָף, ערשט ניט לאַנג אויפגעעפענט די אויגען און דערזעהען וואו ער איז אין דער וועלט.

מאיר. וואָס איז דאָס מיט אייך געוואָרען אַזעלכעס? איך מיין דיך... וואָלאָדי׳ן... חנה׳ן... איך האָב קיין מאָל נישט געהערט פון אייך אַזעלכע ווערטער!

חיים. ווארום דו האָסט זיך קיין מאָל ניט אינטערעסירט. מיט אונז קיין מאָל ניט גערעדט פון אַזעלכע עסקים...

מאיר. אַזעלכע עסקים? וואָס פאַר עסקים ביי אייך? ווי קומט צו אייך עסקים? דער — מיט ציוניזם! יענער — מיט ביכלעך! וואָס פאַר ביכלעך האָט מען דאָס געפונען ביי וואָלאָדי׳ן? דו מוזט דאָך וויסען! אפשר וועט מען עפּיס קאָנען טהון? דאַר־ פען? איהם מעוועזען?

חיים. איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך קאָן דיר, ליידער, גאָר נישט זאָגען, וואָס מיט וואָלאָדי׳ן איז געוועזען. ווארום איך מיט וואָלאָדי׳ן געהען אין פאַרשיעדענע וועגען...

מ א י ר . אין פאַרשיעדענע וועגען? נאָט אייך אַ גראַשעו פאַר אַלע אייערע וועגען!...

ח י י ם . איטליכען מאַהלט זיך אויס, אַז ער געהט אין רעכ־טען וועג...

מ א י ר . אַזאַ יאָהר אויף אַלע מיינע שונאים. איינער בעסער פון'ם אַנדערען! די עלטערע זענען אַוועק דער שוואַרץ יאָהר ווייסט וואוהין; האָב איך געדעכענט פון אייך חאָטש אַ שטיקעל נחת: צום סוף האָבען זיי זיך גענומען צו פרעמדע עסקים גאָר! געשעפ־טען!

ח י י ם (מיט פייער). פאַר וואָס עפּיס פרעמדע? ס'איז איי־גענע, ניט קיין פרעמדע! וועמען שלאָגט מען? אייגענע. צי פרעמ־דע? וועמענס ברידער ליידען? אייגענע, צי פרעמדע? צי מיינסט דו, אַז אַלסדינג, וואָס קומט פאַר אַצינד ביי אידען, מיינט מען דאָך יענעם, ניט דיך?

מ א י ר (ארוים פון די כלים). שטיל זאָל זיין, דו שנעק איינער! אַט אַזוי רעדט מען מיט אַ טאַטען?! (לאָזט זיך צו איהם).

מ ל כ ה (שטעלט זיך אַוועק אין מיטען). מאיר! זאָל איך שלעכטס האָבען, זאָל איך שטאַרבען, אויב דו וועסט מיר אָנריהרען דאָס קינד! (עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין ב ע נ י מיט'ן זאַקטיק. חיים געהט אַפּ).

דריטע סצענע.

ב ע נ י (מאַכט אַ „בואי־בשלום"). אַ גוטער מאָרגען זאָל אייך זיין, רב מאיר! אַ גוטער מאָרגען זאָל אייך זיין, מלכה! אַ גוטער מאָרגען זאָל אייך זיין ביידען! וואָס הערט זיך, וואָס מאַכען עפּיס אייערע... דאָס? (קוקט זיך ארום אויף אַלע זייטען). אייערע קינדער מיין איך?

מ א י ר . גוט מאָרגען—גוט יאָהר. זיצט, וואָס מאַכט אַ איד?

ב ע נ י. עט! וואָס זאָלען מיר מאַכען? (זעצט זיך אַוועק). נישט גוט. דאָס הייסט, ס'וואָלט געווען גוט, מע זאָל פאַרדיענען. פאַרדיענט זיך אָבער ניט, איז שלעכט... גוט איז אייך, אַז איהר זיצט זיך, קיין עין־הרע, מיט אייער אַלטעטשקע און מיט אייערע קינדערלעך, קיין עין הרע. ווי שטעהט דאָרטען געשריבען ביי אונז. האַ? אשתך—דיין ווייב, כגפן — ווי אַ ווייַנשטאָק, פוריה — וואָס זי פרוכפּערט זיך, בנים — די קינדער, כשתילי זיתים — ווי די אייל־בירט־צווייגען, סביב לשולחנך — רינגלען זיי אַרום דיין טיש. (קוקט זיך אַרום). וואו זענען זיי ערגיץ אייערע דאָס... די קינדער מיין איך?

מ א י ר (קוקט אויף מלכת'ן, מלכת דאַוועגט). וואָס איז דען? וואָס דאַרפט איהר זיי?

ב ע נ י. וואָס איך דאַרף זיי? גלאַט אַזוי: איך זעה, מע זעהט זיי ניט, — פרעג איך... געראָטענע קינדער ביי אייך, קיין עין־הרע, איינס בעסער פון'ם אַנדערען. ס'איז נאַר, הערט איהר, אַ מזל. דער נגיד, זאָגט מען, האָט גליק צו אַלסדינג, אפילו צו קינדער. די עלטערע איז ביי אייך, קיין עין הרע, אַ פּאַרשוין; שאַדע, וואָס זי זיצט ביי אייך אַזוי לאַנג אַ דאָס, איין אלמנה מיין איך; איך האָב שוין וויפיעל מאָל געוואָלט צו אייך אַריינגעהן שמועסען מכח... איך האָב פון איהרעטוועגען אַ דאָס, אַ שדוך מיין איך; וויל זי ניט, האָב איך געהערט זאָגען, חתונה האָבען דורך אַ דאָס, דורך אַ שדכן הייסט עס... (קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען). וואו איז זי ערגיץ אייער עלטערע דאָס, די טאָכטער מיין איך?

מ א י ר (קוקט זיך איבער מיט מלכת'ן). וואָס איז דען? וואָס דאַרפט איהר זי?

ב ע נ י. גלאַט אַזוי, איך זעה, מע זעהט זי נישט, — פרעג איך... נאַר פאַר וואָס ע ר האָט ניט חתונה — דאָס קאָן איך שוין ניט פאַרשטעהן. איך מיין אייער עלטערען דאָס, דעם זוהן מיין

איך... דעם פּריזיוו האָט ער שוין, ברוך השם, געפּטר'ט לאַנג, קומט איהם שוין, דאַכט זיך, אַ דאַס, אַ כלה מיין איך? שאַדע, וואָס מע טרעפט איהם קיינמאָל נישט אין דערהיים... (קוקט זיך ארום אויף אַלע זייטען). וואו איז ערגעץ אייער עלטערער דאָס, אייער זוהן מיין איך?

מ א י ר. וואָס איז דען? איהר דאַרפט איהם עפּיס?

ב ע נ י. אויף וואָס דאַרף איך איהם? גלאַט אַזוי, איך זעה, מע זעהט איהם ניט, — פרעג איך. זעהט איהר, דער אַנדערער — דער איז ביי אייך גאָר אַ גערּאַטענער. דער חסרון, וואָס ער איז אַ דאָס, אַ ציוניסט מיין איך. דאָס הייסט, קיין חסרון איז דאָס נישט; אדרבה, ס'איז גאָר אַ מעלה. איידער ליגען אין די קלובען און שפּיעלען אין קאָרטען, איז שוין גלייכער זיין אַ דאָס, אַ ציוניסט מיין איך... מיינע קינדער אַליין זענען אויך ציוניסטען, חאָטש סע געפעלט מיר ניט דער דאָס... דער געדאַנק מיין איך. דאָס הייסט, געפעלען געפעלט ער מיר, פאַר וואָס זאָל ער מיר ניט געפעלען? אדרבה, זעהר שען פון זייער זייט, וואָס זיי פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע זאַכען, זאָרגען זיך פאַר'ן דאָס, פאַר'ן כלל הייסט דאָס. דער חסרון, וואָס מע רעדט צופיעל... אָט בין איך געווען אַנומעלטען אויף אַ דאָס, אַיין אסיפה הייסט עס: האָט אייער זוהן געהאַלטען אַ דאָס, אַ דרשה מיין איך — צוקער־זיס!... דער דריטער אייערער איז אויך אַ גוטער שקאָץ! נאָר, דאַכט מיר, שוין ניט קיין דאָס, קיין ציוניסט מיין איך? מסתמא ווייסט איהר דאָך בעסער וואָס ער איז?... אַ חברה־מאַן איז ער אַ גוטער! ער קען זיך מיט אַלע דאָס, חברה־לייט מיין איך... (קוקט זיך ארום אויף אַלע זייטען). וואו איז ער ערגיץ אייער דאָסיגער דאָס, אייער יונגערער זוהן מיין איך?

מ א י ר. וואָס פרעגט איהר זיך אַזוי נאָך? איהר דאַרפט איהם דען?

ב ע נ י. וואָס איז שייך, איך דאַרף איהם? גלאַט אַזוי, איך זעה, מע זעהט איהם ניט, — פרעג איך... אַיין אויסגעשפּיעלטע.

זאגט מען, איז ביי אייך די קליינע, אט די וואס מיט די געשערענע דאס, האר מיין איך... א מאנסבילשער קאפ אויף איהר, זאגט מען; און א קענערין — א שארפע! און נעמט א דאס, א חתן מיין איך, אויף זעהר א געראטענעם... און חאטש איך בין דא קיין שדכן ניט געוועזן און קיין געלד ביי אייך נישט פארדיענט, נאר פונדעסטוועגען קאן מען פונ'ם אמת ניט אוועקגעהן: איהר האט מיט'ן דאזיגען שדוך ניט שלעכט געדאסט, געטראפען מיין איך... ווארום לאמיר זיך ניט נארען, איהר זענט טאקי א איד איין עושר, קיין עין הרע, מע קאן זאגען א גביר, חאטש איך האב אייער געלד נישט גע־צעהלט... נאר ווי קומט איהר צו רב משה'לע זיידענשטאמער? יע־נער איז איינגעטונקען אין דאס, אין יחוס מיין איך... דער חסרון, וואס ער נעמט זיך שוין צופיעל איבער, און פארגעסט, אז טאמער זענט איהר נישט אזא גרויסער יחסן, גיט איהר אבער דערפאר אייער קינד א סך דאס, נדן מיין איך... וואו איז זי ערגיץ (קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען) אייער קלענערע דאס, טאכטער מיין איך?

מ א י ר. אויף וואס קאנט איהר זי, אשטיינער, דארפען?

ב ע נ י. איך? חס ושלום! גלאט אזוי, איך זעה, מע זעהט זי ניט, — פרעג איך... דאס הייסט, אז מע וויל שמועסען דאס איי־גענע צוריק, בעדארף איך גראדע צו איהר יא האבען. דאס הייסט, איך האב צו איהר א שטיקעל דאס, א בריעף הייסט עס...

מ א י ר. א בריעף? פון וועמען איז א בריעף?

ב ע נ י. עס רעדט זיך אזוי א בריעף. טאקי פון איהם, פון אייער דאס, פונ'ם מחותן מיין איך.

מ א י ר און מ ל כ ה. פונ'ם מחותן?

ב ע נ י (נעמט ארויס פון דער אונטערשטער קעשענע א פאפיער). ער האט מיך געבעטען, איך זאל אייך איבערגעבען, אזוי ווי אייער דאס, טאכטער הייסט עס, האט נישט אין זינען אפילו צו טראכטען מכח דאס, חתונה הייסט עס, זי וויל גאר פאהרען אויף די דאס,

אויף די קורסען הייסט עס, — זאָל זי פאָהרען, זאָגט ער, געזונדער־הייד... און אזוי ווי מיט אייער עלטערע טאָכטער די גרושה האָט זיך געטראָפען אַ מעשה... און אייער זוהן האָט מען איינגעזעצט אין דאָס, אין טורמע הייסט עס, און די גאַנצע שטאָדט, זאָגט ער, האַלט אייך אין די דאָס, אין די מיילער הייסט עס; לכן בעט ער, איהר זאָלט קיין פאראיבעל ניט האָבען און זאָלט מוחל זיין איבער־געבען אייער דאָס, אייער טאָכטער הייסט עס, איהרע דאָס, איהרע תנאים הייסט עס. (גיט איבער מאיר׳ן דאָס פּאַפּיער).

מ א י ר (אויסער זיך פאַר בעס). מלכה! דו הערסט? (צער־קנייטשט די תנאים אין די הענד). געהט זאָגט איהם, אייער גרויסען יחסן, אַז איך לאַך פון זיין באָבען איך דאַרף איהם אויף זיבעני־טויזענד כפרות מיט זיין גאַנצען יחוס! זאָגט איהם, לאָז ער נאָר נישט פארגעסען אָפּשיקען דאָס ביסעל ציערונג, די מתנות, און טאַקי היינט! און אַז איהר זענט שוין יאָ אַ שילאָמען־שמש, טאָ געהט זשע טאַקי פון דאַנען גלייך אהין, און טאַקי באַלד, און טאַקי שוין! (ווייזט איהם אויף דער טהיר).

ב ע נ י. וואָס דאַרפט איהר זיין אַזוי דאָסיג? איך בין דאָך נישט מעהר ווי אַ דאָס, אַ שליח מיין איך. מע זאָגט מיר, איך זאָל דאָסען — דאָס איך, מיין איך, איך זאָל געהן — געה איך...

מ א י ר. דאָסט זשע געזונדערהייד! (בעני רוקט זיך ארויס פון דער טהיר מיט אַ ווייטעל).

פערטע סצענע.

מ א י ר (צו מלכה׳ן). נו? דו שווייגסט?

מ ל כ ה. (קוקט אין סידור אריין). וואָס זאָל איך שרייען?

מ א י ר. וואָס זאָלסט דו שרייען, פרעגסט דו? אודאי דאַרף מען שרייען! אין אַלע גאַסען דאַרף מען אויסשרייען! קינדער זאָלען אַזוי מוטשען אַ טאַטען! וואו זענען די קינדער אַלע? חנה! חיים! ויאו זענט איהר?!

מ ל כ ה. שאַ! מע וועט זיך דאָך טאַקי צענויפלויפן פון דער גאַס!

מ א י ר. לאָז מען לויפן! לאָז מען זעהען, וואָס קינדער טהוען מיט אַ טאַטען! נישטאָ זיי? נישטאָ די קינדער? נישטאָ קיין קינדער, מלכה! נישטאָ! צעלאַפען זיך, ווי די מייז צעלאַפען זיך!

מ ל כ ה. צעזעעט און צעשפּרייט אויף אַלע זיבען ימין... (עס קומט אַריין ח נ ה, קוקט אויפ'ן טאַטער און אויף דער מוטער).

פינפטע סצענע.

ח נ ה. פּאַפּאַ!... דער מחותן האָט אָפּגעשיקט די תנאים?... כ'האָב שוין געהערט. ס'איז אמת?

מ א י ר. אַ גדולה אויף דער באָבע! וואָס זשע ביזט דו אַזוי לעבעדיג?

ח נ ה. וואָס זשע? וויינען זאָל איך?

מ א י ר. ניין, טאַנצען דאַרף מען. מע דאַרף געהן אַ פריי־ליכס! זאָג מיר, חנה, וואָס טהוט זיך עס מיט אייך? חתן־כלה איז ביי אייך עפּיס שפּיעלעכלעך, צי וואָס?

ח נ ה. ס'איז ביי א י י ך שפּיעלעכלעך, נישט ביי אונז. אייך האָט זיך געגלוסט אַ שדוך טהון מיט משה'לע זיידענשטאַ־מער, איינקויפען זיך אין יחוס. עס איז אייך דען איינגעפאַלען, איהר זאָלט פרעגען מיך, צי געפעלט מיר זיידענשטאַמערס זוהן? אַבי גאָט האָט אייך געהאָלפען, איהר האָט אַ שענעם מחותן... אייער מחותן איז אַ נידעריגער מענש! ער האַנדעלט מיט יחוס, ווי מיט אתרוגים. אַנשטאָט דעם, וואָס ער זאָל קומען דיך טרייסטען איז דיין אומגליק, וואָס האָט אונז געטראָפען, האָט ער אונז אָפּגעשיקט די תנאים. איך דאַנק איהם זעהר און זעהר, וואָס איך גיין פּטור־

געוואָרען פון אַ חתן, וואָס טראָגט בריליאַנטענע פינגערלעך און שרייבט פּעטיציעס. אַצינד בין איך פריי און קאָן מיר פאָהרען לערנען.

מ א י ר (צו מלכה'ן). דו הערסט? זי איז פריי!... זי קאָן פאָהרען לערנען!...

מ ל כ ה. ווייס איך וואָס אַ קינד פּלאַפּעלט.

ח נ ה. ניין, מאַמע, איך פּלאַפּעל נישט. איך רעד ערנסטע ווערטער.

מ א י ר. וואוהין, אייגענטליך, פאָהרסט דו, הייסט עס, אויב מע קאָן וויסען?

ח נ ה. קיין בערן פאָהר איך. דאָ נעמט מען נישט צו, מוז מען פאָהרען אין דער פרעמד.

מ א י ר (צו מלכה'ן). דו הערסט ווערטער? קיין בעריל פאָהרט זי. דאָ איז פאַר איהר ווינציג תורה, דאַרף מען פאָהרען אַזש קיין... ווי אַזוי הייסט עס?

ח נ ה. בערן.

מ א י ר. בעריל! זעהר שען, אַ שענער נאָמען! דו קיין בעריל, און חיים קיין ארץ ישראל.

ח נ ה. איך גיב נישט אָפּ קיין דין־וחשבון פאַר חיים'ן, און חיים — פאַר מיר. איטליכער פאַר זיך.

מ א י ר. די אייגענע ווערטער האָב איך געהערט פון חיים'ן. איטליכער פאַר זיך, איטליכער פאַר זיך. נו, און פאַר אונז ווער? און פאַר וועמען מיר? איהר קעהרט אונז עפּיס אָן שטיקלעך איי־גענע, צי ניין? איהר זענט א ו נ ז ע ר ע ק י נ ד ע ר, צי ניין?

ח נ ה. אייערע.

מ א י ר. און מיר זענען אייערע פאָטער און מוטער, צי ניין?

ח נ ה. אונזערע.

מ א י ר. האבען מיר עפּיס אויף אייך צו שאַפֿען, צי ניין? ווי מיינסט דו, אשטיינגער?

ח נ ה. איך מיין, אַז אַ מענש אויף אַ מענשען קאַן נישט האָבען צו שאַפֿען.

מ א י ר. נישט דאָס מיין איך. איך מיין, צי קאָנען מיר אייך זאָגען, למשל, דאָס מעגט איהר און דאָס ניט? דאָס ווילען מיר און דאָס ניט?

ח נ ה. ניין, איהר קאָנט ניט.

מ א י ר. ניין? מיר קאָנען ניט? דו הערסט, מלכה, וואָס די טאָכטער דיינע זאָגט? מיר קאָנען נישט! מיר האָבען נישט אויף זיי קיין שום דעה, קיין שום שליטה!

מ ל כ ה. ווייס איך וואָס אַ קינד פּלאַפּעלט!

מ א י ר (לאָזט אויס דאָס האַרץ צו מלכה'ן). בהמה וואָס דו ביזט! יענע רעדט, ווי איין אַלטער, ווי אַ בר־דעת, און זי (קרימט איהר איבער) — ווי אַ קינד פּלאַפּעלט! (צו חנה'ן). זאָגסט דו, הייסט דאָס, אַז נאָך דיין שכל נאָך קומט אויס, אַז מיר מיט אייך קעהרען זיך גאָר נישט אָן, לחלוטין גאָר נישט? איהר זענט זיך – איהר, און מיר זענען זיך — מיר?...

ח נ ה. ווער זאָגט דאָס דען? איהר זענט אונזערע עלטערען. און מיר זענען אייערע קינדער, וואָס זענען פערפליכטעט האַלטען אייך בכבוד, ליעב האָבען און...

מ ל כ ה (אויפגעלעבט). נו־יאָ, ווי מיר זאָגען אַלע אין דער־פריה: „איך וועל פאָלגען אַלסדינג, וואָס דער טאַטע הייסט, וואָס די מאַמע הייסט, וואָס גוטע־פרומע לייט הייסען“...

מ א י ר (רייסט איהר איבער, לעגט צעגויף ביידע הענד, קוקט אַרויף). „אַ ברכה־הצלחה זאָל קומען אויף מיין קעפּעלי, אמן סלה“... אַוודאי וועט זי דיך באַלד פאָלגען! דו זעהסט ניט?

ח נ ה. אַבי נאָר אַ גלייבע זאַך — פאַר וואָס ניט?

מ א י ר. גוט. למשל, אז מיר וועלן דיר זאָגן: חנה׳לע, פאָהר ניט אהינצו אין יענער שטאָדט, וועסטו דו דאָך מסתמא דוקא יאָ פאָהרען ?

ח נ ה. אודאי, וואָרום אין דעם הענגט אָפּ דאָס גאַנצע לעבען מיינס !

מ א י ר. פאַרשטעהסט זיך! וואָרום ווי קאָן מען גאָר לעבען אויף דער וועלט, אז מע פאָהרט ניט אוועק אהין... ווי אזוי הייסט די שטאָדט ?

ח נ ה. בערן.

מ א י ר. בעריל. און דיין ברודער חיים מוז פאָהרען קיין ארץ ישראל פלאַנצען ווייַנגערטנער ?

ח נ ה. איך האָב דיר שוין געזאָגט, אז איטליכער פאַר זיך.

מ א י ר. פאַרשטעהט זיך, איטליכער פאַר זיך: דער קיין בעריל, דער קיין ארץ ישראל, דער וועט זיצען אין טורמע, דער וועט גלאַט פאַרפאַלען ווערען אויף דריי מעת לעת; און די וועט לויפען אין דער וועלט אריין — הכלל איטליכער וואוהין די אויגען וועלען איהם טראָגען. (צו מלכה׳ן). נו? און מיר, מלכה? מיר וועלען זיך בלייבען דאָ אינצווייען. ווי זאָגט ער: „דיד דאַ באַבאַ“. די קינדער אַלע באַוואהרענט, וועמען הערען מיר? (לאַכט מיט גאַל). חאַ־חאַ־חאַ! (צו חנה׳ן). ווי אזוי רעכענסט דו, למשל, פון וועמענס וועגען איז דאָס אַט דאָס אַלעס, דאָס גאַנצע פאַרמעגען מיט׳ן גאַנצען געלד? איך מיין נישט איצטער, איך מיין שפּעטער, איבער הונדערט צוואַנציג יאָהר?

ח נ ה. א מענש, כל זמן ער לעבט, דאַרף ער זאָרגען פאַר׳ן לעבען, ניט פאַר׳ן טוידט.

מ א י ר. ביזט קלוג טאַקי נאָר ווי שלמה המלך, כלעבען. לכן וואָלט איך וועלען, זאָלסט מיך קלאָר מאַכען. פון וועמענס וועגען, אייגענטליך, האָבען מיר דאָס גאַנצע לעבען געהאָרעוועט, אויס־

געריסען געווארען, אפטמאל נישט דערשלאפען, נישט דערעסען, א סך מאל געליטען בזיונות, הכלל — זיך מפקיר געווען, געקליבען א קערבעל צו א קערבעל — אייך נאכגעגעבען אלסדינג, וואס אייער הארץ געלוסט, בכדי איהר זאלט זיך אויפהויבען אין א שענעם פריהמארגען, צעקריכען זיך דער אהער, דער אהין, און אונז איבערלאזען אליין, עלענד, אהן א זייגעזונד, ווי מע זאגט... (מלכה בויגט זיך און איבער׳ן סידור און וויינט שטילערהייד).

ח נ ה (געהט צו צו איהר, נעהמט זי ארום, קושט זי). מאמע. וויין נישט, איך קאן נישט זעהן, ווי דו וויינסט.

מ א י ר. דו קאנסט ניט זעהן, ווי זי וויינט? און אז איך קאן נישט שלאפען קיין נעכט פון זינט מע האט צוגענומען וואלאדי׳ן, וואס איהר ווילט אפילו ניט זאגען מיר. פאר וואס און פאר ווען? אלץ איהר? אלץ פון אייערטוועגען?...

ח נ ה. וואס זשע ווילסט דו, פאפא? אז צוליעב דיר זאל די זונן אויפהערען ווארעמען די ערד, נאר פארקעהרט?... דו ווילסט, אז צוליעב דיר זאל די גאנצע נאטור זיך איבערבייטען, און קינדער זאלען ווערען צוגעוואכסען צו זייערע עלטערען, ווי צווייגען צו׳ן א בוים? ניט היינט, איז מארגען, שיידען זיך מוז מען דאך אמאל!

מ א י ר. רעדסט ווי א בר־דעת. לאם איך האבען אזא יאהר... נאר אלץ הייסט ביי דיר שיידען זיך? שיידען זיך הייסט ביי מיר, אז קינדער האבען חתונה, באזעצען זיך ווי מענטשען, דער ביי אזא געשעפט, דער ביי אזא געשעפט... אבער ניט אזוי ווי מיר. אויף מיך איז עפים איין אויסגאם... (רעדט מיט א וויינענדיג פארדומפטען קול). א גאט׳ס שטראף אויף מיר... איוב׳ס צרות... און ועל כולם אט דער וואלאדי האט מיר גאר דעם קאפ אראפגענומען!... איך וויים גאר ניט, ווי איך האלט דאם אוים... (ווישט זיך די אייגען. מלכה וויינט. אויף איהר קוקענדיג — אויך חנה. פויזע דויערט א מינוט. מאיר נעמט פלוצים חנה׳ן פאר א האנד, ציהט זי צו צו זיך.

חנה קושט איהם). זאג מיר צו, טאכטער מיינע, זאג מיר צו, אז דו וועסט ניט פאהרען אהין...

ח נ ה (ראנגעלט זיך מיט זיך א ווייל). ניין, פאפא! ניין! אלסדינג יא, אלסדינג וועסט דו ביי מיר פועל'ן, נאר דאס נישט, דאס נישט, איך מוז פאהרען! איך קאן נישט! איך קאן נישט זיין דא מעהר, אין דער דאזיגער שטוב!...

מ א י ר (שפרינגט אפ). הא? דו קאנסט ניט זיין דא מעהר? אין דער ד א ז י ג ע ר שטוב? מלכה! דו הערסט? זי קאן ניט זיין דא מעהר, זאגט זי, אין דער ד א ז י ג ע ר שטוב! ס'איז איהר דא איינג, ס'איז זיי דא אלעמען מיט אמאל געווארען איינג אין דער ד א ז י ג ע ר שטוב!... (חאפט זיך אויף, שרייעט מיט כעס). שוין לאנג, אז ס'איז אייך נמאס געווארען די ד א ז י ג ע שטוב?!...

מ ל כ ה . (שטעלט זיך אוועק צווישען פאטער און צווישען דער טאכטער). מאיר!... (חנה געהט אפ, עס פליהט אריין סאשקע מיט א גדולה).

זעכסטע סצענע.

ס א ש ק ע . דו ווייסט, מאמע? מע האט דאך מיר טאקי געבראכט צופיהרען א הונט! אוי, זאלסט זעהען וואסער א הונט! געב מיר, מאמע, געלד! האסט דאך מיר צוגעזאגט, אז מע וועט מיר קויפען א הונט!

מ ל כ ה (ווינקט צו איהם, ער זאל אוועקגעהן). אט האסט דו דיר די אנדערע טעג יום־טוב!

מ א י ר (אין כעס פון פריהער). וואס פאר הינט?

ס א ש ק ע . א מאפס. איין אמת'ער מאפס!

מ א י ר . איך וועל דיר געבען א מאפס! הינט פעהלט דא נאך אין דער ד א ז י ג ע ר שטוב! אוועק, דו וועוריס, דו פידס־וויניק איינער! וואו! ! ! ....

סאשקע. אויב אזוי, געה איך גאר זיך טרינקען! (אנטלויפט).

מאיר (שרייעט איהם נאך). זיך טרינקען? טרינק זיך! הייננ זיך! הייננט זיך אלע! אלע זאלט איהר זיך אויפהייננען אויף איין שטריקעל! אזעלכע קינדער, ווי איהר, זאלען גאר ניט געבארען ווערען!... (מלכה וויל זיך לאזען לויפען נאך סאשקען; מאיר האלט זי אפ). שא! לויף ניט! ציטער ניט! האב קיין מורא ניט פאר'ן מיזיניקעל! עס וועט איהם גאר ניט זיין. דעם קדיש דיינעם!... (עס קומט אריין מאשע דאס דינסטמיידעל).

זיבעטע סצענע.

מאשע. דא איז געקומען צוגעהן א מענטש פון גראנד־האטעל זאגען, מע זאל אייך זאגען, אז דער פריץ, דער גראף הייסט עס, איז געקומען צו פאהרען, אין גראנד האטעל הייסט עס, און ער רופט אייך, דער פריץ, דער גראף הייסט עס, איהר זאלט באלד קומען צו געהן אהינצו, אין גראנד האטעל הייסט עס.

מאיר. הא? וואס? דער פריץ? דער גראף איז געקומען צו פאהרען? וואס זשע שווייגט איהר? דאס אנטהון ניט אהער! די שטיוועל! דאס היטעל! גיכערט! דער פריץ! דער גראף איז געקומען צו פאהרען, און איהר שווייגט!? (ער ווארפט זיך אויף אלע זייטען. מע טראגט איהם צו דאס אנטהון. ער שלעפט אויף זיך די מלבושים, טרעפט ניט וואו מע דארף און ווערד נאך מעהר צו טראגען און נאך מעהר אין כעס). בהמות! פערד! וואס שטעהט איהר. ווי די טאקען? פאר וואס העלפט איהר מיר ניט אנטהון זיך? איהר הערט ז'אך, אז דער פריץ, דער גראף איז געקומען צו פאהרען, דער גראף! דער גראף!!... (זיך אנגעטהאן, לאזט ער זיך צו דער טהיר און בלייבט שטעהן מיט'ן צילינדער א ווילע ווי פארטראכט). מלכה! (רייבט זיך אין שטערן). וואס האב איך דיר געוואלט זאגען? איך האב דיר עפים געוואלט זאגען... (דערמאנט זיך). און וואלאדי זיצט?... און די איבעריגע קינדער?...

מ ל כ ה. צעזועט און צעשפּרייט אויף אַלע זיבען ימין...

מ א י ר. האַ? וואָס זאָגסט דו? מלכה! וואו זענען אונזערע קינדער?... (פאַלט צו אינ׳ם גאַנצען אַנטהון צום טיש און וויינט).

מ ל כ ה (לויפט צו צו איהם אין שרעק). מאיר! גאָט איז מיט דיר! מאיר!!...

סוף פונ׳ם דריטען אקט.

א דאָקטאָר. א שפּאַס
אין איין אַקט.

געשריבען אין יאהר 1887

די פּאַרשוינען:

חיים־ליב קרענדעלמאַן, איין אויפגעקומענער גביר פון א יאָהר פופציג. א איד מיט אַ קאַפּאָטע, נאָר אָהן א היטעל.

חנה־לאה, זיין ווייב. קיין יאָהרען ווייסט מען ניט. האַלט זיך יונג, רייבט זיך צווישען „היינטיגע“. בעהאנגען מיט גאָלד, דימענטען, בריליאַנטען און פּעריל.

וויעראַטשקע, זייער טעכטערעל. אַ שען מיידעל פון „היינ־טיגער וועלט“.

אַבראַמטשיק, זייער זוהן. אַ גייציג בחור'על, אַ „משכיל“.

רב שלום שדכן, אַ איד א שדכן מיט א יאַרמעלקע און מיט א גרינער קאַפּאָטע.

זלאַטקע דאַס מיידעל, אַ פּאָקאָיאָווע ביי די קרענ־דעלמאַנס.

ברײנע די אידינע, אַ קעכין ביי די קרענדעלמאַנס. א אידינע מיט וואַנסעס

א גרויסער זאַל. טהייער מעבעל מיט סאַמעט בעצויגען. גוטע דיוואַנען
בראָנזענע שפּיעגלען. א סך טישען מיט קליינע טישעלעך. גלעזערנע שאַפעס.
אָנגעשטעלט מיט פיעל זילבער, כוסות, טעצעלעך, געגילטע לעפעלעך, גרינע
און רויטע גלעזער. די פאַטעלען פערוואָרפען מיט פיעל פערשיעדענע, זווי־
דענע און סאַמעטענע דאַמען־קליידער. אויפ'ן טיש אַ „בלאַט לאָקשען".
אויפ'ן פענסטער א גרויסע קופערנע קוואָרט מיט צוויי אויהערען. פער־
בריקענטע, נאָר טהייערע וואַזאָנעס, אויף וועלכע עס הענגען אַ פּאָר אויס־
געבערשטעלטע הויזען מיט א ווייסען זשילעט. אויף א גוטער עטאַזשערקע
מיט ספרים וואַלגערען זיך א סך אָנגעשניטענע שטיקלעך קוילעטש מיט אַ
האַלבע איינגעמאַכטס. אויפ'ן פאָרטעפּיאַן — אַ קישען. דורך — אַ זעלטענער
„פּאַראַנדעק".

ערשטע סצענע.

חיים־ליב (מאַכט מיט די הענד און לויפט ארום איבער דער
שטוב). וואַס דולט ער מיר מיין קאָפּ?

רב' שלום שדכן (לויפט איהם נאָך מיט א בריעף אין די
הענד). נאַט, זעהט אַליין. וואַס מע שרייבט מיר וואַס; איך וועל
אייך אָפּנאַרען וועל איך אייך?

חיים־ליב. אבער אז איך בעט אייך ניט! איך דאַרף
ניט קיין שידוך! איך וויל ניט! וואַס דולט ער מיר מיין קאָפּ?

רב שלום שדכן. אז איך פערלאַנג אבער פון אייך גאָר
ניט, בלתי וואַס איהר זאָלט זיך נאָר מטריח זיין איבערלייענען אָט
דאַס דאָזיגע בריוועלע, וואַס מע שרייבט מיר וואַס.

חיים־ליב. וואַס האָט איהר צו מיר? אבער טשעפּעט
זיך אָפּ פון מיין לעבען! איך האָב קיין צייט נישט מיט אייך צו
רעדען! איהר וועט קומען איין אנדערס מאָל, איך בעט אייך!
וואַס דולט ער מיר מיין קאָפּ?

רב שלום שדכן (צו זיך אַליין). עס פּאַסט איהם ניט
האָרכען פּאַסט איהם ניט... ער וויל ניט געבען קיין נדן, דער דבר־

אחר!... (צו חיים־ליב'ן). הונדערט און צוואַנציג יאָהר זאָלט איהר מיר לעבען! עטליכע שורות, עטליכע ווערטער, געצעהלטע דריי ווער־טער, רב חיים סערדצע, וואָס אהרט אייך עס וואָס? טהוט מיר צו ליעב טהוט מיר! גלויבט מיר, איך זאָג אייך בנאמנות זאָג איך אייך, ס'איז אַ גליק, אַ זעלטענע זאַך, כלעבען. איין מאָל אין צעהן יאָהר מאַכט זיך אַזאַ גליק. נאַט, טהוט זייט מוחל אַ קוק אַליין מיט אייערע אויגען, זעהט, אַטאַ...

ח י י ם ־ ל י ב (חאַפּט זיך מיט בײדע הענד פאַר'ן קאָפּ). גוואַלד! גוואַלד! וואָס איז דאָס פאַר איין אומגליק? וואָס איז דאָס פאַר איין אַנשיקעניש אויף מיר? וואָס דולט ער מיר מיין קאָפּ? גוואַלד!... גוואַלד!... גוואַלד!... (עס לויפט אַריין ח נ ה ־ ל א ה).

צ ו ו י י ט ע ס צ ע נ ע.

ח נ ה ־ ל א ה (אַ דערשראָקענע). שאַ! וואָס איז דאָרטען?

ח י י ם ־ ל י ב (וויל רעדען, לאָזט איהם ניט רב שלום שדכן. ער האַלט איהם צו מיט איין האַנד דאָס מויל, און אין דער אַנדערער האַלט ער דאָס בריוועל). מ מ מ...

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. פאַרשטעהט איהר מיך, חנה־לאה קרוין, געזונד זאָלט איהר מיר זיין, איך וויין זיי דאָס בריוועל וויין איך זיי; למאי זאָלען מיר זיך נאַרען למאי? איך מיין טאַקי באמת מיין איך, אַ גליק, אַ גליק פאַר אייער טאָכטער, איך זאָל אַזוי גע־זונט זיין מיט אייך אינאיינעם! אַט נעמט, נאַט, לייענט, לייענט, וועט איהר זעהען, אַז איך זאָג אייך ניט קיין ליגען זאָג איך אייך! צו וואָס טויג עס מיר, איך זאָל אייך אַריינפיהרען חלילה זאָל איך אייך? אַט זעהט, נאַט, לייענט, נאַט, נאַט...

ח נ ה ־ ל א ה (נעמט דאָס בריוועל און גיט דאָס איבער דעם מאַן אין די הענד אַריין). פאַר וואָס זאָלסט דו טאַקי ניט איבערלייע־נען, חיים־ליב? וואָס אהרט דאָס דיך? עס קאָסט דיך געלד, צי וואָס?

חיים-ליב (נעמט דאָס בריוועל; טהוט אָן אַ פּאָר זילבערנע ברילען אויף דער נאָז; זעצט זיך אַנידער און הויבט אָן צו לייענען הויך, אויף אַ קול. חנה-לאה זעצט זיך נעבען איהם, און רב שלום שדכן שטעהט און שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ נאָך יעדען וואָרט און מאַכט מיט די ליפּען; עס קומט איהם צו אַ שטיק געזונד). „לכבוד ידידי היקר הנכבד והמופלג הנגיד והקצין איש חסיד וירא שמים כש"ת מוהר"ר שלום נ"י! ראשית אודיעכם, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום, געב גאָט דאָס נעמליכע פון אייך צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער, אָמן. והשנית, זייט וויסען, אַז השדוך עם הגביר שלכם, וואָס איהר האָט מיר געהאָט געשריבען, ועם הגביר שלנו, האָב איך מורא וועט ניט געהן, מחמת ערשטענס האָט איהר מסתמא געהערט די מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפען מיט'ן מחותן של הגביר שלנו, וואָס זיין על-טערע טאָכטער האָט זיך..." צו וואָס טויג עס מיר? צו וואָס דאַרף איך עס וויסען?

רב שלום שדכן (חאַפּט איהם ביי דער האַנד). וואָס אַהרט עס אייך וואָס? לייענט, וועט איהר זעהן ווייטער, וועט איהר זעהן.

חנה-לאה. אנו? לייען, לייען, וואָס האָט זיך דאָס אזעל-כעס געטראָפען מיט איהר? עס קעהר זיין אַ שענע מעשה.

חיים-ליב (לייענט ווייטער). „...זיין עלטערע טאָכטער האָט זיך אַנגעקלעפּט, רחמנא ליצלן, אין אַ לעהרער און איז מיט איהם מחילה אַנטלאָפען אין אַ שטאָדט אריין און האָט דאָרטען געוואָלט שטעלען אַ חופּה. איז ער געקומען מיט זיין פּלונית'טע צום רב שטעלען אַ חופּה. האָט איהם דער רב מסתמא נישט געוואָלט געבען קיין חופּה וקדושין. איז ער אוועקגעגאַנגען צום קאַזיאָנע רב שטע-לען אַ חופּה, האָט איהם דער קאַזיאָנער רב געזאָגט..." וואָס קעהר זיך דאָס אָן מיט אונז, איך בעט אייך?...

רב שלום שדכן. וואָס אַהרט אייך וואָס? אַט לייענט ווייטער, לייענט!

חנח־לאה. נו, מילא, לייען שוין אַז דו לייענסט.

חיים־ליב (רויט ווי פייער פאַר כעס, לייענט ווייטער). „... האָט איהם דער קאַזיאָנע רב געזאָגט: וואָס ווילט איהר? האָט ער איהם געזאָגט: איך וויל, איהר זאָלט מיר געבען חופה וקדושין. האָט איהם דער קאַזיאָנער רב געזאָגט: וואָס הייסט, איך זאָל אייך געבען חופה וקדושין? איך קען אייך? האָט ער איהם געזאָגט... האָט איהם דער קאַזיאָנער רב געזאָגט... האָט ער איהם געזאָגט...“ טפו זאָלט איהר ווערען! „האָט איהם ער געזאָגט! האָט ער איהם געזאָגט!“ צו וואָס טויגען מיר די אַלע זאַגאַכצען? וואָס ווילט איהר האָבען פון מיינע יאָהר און טעג? (ער טהוט אַ שמיץ דאָס בריוועל און וויל אַנטלויפען. רב שלום שדכן לאָזט איהם ניט. ער האַלט איהם צו ביי דער האַנד און נעמט אליין לייענען דאָס בריוועל).

רב שלום שדכן (לייענט גיך און פאַרחלינעט זיך). „...אַי־אַי! אָט דאָס האָט איהר פון היינטיגע לעהרערס מיט היינטיגע דאָקטוירים...“ על כל פנים... יאָ... „איז הגביר שלנו ניט קיין מחותן פאַר הגביר שלכם: על כן האָב איך אַ בעסערען, אַ שענערען, אַ פיינערען און אַ גרעסערען שידוך בעבור הגביר שלכם אין אַלע אופנים, היינו: עס איז דאָ אין דער שטאָדט ליפּעוועץ זעהר אַ פיינע אלמנה מרת ביילה שתחיה, ביילה גאָלדשפּינער, און הגם זי איז ניט אַזוי רייך, ווי הגביר שלכם, דערפאַר שטאַמט זי אָבער פון גאָר אַ הויך אָרט, פון רב פּינחס'על ליפּעוויצער, און איבערהויפּט — וואָס זי האָט אַ זוהן, אַ בן־יחיד, איין אנטיקעל, וואָס מע קריגט דאָס נים בכל קצוי ארץ, היינו: שען, פיין, שרעקליך געבילדעט מיט סכנות־נפשות! אַ געשטודיערטער, פאַרשטעהט איהר מיך, אויף אַלע לשונות, געבילדעט כמעט ווי אַ דאָקטאָר, און אפשר נאָך מעהר ווי אַ דאָקטאָר, וועט פאַרשטעקען אַלע דאָקטוירים אין גאַרטעל...“ (צו חנה־לאה'ן). נו? וואָס וועט איהר עפּיס זאָגען אויפ'ן שדוך? איהר זענט דאָך, ווי זאָגט מען, קיין עין־הרע, אַ קלוגע אידינע, אַ חכמה...

חנה־לאה (דרעהט מיט דער נאָז). ניין, ניט דאָס מיינען מיר.

חיים־ליב. ניט דאָס האָבען מיר געמיינט

רב שלום שדכן (צו זיך). אט האָסט דו דיר! הויב זיך אן מיט די אויפגעקומענע נגידים! דאָס טעלערעל פונ'ם הימעל איז זיי קארג! (צו זיי ביידען). וואָס דען האָט איהר געוואָלט וואָס?

חנה־לאה. מיר האָבען געוואָלט, ס'זאָל זיין עפּיס... עפּיס... אזעלכעס וואָס... איין אנטיק!

חיים־ליב. עפּיס איין אנטיקעל זאָל זיין!

רב שלום שדכן. פאר צעהן טויזענד ווילט איהר האנדלען מציאות? ווילט איהר?

חנה־לאה. צעהן טויזענד? צוואנציג טויזענד!

חיים־ליב. צוואנציג טויזענד? צעהן טויזענד!

רב שלום שדכן (צו זיך). היינט דערגעה א מאָלק! צעהן טויזענד, צוואנציג טויזענד! צוואנציג טויזענד, צעהן טויזענד!

חנה־לאה (הויך). אז מע זאָגט אייך צוואנציג טויזענד, איז צוואנציג טויזענד!

רב שלום שדכן. צוואנציג טויזענד!

חיים־ליב (הויך). אז מע זאָגט אייך צעהן טויזענד, איז צעהן טויזענד!

רב שלום שדכן. צעהן טויזענד!

חנה־לאה (נאָך העכער). צוואנציג טויזענד!

רב שלום שדכן. צוואנציג טויזענד!

חיים־ליב (נאָך העכער). צעהן טויזענד!

רב שלום שדכן. צעהן טויזענד! (צו זיך). דול און משוגע קאָן מען פון זיי ווערען! (עס קומט אָן אברהם משיק מיט א פּאַק ביכער אונטער די הענד, געהט צו דער שאפע).

דריטע סצענע.

ח י י ם - ל י ב. פון וואנען קומט דאס אן אזא איד, ווי דו?

א ב ר א מ ט ש י ק (קוקט בישט אויף קיינעם). אזא איד, ווי איך, קומט אן פון דער ביבליאטעקע... פו! א היטע! (דערזעהט רב שלום שדכן). א? רב שדכן? וואס טהוט איהר דא? וויע־דער א שרוך? וויעדער שדוכים? גוואלד, ביז וואנען וועט איהר האנדלען מיט לעבעדיגע מענשען? ביז ווי לאנג וועט איהר פאר־קויפען כלות מיט חתנים? איהר זענט דאך ערגער פון אזיאטען, ווילדע מענשען, דעספאטען!

ח י י ם - ל י ב (לעגט צו איין אויהער, קוקט אויפ'ן שדכן מיט גרויס גדלות). הא, וואס האסט דו געזאגט?

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. וואס האסט דו געזאגט וואס?

א ב ר א מ ט ש י ק. אז איך וועל אייך זאגען, וועט איהר שוין וויסען?

ח נ ה - ל א ה. פאר וואס ניט? רב שלום זענען דען אזא בהמה?

א ב ר א מ ט ש י ק. ווער זאגט דען, אז ער איז א „בהמה“? איך זאג נאר, אז ער ווייסט ניט, ווייל ס'איז א „אינאסטראנע“ ווארט.

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. א וואסער א ווארט זאגסט דו?

א ב ר א מ ט ש י ק (בויגט זיך צו צו רב שלום שדכן). א י נ א־ ס ט ר א נ ע — ווייסט איהר שוין? אינאסטראנאיע סלאווא!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן (פינטעלט מיט די אויגען). אהא! (פאטער און מוטער קוועלען).

א ב ר א מ ט ש י ק. אהא? וואס אהא? א איד זאגט דיר באלד „אהא“!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. איך מיין דאס ווארט מיין איך. הייסט עס, א פנים, אזא ווארט, וואס דער פשט איז דערפון... (ער מאכט מיט די פינגער). ע־ע־ע...

א ב ר א מ ט ש י ק (האַפּט זיך מיט ביידע הענד ביים בויך). חא־חא־חא! אוי, פאַנאַטיקער! אוי, פאַנאַטיזם! אוי, חסידיזם! אינאַסטראַנע ווערטער ווערן אַנגערופן פרעמדע ווערטער, ווערטער פון פרעמדע שפּראַכן, למשל, „דעספּאָט", „דעספּאָטען". פון וואַנען נעמט זיך דאָס, ווייסט איהר?

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. אדרבה, פון וואַנען, אדרבה? איך בין אַ איד אַ פּראָסטער בין איך, אין די שקאָלעס האָב איך ניט גע־לערענט און אין די אוניווערסטוטען בין איך ניט געגאַנגען... גיב מיר נאָר אַ פּאַפּיראָס גיב מיר. (נעמט ביי איהם אַ פּאַפּיראָס).

א ב ר א מ ט ש י ק (מיט גדלות). דאָס וואָרט „דעספּאָט" נעמט זיך פון דעספּאָטיזם... הייסט ווייסט איהר שוין?

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). אזוי? פּס!!! ... וואָס זשע הייסט דאָס „דעספּאָטיזמא"?

א ב ר א מ ט ש י ק. דעספּאָטיזם איז דאָס זעלבע, וואָס דעס־פּאָט.

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. אהאַ, אויב אזוי ווייס איך שוין! אפשר האָסט דו אַ שוועבעלע? (נעמט ביי איהם אַ שוועבעלע). וואָס זשע הייסט דאָס דעספּאָט? (פּיפּקעט דעם פּאַפּיראָס). אדרבה, מאַך מיך קלאָר, אדרבה!

א ב ר א מ ט ש י ק. אַ דעספּאָט הייסט אזא מענש, וואָס פיהרט זיך דעספּאָטיש, און שוין!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. איך פערשטעה, איך פערשטעה! (רויכערט דעם פּאַפּיראָס און בלאָזט מיט די ליפּען). איז וואָס זשע הייסט דאָס דעספּאָטיש?

א ב ר א מ ט ש י ק. דעספּאָטיש הייסט, אז ער פיהרט זיך ווי אַ דעספּאָט, און אַ דעספּאָט הייסט אַ טיראַן, דעספּאָט און טיראַן איז כמעט אלץ איינס, און לאָזט מיך צורוה! (קוקט אין די ביכלעך אריין און מישט בלעטלעך).

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. איך פערשטעה שוין, איך פערשטעה שוין! עס הייסט, דער שורש דערפון איז אזוי, נאָר דער פשט איז איין אנדערער. על פי דקדוק, הייסט עס... (מאַכט מיט די פינגער). זאג זשע מיר, אבראממטשיק, זאָלסט מיר געזונד זיין זאָלסט דו מיר, פון וואסער א שפראך נעמט זיך דאָס דאָזיגע וואָרט פון וואסערער פון דייטשעם, צי פון פראנטשעיזשעם?

א ב ר א מ מ ט ש י ק (קוקט אין ביכעל אריין). הא? דעם־פּאַטיזם? פון לאַטיין.

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. אזוי? מצאַ־מצאַ־מצאַ! אזש פון לעטיין! (צו רב חיים־ליב'ן מיט זיין ווייב). א? זעהט איהר? אָט דאָס הייסט געקענט שפראך אָט דאָס! אָט דאָס הייסט היינ־טיגע וועלט אָט דאָס! אין אונזערע יאהרען, רב חיים־ליב, האָבען מיר עפּים א סך געוואוסט פון א שפּראך מיט א לעטיין? הא? (דער פאָטער מיט דער מוטער קוועלען).

א ב ר א מ מ ט ש י ק (קוקט פון אויבען אראָפּ). וואָס איז דער חתן אייערער, וואָס איהר רעדט מיין שוועסטער: א דאָקטאָר מע־דיצין, צי א יוריסט? צי אפשר גאָר א אינזשענער טעכנאָלאָג?

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן (בלאָזט דעם פּאַפּיראָס). נישט דאָס און נישט יענץ און נישט גאָר נישט.

א ב ר א מ מ ט ש י ק. נישט דאָס און נישט יענץ און נישט גאָר נישט? טא וואָס דען איז ער? א קופּטשיק? א טונעיאָדעץ?

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. חס וחלילה! ער איז א גביריש קינד, וואָס איז שייך — א קענער, א מורא'דיגער קענער! לשונות מיט שפראך, מיט אידיש, מיט רוסיש, מיט דייטש, מיט פראנצויז, מיט סכנות־נפשות!

א ב ר א מ מ ט ש י ק. זענט איהר דאָס דער מבין? גוטע יאָה־רען! אומזיסט אייער טרחה! מיין שוועסטער וועט נים נעמען קיינעם, א־חוץ א דאָקטאָר, און דווקא א דאָקטאָר מעדיצין.

ח י י ם - ל י ב. ווער פרעגט דיך? וואס ביזט דו פאר א מחותן אהער אויף זאגען דעות?

א ב ר א מ ט ש י ק. ווארום אזוי! איך וויים, אז וויעראטשקע וועט נישט נעמען קיין אנדער חתן, א חוץ א דאקטאר מעדיצין.

ח י י ם - ל י ב. יא. אבער וואס ביזט דו פאר א שילאטען־שמש? דיין געשעפט איז ביכער און ביכלעך. געה געזונטערהייד!

ח נ ה - ל א ה (שטעלט זיך איין). וואס אהרט דיך, אז דאס קינד רעדט?

ח י י ם - ל י ב. איך האב פיינט איין עזות־פנים! ס'איז ניט זיין באבע'ס דאגה!

א ב ר א מ ט ש י ק (לאזט זיך געהן, בלייבט שטעהן אויף א ווײלע אין א טראגישער פאזע, שאקעלט מיט'ן קאפ און רעדט צו זיך אליין). א, דעספאטיזם, פאנאטיזם, חסידיזם, אבסקוראנטיזם!... (געהט אוועק. דער פאטער און די מוטער קוועלען).

פערטע סצענע.

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. אט דאס הייסט א מושלם! אט דאס הייסט געקענט אט דאס! הקצור, איז ווי אזוי בלייבט דאס ווי אזוי? איהר האט מיר פארשלאגען די פאמערקעס האט איהר מיר... יא! קלאפ איך, הייסט עס, אוועק א דעפעש, אדער איך שרייב אריין איין אטקריטקע צו מיין שותף וועגען דעם דאזיגען שדוך, אז...

ח נ ה - ל א ה (שלאגט איהם איבער). זייט זיך ניט מטריח, קלאפט ניט קיין דעפעשען און שרייבט ניט קיין אטקריטקעס — דער שדוך איז ניט פאר אונז.

ח י י ם - ל י ב. ס'איז ניט פאר אונז דער שדוך.

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. פאר וואס איז?

ח נ ה - ל א ה. דערפאר, וואס מיר ווילען א דאקטאר. חיים ווייסט איהר שוין? איין מאל פאר אלע מאל — א דאקטאר.

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. א דאָקטאָר? מילא, אויך די אייגענע מעשה; איהר זאָגט א דאָקטאָר? לאָז זיין א דאָקטאָר לאָז זיין.

ח י י ם - ל י ב (צו חנה־לאה׳ן). א דאָקטאָר? אנדערש לוינט דיר ניט?

ח נ ה - ל א ה. אנדערש לוינט מיר ניט.

ח י י ם - ל י ב. נו, ווייל איך דוקא א סוחר. איך האָב דיר וויפיעל מאָל געזאָגט, אז איך וויל נעמען א סוחר, ניט קיין דאָקטאָר! א טהייערע מציאה א „יאָקטער" ! ער האָט געשטודירט און גע־שטודירט, קוים אויסגעשטודירט — און פון דעסטוועגען ווער קוטט צו וועמען, אז עס טהוט איהם וועה דער בויך? ווער נעמט ביי וועמען א קערבעל? איך ביי איהם, צי ער ביי מיר? ניין, אדרבה, זאָגט שוין איהר אליין, רב שלום! הקצור, איך נעם ניט פאַר מיין טאָכטער קיין דאָקטאָר! איך נעם איהר א סוחר! פאַרשרייבט אייך, רב שלום: א סוחר!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. א סוחר? מילא, אויך די אייגענע מעשה! איהר זאָגט א סוחר? לאָז זיין א סוחר לאָז זיין.

ח נ ה - ל א ה. אין דוקא ווייל דו ווילסט א סוחר, וויל איך א דאָקטאָר!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. א דאָקטאָר.

ח י י ם - ל י ב (הויך). איהר הערט, רב שלום? א סוחר!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. א סוחר.

ח נ ה - ל א ה (הויך). א דאָקטאָר!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. א דאָקטאָר.

ח י י ם - ל י ב (נאָך העכער). א סוחר!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן. א סוחר.

ח נ ה - ל א ה (נאָך העכער). א דאָקטאָר!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן (צו זיך). משוגע צו ווערען פון זיי! (צו זיי ביידען). ווייסט איהר גאָר וואָס? איך וועל אייך געבען א

סוחר וועל איך אייך געבען אזעלכען. וואס הייסט, אדער א דאקטאר, וואס האנדעלט. און לאז דאס האבען איין עק לאז דאס, און הייסט עפּים דערלאנגען צום טיש, דורכשוויינקען דעם גארגעל, טרוקען גע־ווארען איז האלז רעדענדיג מיט אייך, און טאקי... (חנה־לאה טהוט א קלונג. מע טראגט אריין לעקאך מיט בראנפען. עס קומט אן פון דער גאס וויערא טשקע מיט'ן היטעלע, מיט'ן זאנטיקעל און מיט די הענטשקעלעך).

פינפטע סצענע.

וויעראטשקע (צום שדכן). באנזשור, מאנסיע!

רב שלום שדכן. מע רופט מיך רב שלום, ניט מאסיי.

וויעראטשקע. חא־חא־חא! אט א ניעוועזשרא! „באנזשור מאנסיע” הייסט — גוט מארגען אייך, מיין הערר.

רב שלום שדכן. א שענער גוט מארגען אויף איהר; שוין באלד נאכט... א גוטער אבענד זאל דיר זיין! לחיים, רב חיים־ליב! לחיים, חנה־לאה! נו, לאז גאט געבען ביי איהר צו דער חופה.

וויעראטשקע. חא־חא־חא! אט א קאמיק! וואס טהוט איהר דא? אלע מכח חתנים? אומזיסט אייער מיה, אומ־זיסט ברעכט איהר פיס.

רב שלום שדכן. די פיס זיינען מיינע, ניט קיינעמס.

וויעראטשקע (געהט אוים פאר געלעכטער). חא־חא־חא! חא־חא־חא!

חנה־לאה. וואס לאכסט דו אזוי, טאכטער?

חיים־ליב. וואס איז דער געלעכטער?

וויעראטשקע (צו דער מוטער). א קאמיטשעסקע פיגור! חא־חא־חא! פון וואנען נעמען זיך אזעלכע ניעוועזשרעס? וואס טהוט דא ביי אייך דער שדכן?

חנה־לאה. וואָס טהוט אַ שדכן? ער רעדט שדוכים.

וויערא טשקע. וועמען רעדט ער דאָס שדוכים?

חיים־ליב. וועמען? מיר!

חנה־לאה. זיי רעדען דיר אַ חתן, וויעראַטשקע.

וויעראטשקע. וואָס הייסט, ער רעדט מיר אַ חתן? אַ חתן דאַרף זיך רעדען אַליין. (טהוט אויס די הענטשקעלעך). וועמען, אַ שטייגער, רעדט ער מיר?

חנה־לאה. זיי רעדען דיר אַ דאָקטאָר.

חיים־ליב. אַ סוחר רעדט ער דיר.

חנה־לאה (הויך). אַ דאָקטאָר, ניט קיין סוחר! (רב שלום שדכן רעדט נאָך: „אַ דאָקטאָר").

חיים־ליב (הויך). אַ סוחר, ניט קיין דאָקטאָר! (רב שלום שדכן זאָגט נאָך: „אַ סוחר").

חנה־לאה (נאָך העכער). אַ דאָקטאָר! (רב שלום שדכן: „אַ דאָקטאָר").

חיים־ליב (נאָך העכער). אַ סוחר! (רב שלום שדכן: „אַ סוחר").

רב שלום שדכן (צו זיך). יאָ! עס הויבט זיך שוין אָן אַ טרעיאַטער! (צו פאָטער און מוטער). שאַט! ווייסט איהר גאָר וואָס? לאָמיר פרעגען ביי איהר אַליין לאָמיר. (צו וויערא'ן). וואָס ווילסט דו בעסער, מיידעל, אַ סוחר, צי אַ דאָקטאָר?

וויעראטשקע. איהר זענט אַ נאַחאַל!

רב שלום שדכן. אַ וואָס?

וויעראטשקע. אַ נאַחאַל!

רב שלום שדכן. נייז, דו האָסט אַ טעות, מיידעל, איך בין אַ שדכן בין איך, ניט קיין נעהאַל; איז אויב דו ווילסט, קאָן איך דיר געבען אויף אויסצוקלייבען קאָן איך דיר; רב שלום שדכן האָט ברוך השם גענוג. איך קאָן דיר געבען אַ סוחרישען דאָקטאָר, אָדער אַ דאָקטאָרשען סוחר. די ברירה איז ביי דיר די ברירה.

וויערא טשקע (קייכט פאר געלעכטער). חא־חא־חא! א סוחרישער דאָקטאָר, אָדער א דאָקטאָרשער סוחר! חא־חא־חא!...

רב שלום שדכן (צו זיך). דאָס מיידעל איז מיר עפּיס פּרייליך דאָס מיידעל... (צו פאָטער און מוטער). לחיים, רב חיים־ליב! לחיים, הנה־לאה! נו, לאָז גאָט געבען אין גיכען צו דער חופּה!...

הנה־לאה. וואָס שווייגסט דו, טאַכטער? זאָג איהם, דעם טאַטען דיינעם, דעם טיראַן, דעם דעספּאָט, אז דו וועסט נעמען א דאָקטאָר, ניט קיין סוחר! (רב שלום שדכן זאָגט נאָך: „א דאָקטאָר, ניט קיין סוחר").

חיים־ליב. א סוחר וועט זי נעמען, ניט קיין דאָקטאָר! (רב שלום שדכן זאָגט נאָך: „א סוחר, ניט קיין דאָקטאָר").

הנה־לאה (הויך). א דאָקטאָר! (רב שלום שדכן זאָגט נאָך: „א דאָקטאָר").

חיים־ליב (הויך). א סוחר! (רב שלום שדכן זאָגט נאָך: „א סוחר").

הנה־לאה (א טופּ מיט'ן פוס). א דאָקטאָר! א דאָקטאָר! א דאָקטאָר!

רב שלום שדכן (זאָגט נאָך). א דאָקטאָר! א דאָקטאָר! א דאָקטאָר! לחיים, רב חיים־ליב! לחיים, הנה־לאה'ניו!

וויערא טשקע (קאָטשעט זיך פאר געלעכטער). חא־חא־חא! א דאָקטאָר! א דאָקטאָר! א דאָקטאָר! (פון יענער זייט וואַנד הערט זיך א קול פון אבראַממטשיקען: „א דאָקטאָר! א דאָקטאָר! א דאָקטאָר!" — עס עפענט זיך די קיכטהיר און עס לויפט אַריין אַיין אי־בערגעשראָקענע זלאַטקע דאָס דיענסטמיידעל מיט א האנדטוך און מיט א פלעדערוויש, און נאָך איהר ברוינע די אי־דינע מיט א האנטשערקע און מיט א ראָהאָטש).

זעכסטע סצענע.

זלאַטקע דאָס מיידעל. אַ דאָקטאָר? װעמען איז אַ דאָקטאָר? װעלכען דאָקטאָר? אַט לויף איך ברענגען דעם דאָקטאָר!

ברײנע די אידינע. אַ מכה איז מיר אַ גרויסע! אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען! װאָס איז דאָ? מע חלש'ט? װער חלש'ט? פאַר װעמען דאַרף מען דאָס דעם דאָקטאָר? (װײעראַטשקע הערט ניט אויף צו קאַטשען זיך פאַר געלעכטער).

חנה־לאה (לאָזט זיך צו די דיענסטען מיט בײדע קולאַקעס). אַ בײזער! אַ װיסטער! אַ פינסטערער חלום צו אײער קאָפּ און צו אײערע הענד און פיס! װאָז, שלים־מזלען! אַרויס פון דאַנען, דראַנקעס! חצופות! (בײדע דיענסטען לאָזען זיך צו דער טהיר, באַגעגענען זיך מיט רב שלום שדכן, צעבוצקען זיך מיט די נעז).

רב שלום שדכן. ביז עפּיס װאָס, קאָן מען דאָ האַפּען צװישען יאַ און נײן אַ פּאַר פּעטש קאָן מען... אַ שטוב פון גאַלע משוגעים, כלעבען... זײ דאַרפען אַלע אַ דאָקטאָר דאַרפען זײ... װי אין לעבען אַרײן אַ דאָקטאָר!

פאַרהאַנג.

מענשען. א טהעאטער-
שטיק אין איין אקט

געשריבען אין יאהר 1907

די פערזאנען:

ד נ י א ל. איין אלטער הויזדיענער, איין עקאנאם און איין אויפ־זעהער אויף די „מענטשען" אין הויף. א בחור שוין אין די יאהרען, וואס וויל אויסזעהען יונג. טראגט א רויטע וועסטע מיט מעשענע קנעפלעך, קעטטעלדיגע הויזען, א גרינעם שניפס. האלט זיך גרויס און רעדט שטרענג מיט קלענערע פון זיך; מיט גרעסערע ווערד ער קליין, רעדט ווייך.

ה ע ר ץ. איין עלעגאנטער משרת. טראגט א פראק, א ווייסע וועסטע, שענע וואנסען.

ר י ק ע ל. א קעכין. טראגט א ווייסען פארטוך, א ווייסען שלייער. א פריוויליגע נשמה.

פ י ש ע ל. איהר מאן. דיענט אין צווייטען הויף. א פערזארגטער נפש.

ל י ז א. א שטוב־מיידעל, וואס מע האט נאר־וואס אפגעשאפט.

ר ע ו ו ע ט ש ק ע. א שטוב־מיידעל, וואס מע האט נאר־וואס צוגענומען.

פ א נ י ט ש ק ע. א שטוב־מיידעל, וואס מע האט שוין לאנג אפגעזאגט.

ר ב ס ע נ ד ע ר. א מלמד. א בעוואכסענער ווי א חית. רע־וועטשקעס פאטער.

י ו כ ב ד. זיין ווייב. רעוועטשקע'ס מוטער.

מ א ד א ם ג א ל ד. איין אויפגעקומענע נגידות. מע זאגט — א מיליאנערקע.

די האנדלונג שפיעלט זיך אפ ביי די נגידים אין אונטערשטען שטאק, אין אונזערע צייטען.

א גרויסאַרטיגע קיך. אַ ווייסע פּליטע מיט מעשענע רעהרען און גלענצענדע גאַלקעס. אַלע זאַכען און כלים פון א רייכער קיך: ריין, ווייס און זויבער. דער אויווען רעכטס, מיט'ן פּנים צום פּובּליקום. — לינקס, אין וואַנד, טרעפּ אַרויף אויפ'ן צווייטען שטאָק. — צווישען די טרעפּ און צווישען דער ראַמפּע בילדעט זיך ווי אַ מין חדר'ל, אָפּגעזונדערט פונ'ם אויווען. דאָרטען שטעהט אַ קליין טישעל מיט אַ גרויסער ווייסער וואַלטער־שטוהל (איין אַלטמאָדישע קרעסלע). אויף דער שטוהל זיצט אַלע מאָל דניאל. אַקעגען דעם אַלקערעל, ביי דער צווייטער וואַנד, רעכטס, שטעהט א גרויסער גרינער קאַסטען. נעבען דעם קאַסטען, נעהענטער צו דער ראַמפּע, אַ קליין רויט קעסטעל. אין מיטען קיך שטעהט אַ גרויסער לאַנגער טיש מיט עטליכע בענקלעך. ביי'ם טיש, אָראָפּגעוואָרפען דעם פראַק און פערקאַטשעט די אַרבעל, זיצט הערץ און שרייבט אַ בריעף. ריקעל שטעהט הינטער איהם און דיקטירט איהם.

ריקעל. „...און שרייב מיר, ליעבע שוועסטער, ווי געהט דיר אין דעם דיענסט? און צי ס'איז עפּיס ביי אייך אַ סך „מענטשען" און וואָסערע „מענטשען"? און ווי אַזוי בעגעהט מען זיך ביי אייך מיט די „מענטשען"?..."

הערץ (שרייבט און דרעהט מיט דער צונג אַהין, וואו די פּען געהט). „און שרייב מיר, ליעבע שוועסטער..." נו? ווייטער?

ריקעל (דיקטירט). „ביי אונז זענען מיר פיער „מענטשען", אַחוץ וואָס ביי'ם גרעט וואַשען אַ בעזונדער „מענטש", און ביי די פערד אַ „מענטש", און ביי'ם טויער אַ „מענטש", און אין גאָרטען אַ „מענטש"..."

הערץ. טררררר!... זעה נאַר, ווי זי האָט זיך עם אַביסעל צעמענטשעלט! איך האַלט נאָך גאָר פון פאַרינט, און זי מאַהלט ווי אַ מיהל!

ריקעל. וואו זשע האַלסט דו, שלים־מזל?

הערץ. איך האַלט ביי דער ליעבע שוועסטער...

ר י ק ע ל. וואס הייסט, אט דא ערשט האלסט דו? וואס ס'האט זיך מיר געחלומ'ט יענע נאכט און היינטיגע נאכט! וועז זשע וועלען מיר קומען צו גאט?

ה ע ר ץ. וואס זשע האט איהר געמיינט? אזוי ווי איהר בארעבאנעט, אזוי זאל זיך שרייבען? א פען איז ניט קיין צונג, וואס זאל מאהלען! איידער מע שטעלט אוועק איין אות, דארף מען גוט צוהארעוועו! (קוקט אויף דער פעדער צו דער ליכט). און דערצו איז נאך די פעדער פון אונזער עקאנאם געראטען אן איהר בעל־הבית: הארטלייביג, שווערפיסיג און פוזאטע. (בעווייזט מיט די הענד אויפ'ן בויך. עס קומט אן ל י ז א פון די טרעפ אראפ, געהט צו צום רויטען קעסטעל, זעצט זיך אוועק, דאס פנים אין די הענד, וויינט).

ר י ק ע ל (צו ליזא'ן). גאט איז מיט דיר, וואס וויינסט דו? אויף חורבן בית־המקדש?

ה ע ר ץ (צו ליזא'ן). ביזט משוגע, צי חסר־דעה? אין מיטען דאנערשטאג האט זי זיך צעוויינט? זאלסט בעסער וועלען זיין מיין כלה...

ר י ק ע ל. האסט, אפנים, געחאפט א פעטשאטעק פון דער מאדאם? א נאווינע! אז מע איז ביי יענעם א „מענטש", דארף מען אלסדינג איבערטראגען!

ה ע ר ץ. האב זיי אין דער ערד, נארעלע, אזוי ווי איך. (ציהט זיך אויס). איך האב קיין מורא ניט פאר קיינעם! איבער מיר איז נישטא קיין עלטערס און קיין גרעסערס און קיין שטארקערס... וואס מיר בעל־הבית! ווער מיר מאדאם! וואו מיר עקאנאם! דו האב בעסער חתונה פאר מיר, נאריש מיידעל וואס דו ביזט, וועט דיר זיין גוט ווי די וועלט.

ריקעל. אליין דער חתן — אליין דער שדכן!... (דניאל אראפ פון די טרעפ. הערץ חאפט זיך אויף, טהוט אן דעם פראק, שטעלט אוועק די טינט און פען צוריק אויפ׳ן קליינעם טישעל, ווערד איין אנדער מענש. ריקעל שטעלט זיך אוועק צום אויוועז).

דניאל (צו הערצ׳ן). הער נאר דו, פיינער בחור מיינער, קום נאר אהער! (פיהרט איהם צו צום פענסטער, קוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין, ווייזט איהם מיט׳ן פינגער אויף ליזא׳ן). נו?

הערץ. וואס „נו“?

דניאל. זיך שוין אויסגעפיינט.

הערץ. ווער?

דניאל. איך!

הערץ. איהר?

דניאל (טהוט איהם א שמיר איבער דער נאז). קלאון! פאיאץ! געה שוין געה ארויף, מע רופט דיך! פארברענט זאל דאס ווערען!

הערץ. די רגע! (ער געהט צו די טרעפ ארויף).

דניאל (בעזעצט זיך פעסט אין דער קרעסלע, פערקאטשעט די ארבעל, שליסט אפ דאס טישקעסטעל מיט א קלונג, נעמט ארויס א ביכעל. טהוט אן א פאר קיילעכיגע ברילען. רופט צו ליזא׳ן צום טיש, קוקט אין ביכעל אריין). דיר קומט פאר פיער חדשים מיט דריי וואכען. פיער מאל אכט איז, א פנים, צוויי און דרייסיג; און פאר די דריי וואכען צו צוויי רובעל א וואך — איז דריי מאל צוויי האבען מיר, אפנים, זעכס. צוויי און דרייסיג און זעכס איז, אפנים, אכט און דרייסיג. צוועלף האסט דו צו א גלייכען חשבון, איז, א פנים, פופציג. נא, אט האסט דו געלד. (נעמט ארויס געלד, שטעלט אוועק אויף ליזא׳ן די קיילעכיגע ברילען). דו וויינסט? דו ביזט נאך גערעכט? הא?... (שטרענג). מאך נים קיין אנשטעלען און נעם געלד!

ל י ז א (נעמט דאס געלד, הערט ניט אויף צו וויינען). וואס בין איך שולדיג? ער האט מיר געזאגט, אז איך בין א שענע. ער האט מיר געשווארען, אז ער האט מיך ליעב...

ד נ י א ל. א גדולה! ער האט זי ליעב! אט דער לץ, דער פאיאץ, דער משולחת? פארברענט זאל דאס ווערען!...

ל י ז א (הויבט אויף דעם קאפ). וועמען מיינט איהר דען?

ד נ י א ל. און דו וועמען מיינסט דו?

ל י ז א (לאזט אראפ דעם קאפ). נאטאנע'ן מיין איך, נאטאן מאיסעיעוויטש...

ד נ י א ל (חאפט זיך אויף). הא? וואס האסט דו געזאגט? נאטאן מאיסעיעוויטש?

ל י ז א (שטיל). ער...

ד נ י א ל (שטיל). שוטה! וואס זשע האסט דו געשוויגען, נאריש ציעגעל וואס דו ביזט? (מיט כעס). פאר וואס האסט דו ניט געזאגט מיר? נאריש קעלבעל! מ י ר האסט דו בעדארפט זאגען, מ י ר! פארברענט זאל דאס ווערען!...

ר י ק ע ל (לויפט צו פונ'ם אויווען). וואס איז? וועה איז מיר! (ברעכט די הענד).

ד נ י א ל. ניט אייער באבע'ס דאגה! צו אייער ארבייט געהט!

ר י ק ע ל. טפו! (געהט צוריק צום אויווען).

ד נ י א ל. ווי אזוי איז דאס געווען? דערצעהל, פאר מיר האב קיין מורא ניט; מיר קאנסט דו דערצעהלען אלץ. (שטיל). הייסט דאס, האט ער דיר איינגערעדט, אז ער האט דיך ליעב? און דו האסט איהם נעגלויבט אויף נאמנות? אומגליקליכע וואס דו ביזט!... און איך האב געמיינט, אז דו האסט זיך פערבונדען מיט אט דעם פוסטען בחור, מיט דעם שלים-מזל! סום נאר אהער, זיץ...

(ווייזט איהר אויף אַ בענקעל נעבען זיין שטוהל). זאָג מיר נאָר דעם ריינעם אמת, געדענק! דו רעדסט מיט מיר... ס'איז ער? נאַטאַן מאַיסעיעוויטש, זאָגסט דו?

ל י ז א (וויינט). לאָמיך שוין אזוי לעבען און געזונד זיין מיט איך אין איינעם... אַט האָט ער מיר געשענקט אַ פינגערל... (זי ווייזט איהם דעם פינגער).

ד נ י א ל (נעמט איהר האַנד, בעטראַכט דעם פינגער מיט'ן רינג). אומגליקליכע וואָס איהר זענט!... שאַף! ציעגען! קעלבלעך!... לאָזט זיך איבעררעדען פון יעדען איינציגען!... (טהוט איהר אַ וואָרף אָפּ די הענד). געהאַלטען דאָס בסוד פון מיר?!... סודות? זיך צע־נויפגערעדט? געגלויבט? געמיינט, זי איז אויפ'ן זיבעטען הימעל?! פאַרברענט זאָל דאָס ווערען!!... (חאַפּט זיך אויף, שפּאַנט אַרום). אַט אזוי נאַרט מען איך אריין, אומגליקליכע נפשות וואָס איהר זענט! (געהט־צו צו איהר, רעדט הויך). וואָס האָסט דו געמיינט? וואָס האָסט דו זיך געטראַכט? האָסט גערעכענט, אז ער וועט דיך נעמען? אַ מאַדאַם גאָלד האָסט דו זיך געריכט צו זיין, חאַ־חאַ־חאַ! וואָס שווייגסט דו, וואָס? (זעצט זיך אַוועק אַקעגען איהר, נעמט איהר האַנד, רעדט ווייכער). דערצעהל מיר, קינד, דערצעהל מיר אַלץ.

ל י ז א (זעצט זיך אַוועק נעבען איהם אויף אַ בענקעל, חליפּעט. דיקעל גנב'עט זיך אונטער, לעגט צו אַיין אויער). די ערשטע צייט, אז איך בין אַנגעקומען, איז ער מיר נאָר נאָכגעגאַנגען און געזאָגט, אז איך בין אַ שענע, אַ פּאַרשוין... אז איך בין אַ ציערונג אין שטוב. אז ער וואָלט אויף מיר גאָר געקוקט און נאָר געקוקט... נאָכדעם האָט ער אַנגעהויבען זיפצען און צו קרעכצען, זאָגען, אז ער האָט מיך ליעב, אז ער געהט אוים נאָך מיר, אז ער קאָן אָהן מיר ניט לעבען... מיך געפרעגט, אויב איך וויל זיין זיינע... געבעטען, איך זאָל אויף איהם האָבען רחמנות... צוגעזאָגט, אז ער וועט איבער־רעדען מיט זיי... און אז זיי וועלען ניט וועלען, וועט ער זיך סמ'ען.

אדער שיסען... ער וועט זיך נעמען דאס לעבען... אפגעלעגט אזוי פון טאג אויף טאג... ס'איז אויף איהם געווען א גאט'ס רחמנות...

ד נ י א ל. זי האט אויף איהם געהאט רחמנות? חא־חא־חא! פארברענט זאל דאס ווערען! נו, און ער אויף דיר? פאר וואס האט ער אויף דיר קיין רחמנות ניט? הא?... וואס־זשע האט ער דיר געזאגט היינט, נעכטען, עהערנעכטען? האסט גערעדט מיט איהם? זאג!

ל י ז א. גערעדט, וואס דען, איך האב ניט גערעדט? איך האב איהם אלסדינג געזאגט... איך האב געוויינט... (וויינט).

ד נ י א ל. זי האט געוויינט!... נו, און ער?

ל י ז א. ער האט געבעטען פריהער מיט גוטען, איך זאל שווייגען, מיר צוגעזאגט מתנות, געלד... און אז איך האב מיך אפגעזאגט פון די מתנות, האט ער אנגעהויבען מיט בעזען. ער האט מיר געזאגט, אז טאמער מאך איך א סקאנדאל, וועט ערגער זיין פאר מיר, פאר מיין שוועסטער...

ד נ י א ל. פון וואנען וויים ער פון דיין שוועסטער?

ל י ז א. איך האב איהם דערצעהלט, אז איך האב א שוועסטער א קאסירערין. טאמער ווערד מען געוואהר, פערלירט זי די שטעלע...

ד נ י א ל (חאפט זיך אויף מיט כעס, טהוט א זעץ אין טיש אריין. הויך). וואו זענען געווען מיינע אויגען, פארברענט זאל דאס ווערען!... און פאר וואס האסט דו מיר פריהער ניט געזאגט, אומגליקליכע וואס דו ביזט! (זעצט זיך אוועק, רייבט זיך דאס פנים, רעדט אביסעל וייכער). זאג מיר נאר, קום אהער, דו נאריש מיידעל וואס דו ביזט, ווען האסט דו דא אחוץ דער שוועסטער?

ל י ז א (דורך טרערען). קיינעם ניט. איך האב דאך אייך געזאגט, אז איך האב דא נאר איין שוועסטער. דיענט זי אין א קלייט. א קאסירערין איז זי, א אינגערע פון מיר; איז טאמער ווערד מען געוואהר פון מיין אומגליק, פערלירט זי די שטעלע (יאמערט).

ד נ י א ל (שטילט זי איין). האָב קיין מורא ניט, ס׳וועט דיין שוועסטער ניט שאַדען... גוט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. איך וועל שוין פון דיינעטוועגן זעהען. איך וועל שוין זעהען... (טראַכט אַ ווײַלע). ווייסט דו וואָס? איך וועל דיר געבען אַ קוויטעל צו מיינע אַ בעקאַנטע... דאָרט וועסט דו זיין, ביז איך וועל זעהען... איך וועל שוין זעהען... (נעמט אַרויס אַ שטיקעל פּאַפּיער. שרייבט און סאָפּעט. ליזא זיצט און וויינט. פון די טרעפּ הערט זיך אַ פרויען־קול: „דניאל! דניאל!“).

ד נ י א ל (לעגט־אַריין דאָס שטיקעל פּאַפּיער צוריק אין טישקעסטעל, טהוט אויס די בריללען, ווערד מיט אַ קאָפּ נידעריגער). באַלד! באַלד! (לאָזט זיך אַרויף אויף די טרעפּ).

ר י ק ע ל (געהט־צו מיט׳ן לעפעל צו ליזאַ׳ן, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ). מיינסט, איך האָב נישט געהערט? כ׳האָב געהערט אַלסדינג... אַט אַזוי האָט מען, אַז מען איז אַ „מענטש“ ביי יענעם. קומען זאָל אויף זיי אַ חלירע, אויף אַלע בעלי־בתים, רבונו של עולם!

ל י ז אַ (וויינט). אוי, ריקעל־קרוין, נשמה׳ניו, הארצעניו! איך בין אומגליקליך! וואָס וועל איך טהון? וואוהין וועל איך געהן? וואָס וועל איך זאָגען?... (ברעכט די הענד).

ר י ק ע ל. וויין נישט, נאַרעלע! איך האָב פיינט מיך מישען אין פרעמדע געשעפטען. דו ווייסט דאָך; נאָר ווען ס׳זאָל קומען אויף מיר... (בויגט זיך איין צו איהר אויפ׳ן אויהער). ווען עס קומט אויף מיר אַזאַ זאַך, וואָלט איך ביי זיי אָפּגעצאַפּט דריי אַקעס בלוט! פּאַסען וואָלט איך פון זיי געשניטען! (ווייזט מיט׳ן לעפעל). פּאַסען! קינדס־קינדער וואָלטען זיי פערזאָגט, זיי זאָלען זיך ניט בעגעהן אַזוי מיט „מענטשען“! אַ חלירע זיי אין פּנים!

ל י ז א (ברעכט די הענד). וועה איז מיר, איך האָב מורא פאַר דער שוועסטער, פאַר מיין שוועסטער, זי וועט פערלירען די שטעלע... וואָס וועל איך טהון? וואָס וועל איך טהון?...

ר י ק ע ל. אוי, גאָט'ס בהמה'לע וואָס דו ביזט! האָסט אַ געלעגענהייט זיך בעוואָהרענען איצט מיט נדן! זיי האָבען גע־נוג, נישקשה, אויסקרענקען מעגען זיי! און נעמען אַ חתן, נאַרעלע, אויף מיר אַזאַ יאָהר, חתונה האָבען און אויפהערען זיין אַ „מענטש" ביי יענעם... ווערען אַ בעל־הבית'טע, נאַרעלע, און אַליין האַלטען „מענטשען"... בעטראַכט זיך!... אוי, מע געהט... (לויפט אָפּ צוריק צום אויוועז). ד נ י א ל און ה ע ר ץ געהען ביידע פון די טרעפּ).

ה ע ר ץ. דאָס איז יאָ גאָט די נשמה און דעם הונד דעם לונג און לעבער! (מאַכט אַ מאָדנע גרימאַסע, נעמט זיך צו איין ארבייט). בלבולים גאָר!!

ד נ י א ל (שטרענג). זאָל זיין שטיל! (צו ליזא'ן). איינגע־פּאַקעוועט ביי דיר די זאַכען? (עפענט אויף דאָס טישקעסטעל). נאָ, אַט האָסט דו נאָך אַ פּופּציגער... אויף הוצאות וועסט דו בעקומען אחוץ... איך וועל שוין זעהען... אומגליקליכע בעשעפענישען וואָס איהר זענט! פערבלאָנזעטע שעפּעלעך, גאָט'ס בהמה'לעך, פאַר־ברענגט זאָל דאָס ווערען! (ליזא וויינט, וויל געהן, ער האַלט זי אָפּ). האָב צייט. איך וועל דיר געבען אַ קוויטעל, אַ בריעף וועל איך דיר געבען. (וויל שרייבען. קומט־צו ריקעל).

ר י ק ע ל (לויפט־צו צו דניאל'ן מיט'ן לעפעל אין האַנד). איהר ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיינט מיך מישען אין פרעמדע געשעפ־טען. נאָר זי האָט איצט אַ געלעגענהייט זיך בעוואָהרענען האָטש מיט נדן. אַ כשר בהמה'לע, איהר זעהט דאָך...

ד נ י א ל (שטרענג, קוקט דורך די ברילען). ווער פרעגט ביי איך עצות? אייער ארבייט איז ביים אויוועז! גרייט נאָר צום טיש נאָך אויף דריי פּאַרשוין. דאָ קומט באַלד אָראָפּ דער מאַדאַם'ס קרובים, אָרעמע קרובים, דאַרף מען זיי געבען עסען אין קיך מיט די „מענטשען".

ה ע ר ץ . אַ גליק האַטש, וואָס ניט מיט די הינט... (ר ב ס ע נ ד ע ר , י ו כ ב ד און ר ע ו ו ע ט ש ק ע לאָזען זיך אַראָפּ אַלע דריי, טהוען זיך אויס. רב סענדער וויקעלט זיך אויף פון די שאַלען, און מע דערזעהט אַ בעוואַכסען פּנים. ריקעל און הערץ בעטראַכטען איהם, ווי אַ ווילדע חיה).

ר י ק ע ל . וואָס איז דאָס? (ווייזט מיט די אויגען אויף די געסט).

ה ע ר ץ . זאָל מיך אַזוי ויסען אַ בייזע וועטשערע! קיין עין־הרע, אַ גערעט אויפ׳ן פּנים, גוט בעוואַכסען...

ד נ י א ל (צו די געסט). זעצט זיך אַוועק אַט דאָ ביי׳ם טיש, וועט מען אייך געבען עסען... ריקעל! גיט עסען! (רב סענדער וואַשט זיך, מאַכט המוציא הויך אויף אַ קול. הערץ ענטפערט „אמן יהא שמיה רבה“... ריקעל לאַכט אין פויסט. — מ אַ ד אַ ם ג אָ ל ד קומט אַריין באַלד נאָך זיי. בשעת די מאַדאַם גאָלד בעוויזט זיך, ווערד אַיין איבערקעהרעניש אין קיך: ריקעל טהוט זיך אַ וואָרף צום אויוועז. הערץ חאַפּט זיך צו די טעלער, קלאַפּט מיט די גאָפּלען, וואַרפט מיט די לעפלען. ליזא האָט זיך אויפגעהויבען פונ׳ם רויטען קעסטעל, האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון קיך אין דרויסען אַרויס. דניאל האָט אַראָפּגעוואָרפען די ברילען, אויפגעשטאַנען, געוואָרען מיט אַ קאָפּ קלענער. רב סענדער האָט אַוועקגעוואָרפען דאָס עסען).

מ אַ ד אַ ם ג אָ ל ד (אויף די אונטערשטע טרעפּ, אַביסעל העכער פונ׳ם באָדען). ריקעל! וועסט זיי געבען עסען און צו גלעזלעך טיי. (צו יוכבד). איך האָב גאָר פערגעסען פרעגען, ווי אַזוי הייסט זי, אייער טאָכטער?

י ו כ ב ד . ריווע.

ר ב ס ע נ ד ע ר . רבקה הייסט דאָס.

מ א ד א ם ג א ל ד. ריווע? רבקה? ניט שען!... רעוועקע. רעוועטשקע — זאל זי הייסען רעוועטשקע.

י ו כ ב ד. איהר ווילט רעוועטשקע, זאל זיין רעוועטשקע! ווער קאן אייך זאגען א דעה? זי איז דאך אייערע...

ר ב ס ע נ ד ע ר. מיינע ווערטער. אבי ס'זאל איהר זיין גוט און קיין זאך ניט פעהלען. לא המדרש עיקר, אלא המעשה.

מ א ד א ם ג א ל ד. דאס ווענדט זיך אן איהר. וועט זי זיין גוט, וועט איהר זיין גוט; וועט זי זיין שלעכט, וועט איהר זיין שלעכט.

ד נ י א ל. (חאפט אונטער). וועט זי דיענען גוט, וועט איהר זיין גוט; וועט זי דיענען שלעכט, וועט איהר זיין שלעכט. (טהוט א וואונק צו הערצ'ען און צו ריקל'ען).

ה ע ר ץ און ר י ק ע ל (ביידע אין איינעם). וועט זי דיענען גוט, וועט איהר זיין גוט; וועט זי דיענען שלעכט, וועט איהר זיין שלעכט.

ה ע ר ץ (בעזונדער, אויף א זייט). אזא יאהר אויף זיי!

מ א ד א ם ג א ל ד. מיינע מענטשען האבען זיך נאך קיין מאל אויף מיר נישט באקלאגט.

ד נ י א ל. אונזערע מענטשען האבען זיך נאך קיין מאל נישט באקלאגט! (ווינקט צו הערצ'ען און צו ריקל'ען).

ה ע ר ץ און ר י ק ע ל (ביידע אין איינעם). קיין מאל נישט באקלאגט זיך נאך.

ה ע ר ץ (בעזונדער, אויף א זייט). אזוי פיעל מכות זיי!

מ א ד א ם ג א ל ד. ביי מיר, עס קומט־אונטער א יום־טוב, א אימעניגעס, נעם איך און אלע מענטשען מתנות.

ד נ י א ל. דא בעקומען אלע מענטשען מתנות! (ווינקט צו הערצ'ען און צו ריקל'ען).

ה ע ר ץ און ר י ק ע ל. מיר בעקומען אלע מאל מתנות!

ה ע ר ץ (בעזונדער, אויף אַ זייט). ניט מעהר זאָלען זיי פאַר־מאַגנען!

ר ע וו ע ט ש ק ע. צו וואָס מתנות? מתנות איז ניט נויטיג...

י ו כ ב ד (צו דער טאָכטער, מיט אַ ציה ביי'ם אַרבעל). ריוועלע, וואָס טהוסט דו? דו דאַרפסט שווייגען!

ר ב ס ע נ ד ע ר. מיינע ווערטער. יפה שתיקה...

ה ע ר ץ (אויף אַ זייט). דער איד רעדט. אַפנים, תרגום־לשון...

מ אַ ד אַ ם ג אָ ל ד. און דאָס, וואָס זי קאָן שרייבען, איז זעהר גוט. עס מאַכט זיך אַ מאָל, מע דאַרף פאַרשרייבען דאָס גרעט פון דעם בוידעם, ווארום מע טראָגט, מע שלעפּט, מע גנב'עט.

ד נ י א ל. מע גנב'עט! (ווינקט צו הערצ'ען און צו ריקל'ען).

ה ע ר ץ און ר י ק ע ל. נאָך אַ מין גנב'נען!

ה ע ר ץ (בעזונדער, אויף אַ זייט). אַז אַך און וועה איז צו די גנבים!

מ אַ ד אַ ם ג אָ ל ד (צו רעוועטשקען). עס אַפּ און נעם זיך צו דער אַרבייט. (צו דניאל'ן). דניאל! זאָלסט אַכטונג געבען צו די פערד, צי מען גיט זיי האָבער, צי מע שרייבט גלאַט אַזוי אַ גוט יאָהר. זיי האָבען זעהר ליעב שרייבען חשבונות... (מאַדאַם גאָלד אָפּ. נאָך דער מאַדאַם'ס אָפּגאַנג ווערד איין אַנדערע שטימונג: דניאל טהוט אָן די ברילען, ווערד מיט אַ קאָפּ העכער, זעצט זיך אַוועק אין זיין גרויסען שטוהל, שרייבט. ריקעל גיט־אויף צו'ם טיש. די געסט עסען. הערץ עסט מיט זיי. עס הערט זיך פון אויבען אַ קול: „דניאל"! „דניאל"!...)

ד נ י א ל (וואַרפט אַראָפּ די ברילען, ווערד מיט אַ קאָפּ קלענער, פערשפּילעט זיך, געהט אויף די טרעפּ). באַלד! באַלד! איך געה! איך געה! (דניאל אָפּ).

ר י ק ע ל (דערלאַנגט צו'ם טיש). עסט, מיינע ליעבע געסט!

י ו כ ב ד. ווער איז אָט דער בייזער איד, אָט דער, וואָס מע רופט איהם דניאל? אָט איז ער גרויס און אָט איז ער קליין...

ה ע ר ץ. דאָס איז אונזער חצי בעל־הבית.

ר ב ס ע נ ד ע ר (לעגט אַוועק דעם לעפעל). חצי וואָס?

ר י ק ע ל. דאָס איז אונזער עקאָנאָם; ער האָט צו שאַפען אויף אַלע „מענטשען“. דורך זיין האַנד נעמען מיר וואָס אונז קומט... זענט איהר, הייסט דאָס, טאַקי נאָהענטע קרובים מיט אונזערע בעלי־בתים?

י ו כ ב ד. ניט שטאַרק נאָהענט. נאָר מיר געהערען זיך אַן שטיקלעך פריינדלעך.

ר ב ס ע נ ד ע ר. שני שבשלישי׳ם. איהר ווילט וויסען, ווי אַזוי? (לעגט אַוועק דעם לעפעל). אַט וועל איך אייך אויסרעכענען.

ה ע ר ץ. מהכתיתי, רעכענט אונז אויס, ס׳איז כדאי צו וויסען. (עסט). אַ מענש דאַרף אַלסדינג וויסען וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך. (עסט).

ר ב ס ע נ ד ע ר. מיין פעטער, דאָס הייסט, אונזער ביידענס פעטער, — מחמת איך מיט מיין וויב זענען אויך אייגענע געשוועסטערקינדלעך, — האָבען זיך אָנגעקעהרט מיט אייער מאַדאַם׳ס מוהמע שוועסטער און ברודער. היינט פאַרשטעהט איהר שוין? (נעמט זיך צו׳ם עסען).

י ו כ ב ד. פונקט קאַפּויר! (לעגט אָפּ דעם לעפעל). אונזער מוהמע מיט אייער מאַדאַם׳ס פעטער זענען געווען שוועסטער און ברודער.

ר ב ס ע נ ד ע ר (לעגט אָפּ דעם לעפעל). מיינע ווערטער! ווי אַזוי האָב איך דען געזאָגט?

ה ע ר ץ (צו יוכבד׳ן). ווי אַזוי האָבען זיי דען געזאָגט? (עסט).

י ו כ ב ד (לעגט אָפּ דעם לעפעל). דו האָסט געזאָגט, אַז אונזער פעטער מיט איהר מוהמע...

ר ב ס ע נ ד ע ר (לעגט אָפּ דעם לעפעל, ווערד אין כעס). איך האָב געזאָגט? ווי האָב איך געקאָנט אַזעלכעס זאָגען?

ה ע ר ץ (צו יוכבד'ן). ווי האבען זיי געקאַנט אַזעלכעס זאָגען? (עסט).

י ו כ ב ד (לעגט אַפּ דעם לעפעל, רעדט צו דער טאָכטער). נו? האָט ער נישט געזאָגט אַזוי? זאָג שוין דו, ריוועלע, וואָס שווייגסט דו?

ר ע װ ו ע ט ש ק ע. וואָס איז דער אונטערשיעד, אַזוי געזאָגט, אָדער אַזוי געזאָגט? עסט בעסער, איהר האָט שוין אַ מעת־לעת ניט געגעסען...

ה ע ר ץ (צו רב סענדער'ן). אייער טאָכטער איז גערעכט, לאָם איך האָבען אַזאַ יאָהר! פאַר'ן עסען, זאָגט מען, געהט קיין טאַנץ נישט... הכלל, זענט איהר, הייסט דאָס, אייגענע. וואָס זשע? זיי האָבען אייך טאַקי געשריבען, איהר זאָלט קומען צו פאָהרען?

ר ב ס ע נ ד ע ר. חס ושלום! מיר זענען אַליין געקומען צו פאָהרען, געבראַכט אָהער די טאָכטער זוכען איין אָרט. דערווייל האָבען מיר זיך דערמאָנט, אַז מיר האָבען דאָ רייכע קרובים, זענען מיר געקומען צו געהן. תחילת האָבען זיי אונז אפילו נישט דער־קענט...

י ו כ ב ד. פון וואַנען זאָלען זיי אונז קענען? יענע זענען קיין עין הרע, אַזוי רייך! מיליאָנטשיקעס! (עס הערט זיך אַ קלינגען פון אויבען).

ה ע ר ץ. דאָס מיינט מען מיך! זיי לאָזען דען אָפּעסען? (עסט געהענדיג). אַזוי ווי אַ הונט מוז מען חאַפּען און ווערגען זיך. דערוואַרגען זאָלען זיי ווערען! (אַפּ).

ר י ק ע ל (צו יוכבד'ן). קומט דאָך אויס, אַז איהר זענט טאַקי עפּיס גאָר...

י ו כ ב ד. וואָס דען האָט איהר געמיינט? אונזער משפּחה זענען לויטער בעלי־בתים. אונזער משפּחה...

ר ע װ ו ע ט ש ק ע. וואָס דאַרפען זיי וויסען די משפּחה? דו טהוסט מיט מיר אַ שדוך?

י ו כ ב ד. וואס דען? זיי דארפען וויסען אלסדינג. זאלען זיי ניט מיינען, אז דו ביזט גלאט אזוי א „מענטש“, גלייך מיט אלע „מענטשען“.

ר ע ו ו ע ט ש ק ע. מאמע! ס'איז נאר שווער ביז מע פועל'ט ביי זיך צו זיין ביי יענעם; נאר קוים האב איך מיך גע־שטעלט, בין איך גלייך מיט אלע... (אפגעגעסען, נעמט זיך צו איין ארבייט, וואשט און ווישט די טעלער).

ר ב ס ע נ ד ע ר (בענשט מיט א ניגון, מאכט מיט'ן קאפ). או־הום... אמת, אמת... „על הארץ ועל המזון... רחם נא...“ (שאקעלט זיך).

ל י ז א (קומט פון דרויסען, ברעכט די הענד, געהט צו צום רויטען קעסטעל, זעצט זיך אוועק, שפארט אן דעם קאפ אויף דער האנד).

ר ע ו ו ע ט ש ק ע. ווער איז אט דאס מיידעל?

ר י ק ע ל. דאס איז אונזער געוועזענע פאקאיאווע... היינט ערשט האט מען זי אפגעזאגט...

ר ע ו ו ע ט ש ק ע. פאר וואס?

י ו כ ב ד. א נאווינע וואס מען שאפט אפ א „מענטשען“! זיי נעמען צו, זיי שאפען אפ.

ר ב ס ע נ ד ע ר (האלט אין מיטען בענטשען). או־אום... או־הום... כחומר ביד היוצר... „הר־חמן...“

ר י ק ע ל (צו יוכבד'ן). וואס זאגט אייער מאן?

י ו כ ב ד (צו ריקלען). איהר וועט ניט פארשטעהן. ס'איז פון דער גמרא. (דניאל קומט אן פון אויבען).

ד נ י א ל (געהט ארום הין און צוריק א מינוט אהן ווערטער. שטעלט זיך אוועק אקעגען ליזא'ן. רעדט שטיל). אומגליקליכע וואס דו ביזט!... זאלסט מיר געוועזען זאגען פריהער חאטש, פארברענט זאל דאס ווערען!... קום אהער... (ליזא געהט צו. ער זעצט זיך צוריק צום בריעף). אט דא האסט דו איהר אדרעס... אהין זאלסט דו

צופאהרען... וועסט לאזען גריסען פון מיר. וועסט זאגען, איך וועל דארט זיין אפשר היינט נאך, אויב איך וועל קאנען, אניט — איז מארגען... אומגליקליכע וואס איהר זענט! (ליזא געהט צום רויטען קעסטעל, עפענט אויף, זוכט עפּיס און פערשליסט צוריק).

ר ב ס ע נ ד ע ר (האט אפּגעבענשט, שטעהט אויף פון טיש, ווישט זיך אפּ די הענד אן דער קאפּאטע, געהט־צו צו דניאל׳ן). נאט אייך אפּ שלום־עליכם. איך האב געהערט, איהר זענט דא דער צווייטער בעל־הבית...

ד נ י א ל (טהוט אן די ברילען, ווערד מיט א קאפּ העכער). וואס וועט איהר זאגען?

ר ב ס ע נ ד ע ר. גארנישט. איך האב אייך נאר געוואלט בעטען, איהר זאלט אכטונג געבען אויף אונזער קינד, השגחה געבען.

ד נ י א ל. אכטונג געבען? השגחה געבען? (קוקט אויף איהר און אויף ליזא׳ן). אכטונג געבען אויף אייער קינד? (זיפצט). יא־א־א! אכטונג געבען, אכטונג געבען.

י ו כ ב ד. זי איז ביי אונז טהייער... זי איז חלילה נישט קיין בת יחידה, נאר זי איז די עלטערע ביי אונז און סאמע די געראטע־נע... איך בעט אייך, גיט אכטונג...

ר ע ו ו ע ט ש ק ע. אויף מיר דארף מען ניט אכטונג געבען: איך קאן, ברוך השם, מיין שטעדטעל אליין באשטעהן...

י ו כ ב ד (צו דער טאכטער). נארעלע וואס דו ביזט! (צו דניאל׳ן). איהר פארשטעהט... א שען מיידעל אין דער פרעמד...

ד נ י א ל. א שען מיידעל אין דער פרעמד... (קוקט אויף איהר און אויף ליזא׳ן). דאס איז דוקא פון די קליינע מעלות...

ר ע ו ו ע ט ש ק ע. מאמען דאגה ניט פאר מיר. קיינער וועט מיך ניט אויסחאפּען. איך בין ניט אלט קיין צעהן יאהר...

י ו כ ב ד (צו ריקלען). וואס זאגט איהר אויף איהר? קיין עין הרע, א בר־דעת! (צום מאן). סענדער, טהו דיך אן, מיר דאר־

פעז פאהרען. (צו דער טאָכטער). זיי געזונד, ריוועלע, שאנעווע דיך, וועט דיר זיין, אם ירצה השם, גוט, בעסער ווי אין דערהיים.

ר ב ס ע נ ד ע ר . מיינע ווערטער: הכל תלוי במזל... (צו דניאל'ן). זייט געזונד, רב דניאל, און גיט השגחה אויף מיין קינד. (זיפצט).

ד נ י א ל . געבען השגחה אויף אייער קינד... יאַ־אַ־אַ! געבען אכטונג אויף אייער קינד. (רעוועטשקע בעגלייט איהר פאָטער און מו־טער ביז אויף יענער זייט טהיר, קומט צוריק און נעמט זיך ווידער צו דער ארבייט. — רב סענדער און יוכבד אָפּ. — פון אויבען, פון די טרעפּ, קומט אַן הערץ).

ה ע ר ץ . די מאדאם האט געהייסען שפּאנען א וואגען און ארויסבעגלייטען אונזער ליזא'ן מיט כבוד. (נעמט זיך צום רויטען קעסטעל. צו דניאל'ן). און אייך האט מען געלאזט בעטען מחילה ארויף. נאטאן מאיסעיעוויטש וויל אייך זעהן וועגען די פערד.

ד נ י א ל . ווידער פערד! ער האט מיך שוין פערמוטשעט מיט די פערד! א פערד איז ביי זיי טהייערער פון א מענטשען! (לאזט זיך געהן). פארברענט זאל דאס ווערען! (דניאל אָפּ).

ה ע ר ץ . חא־חא־חא! דעם ערגסטען הונט קומט אַן דער בעסטער ביסען... (צו ליזא'ן). מיך האסט דו ניט געוואלט פאר קיין חתן, ניין? שטעהט דיר ניט אַן דער יחוס! דערפאר, ווייל איך בין א „מענטש"? אודאי איז א בעל־הבית בעסער פון א „מענטשען". נאר אז די „מענטשען" וועלען אנהויבען חתונה האבען פאר די בעלי־בתים, און די בעלי־בתים פאר די „מענטשען", היינט וואס פאר א פנים וועט דעמאלט האבען די וועלט?

ר י ק ע ל (צו הערץ'ן). טאמער וואלסט דו שוין איינגענומען אביסעל שטומעניש, דו משומד איינער? א מענטש איז נעבאך אזוי אומגליקליך, קומט ער צו געהן מיט א מענה לשון!

ל י ז א (פאַלט צו מיט אַ געוויין צו ריקל'ען). מאַמע מיינע טהייערע!

ר ע װ ו ע ט ש ק ע (צו הערץ'ן). וואָס וויינט זי?

ה ע ר ץ. זי האָט זיך דערמאָנט אַ ווייגענדיגס

ר ע װ ו ע ט ש ק ע (צו ריקל'ען). וואָס וויינט זי?

ר י ק ע ל. ס'איז איהר אַנגעזאַלעט אויפ'ן הארצען, וויינט זי.

ר ע װ ו ע ט ש ק ע (געהט צו צו ליזא'ן). וואָס איז אייך? (ברעכט די הענד). זאָגט מיר...

ל י ז א (ברעכט די הענד). אוי, זאָל אייך גאָט היטען... איהר זאָלט נישט וויסען דאָס, וואָס איך!... (קוקט ארויף אויף די טרעפּ אַ ווײלע, מיט טרערען פולע אויגען, פאַלט צו ריקל'ען אויף די הענד, וויינט ווי אַ קינד). זייט געזונד, מאַמע מיינע געטרייע!... איהר זענט מיר געווען אַ מאַמע!...

ר י ק ע ל (גלעט ליזא'ן איבער'ן קאָפּ). נו, גענוג, גענוג וויינען, קינד! ס'אַ גאָט'ס זאַך, אַ גאָט'ס זאַך... פאָהר געזונד. זאָל דיר גאָט באַגליקען, ווי דו ווינשט זיך אליין... אודאי, ווען דו זאָלסט מיך פאָלגען!... פאָהר געזונד!... (קאָן ניט רעדען מעהר. בעהאַלט דאָס פּנים אין פאַרטוך. עס הערט זיך אַ צוגעפּאַהרענע פוהר. הערץ טהוט אַ חאַפּ דאָס רויטע קעסטעל אויף די פּלייצעס. אויף זיינע אויגען שטעהען טרערען. ער מאַכט זיך פרייליך).

ה ע ר ץ. דאָס קעסטעל איז, קיין עין הרע, גוט געפּאַקט. אַפּנים, קיין מאָל נישט געקרענקט... (טראָגט דאָס אַרויס פון דער טהיר. ליזא געהט נאָך מיט אַ געוויין, ברעכט די הענד, קוקט צום לעצטען מאָל אַרויף, אויף די טרעפּ. ריקעל וויינט אין פאַרטוך. רעוועטשקע בעטראַכט אלעמען, הערט ניט אויף צו ארבייטען).

ר י ק ע ל (צו זיך אליין). אַט־אַזוי־אַ באַגעהט מען זיך מיט אַ „מענטשען". אַ „מענטש" און אַ הונט איז ביי זיי אַלץ איין שווארץ יאָהר... אַ מצוה אויף איהר — אליין שולדיג... אַ „מענטש"

דארף גערענקען, אז ער איז ניט מעהר ווי א „מענטש" !... (צו רע־וועטשקען). הערסט דו, מיידעל? אז דו וועסט זיין דארטען (ווייזט איהר ארויף, אויף די טרעפ), זאלסט דו אין זינען האבען, אז דו ביזט א „מענטש", און אז דיין ארט איז אט־א־דא...

ה ע ר ץ (קומט צוריק פון דרויסען מיט רויטע אויגען). ווינציגער ביי אונז מיט א „מענטשען"... (צו ריקל'ען). מיך פערדריסט נאר איין זאך: גענוג זיי זינדיגען, לעגען זיי נאך ארויף די באד אויף יענעם...

ר ע ו ו ע ט ש ק ע. אט דאס מיידעל האט עפיס געזינדיגט? מע האט זי געחאפט מיט א גנבה? (ריקעל און הערץ שיסען אויסביידע א געלעכטער).

ר י ק ע ל (צו רעוועטשקע'ן). ביזט נאך גאר א ציגעל, ווי איך זעה ארויס!

ה ע ר ץ. א תמ'עוואטע מיידעל. א וואהל מיידעל, ווי איך בין א מענטש! איך האב ליעב אזעלכע מיידלעך!... (וויל געבען רעוועטשקען א גלעט אין בעקעל. ריקעל גיט איהם איבער די הענד).

ר י ק ע ל. אהן הענט! ביזט ניט נאטאן מאיסעיעוויטש...

ה ע ר ץ. גערעכט! זיי (ווייזט ארויף) מעגען אלסדינג, מיר טארען ניט.

ר י ק ע ל. זיי זענען בעלי־בתים, מיר זענען „מענטשען"...

ה ע ר ץ. הערט איהר, ריקעל סערדצע? איך האב שוין א צייט ניט געהאלטען די כלי. די פינגער זענען מיר שוין פארקליאק־נעט, צו אל־די שווארצע יאהר! מע דארף ארויסנעמען דעם אינ־סטרומענט. (נעהמט ארויס פון אונטער'ן בעט די גיטארע). ס'איז פאס־קודנע אויפ'ן הארצען, דארף מען צעטרייבען א ביסעל די מחשבות... שפיעלען א פרייליכס... וואס זאל איך אייך שפיעלען? (שטעלט אן די גיטארע). מיך אז מע הערט שפיעלען, ווערד מען די כפרה!... (קוקט אויף רעוועטשקע'ן און ווינקט אויף איהר מיט די אויגען). איך

וואָלט אַ בעלן געווען, אַז אַלע שענע מיידלעך מיט אַלע שענע ווייב־לעך זאָלען מיך הערען... ריקעל קרוין! וואָס זאָל איך אייך זינגען אַזעלכעס, ס'זאָל אייך נעמען?

ר י ק ע ל . נעמען זאָל דיך שוין — ווייסט דו וואָר? זינג אונז אַ אידיש ליעדעל — און אַ סוף.

ה ע ר ץ . אַ אידיש ווילט איהר? וועל איך אייך זינגען יקום פורקן. (שפּיעלט און זינגט אַ פּריוויליבס, קלאַפּט מיט'ן פוס און מאַכט מיט'ן קאָפּ).

יקום פורקן —
חיים, שמעיה,
חנא וחסדא!
בעריל איז דאָ?
דאָ — דאָ — דאָ!
שמעריל איז דאָ?
דאָ — דאָ — דאָ!
אוי־וועה, בעריל,
אוי זשע, שמעריל!
בעריל, שמעריל,
חיים, שמעיה,
חנא וחסדא, —
יאָקעל איז דאָ?
דאָ — דאָ — דאָ!
טאָדרעס איז דאָ?
דאָ — דאָ — דאָ!
אוי־וועה, בעריל!
אוי זשע, שמעריל!
אוי זשע, יאָקעל!
אוי זשע, טאָדרעס!
בעריל, שמעריל,

חיים, שמעיה,
יאקעל, מאדרעס,
חנא וחסדא!...
נעציל איז דא?
דא — דא — דא!
פייוועל איז דא?
דא — דא — דא!
אוי־וועה, בעריל!
אוי זשע, שמעריל!...

(וואס וויטער ווערד דאס שפּיעלען אַלץ שטאַרקער און פרייליכער. הערץ קאַכט זיך, ריקעל און רעוועטשקע קאַטשען זיך פאַר געלעכטער, בעמערקין נישט, אַז פון דרויסען־טהיר איז אריינגעקומען ריקעל'ס מאַן — פ י ש ע ל).

פ י ש ע ל (קומט אַן מיט שטילע טריט, שטעהט און הערט, ווי הערץ קאַכט זיך אינ'ם ליעדעל און ווי ריקעל מיט רעוועטשקען לאַכען, טהוט אַ הוסט). קיין עין הרע, בײַ אייך פרייליך! גוט יום־טוב אייך!

ה ע ר ץ . גוט יאהר. נישטא וואס צו טהון, שפּיעלט מען אביסעל אויפ'ן אינסטרומענט.

פ י ש ע ל (אויפגעבראַכט). נישטא וואס צו טהון, שלאַגט מען זיך קאפּ אַן וואנט! (צום ווייב). פרעגט גאר נישט אויפ'ן קינד, וואס סע מאכט? אבי ס'איז, דאנקען גאט, דא אַ גיטארע, און אַט דער פוסטעקראַט ברעמזעט אויף איהר!

ר י ק ע ל . זעה נאר, זעץ דיך אוועק פריהער, רוה זיך אפּ. (הערץ טראַגט איהם אונטער אַ בענקעל).

פ י ש ע ל (קוקט אויף הערץ'ן, ווי אַ גזלן, וויל זיך נים זעצען אויף דעם בענקעל, וואס הערץ האט איהם אונטערגעטראַגען, טהוט דאס אַ וואַרף־אַפּ. נעמט זיך איין אַנדער בענקעל, זעצט זיך אַוועק). זאג מיר נאר, דו פּיפּערנאַטער, דו שמינדער בגעז, דו גרינער אגרעס, דו

פוילע קיסליצע! וואס ביזט דו מיר א רב שמעלקע מיט מיין ווייב. וואס דו אונטערהאלסט זי מיט ליעדלעך און מיט אינסטרומענטען?

הערץ. ערשטענס, אונטערהאלט איך ניט נאר אייער ווייב אליין. צופיעל כבוד פאר איהר. און צווייטענס, דארף מען ניט פארגעסען, אז מע איז ביי יענעם א „מענטש", איז נישטא קיין מאן, נישטא קיין ווייב, נישטא קיין שוועסטער, נישטא קיין ברו־דער.

פישעל. אזוי גאר? הפקר ציבעלעס?

הערץ. וואס דען? הוליע קבצן! ס'איז היינט א פרייע וועלט!

ריקעל (צום כאַן). ווייס איך, וואס ער וועט דיר דערציעה־לען, אט דער חושים!

פישעל (אויסער זיך). וואס פאר א חושים איז ער? ער איז ניט קיין חושים; ער איז איין אויסגעלאזענער יונג, א הולטיי, א שמד'ילניק, א כל־בו'ניק מיט אויסגעדרעהטע וואנצעס, וואס פארדרעהט דעם קאפ פרעמדע ווייבלעך מיט נארישע מיידלעך!

הערץ. זעהט נאר! איך בין שולדיג, אז אלע מיידלעך מיט אלע ווייבלעך זענען נאך מיר די כפרה!

ריקעל. די כפרה מעגסט דו שוין זיין פאר אלע אידען! שלים־מזל!

הערץ. סע טהוט זיך אביסעל! למאי דארטען? (ווייזט מיט די אויגען ארויף). וואס איך זעה מיך דארטען אן — טאטעניו! נישטא קיין מאן, נישטא קיין ווייב, מיינס און דיינס — שותפות'־דינס... וואס דארפט איהר מעהר — איך האב אליין געזעהן, ווי אונ־זער מחותן האט ארומגענומען די מאדאם אט אזוי א, אט וועל איך אייך ווייזען... (ציהט אויס די הענד צו ריקל'ען).

ריקעל (שהוט איהם א שליידער־אפ פון זיך). מיט'ן קאפ אין דער ערד! (דניאל קומט אן פון אויבען).

דניאל (חאַפּט אַן הערצ'ן פּאַר'ן קאָלנער פון הינטען). אַט וועל איך דיר געבען אַ נעם־אַרום, וועט דיר ווערען פינסטער אין די אויגען! געה אַרויף, מע רופט דיך, פאַרברענט זאָל דאַס ווערען!

הערץ. אַטאַ געה איך. (צו פישלען). זייט געזונד, האָט אַ גוטען יאַריד!

פישעל (צו הערצ'ן פון דער ווייטען). מיט'ן קאָפּ אין דער ערד! ברעך דיר אויס אַ פוס, אָדער אַהינצו אָדער צוריקוועגס! (הערץ אָפּ).

דניאל (לעגט אויס אויפ'ן טיש געלד אין עטליכע קופּקעלעך. רעדט צו פישל'ען). איהר דאַרפט ניט זיין אַזוי דאַסיג פון דעם משוגע'נעם ליץ. זיינע ווערטער האָבען אַ ממשות, פּונקט אַזוי ווי דער הונט בילט. (עפענט אויף דאָס טיש־קעסטעל, נעמט אַרויס די ביכער).

פישעל. ניין. איהר פאַרשטעהט אַ מעשה? ביי זיי אַ „מענטש“ האָט דען אַ ווערטה פון אַ מענטשען? מע איז פאַרקויפט צו זיי. מע ווייסט נישט פון קיין שבת, פון קיין יום־טוב. מע קוקט נישט אַן קיין ווייב, קיין קינד. און טאָמער מאַכט זיך, מע חאַפּט זיך אַרויס איין מאָל אין אַ יובל, מע קומט צו געהן — טרעפט מען איהם, אַט דעם שאַרלאַטאַן, ברעמזען אויפ'ן צימבעל, און זיי שטעהען, די טעלעצעס, און קוקען אויף זיין ביין וואונדער!...

דניאל. נאַרישקייטען! (צעהלט געלד און וואַרפט אויף ביינדלעך). נאַרישקייטען!...

ריקעל. (צו דניאל'ן). נו, זאָגט שוין איהר אַליין!

פישעל (צו דניאל'ן). ביי אייך איז דאָס נאַרישקייטען. און ביי מיר איז אַ וועהטיג מיט אַ פאַרדראָס! מע מעג טאַקי זיין ביי יענעם אַ „מענטש“, אָבער אַ מענטש איז מען דאָך, און אַ מענטש האָט אַ גאַל מיט זיין אַמביציע! (שלאָגט זיך אין האַרצען).

ד נ י א ל. וואסער אמביציע? (ווארפט אויף בײנדלער). אמ־ביציע!... א מענטש מיט אמביציעס! ווי קומט צו א „מענטשען" אמביציעס?

ר י ק ע ל (צו דניאל'ן). זאגט שוין איהר אליין טאקי, אמ־ביציע נאר!

פ י ש ע ל. אודאי אמביציע! מע איז טאקי ניט מעהר ווי א „מענטש" ביי יענעם, א „מענטש" האט אבער אויך א נשמה! א גאנצע וואך איז מען איינגעשפאנט, ווי איין אייזעל, און טאמער מאכט זיך איין מאל אין א דאנערשטאג א האלבע שעה, אז מע חאפט זיך אמאל ארויס זעהען זיך מיט'ן קינד, צי מיט'ן ווייב, טרעפט מען זיך דער שווארץ יאהר ווייסט מיט וועמען!... (וויקעלט אויס פון א פאפיער א שאל, גיט ריקלען). נא, דאס האב איך דיר גע־קויפט א שאל. קאסט א דרייערעל. א מציאה פון א גנב!...

ר י ק ע ל. טאקי? אוי, איך וועל דאס אוועקגעבען פיי־געלע'ן, זי געהט נעבאך נאקעט... איך האב זיך געזעהן מיט איהר יענע וואך אין מארק אויף א מינוט. ווייזט אויס, אז קיין האניג לעקט זי דארט ניט... אז אך און וועה צו די יאהרען, אז מע איז אליין א „מענטש" ביי יענעם און מע דארף נאך האלטען א קינד הינטער די אויגען. מע איז פארקויפט. (נעמט זיך צוריק צו דער ארבייט).

פ י ש ע ל. פארקויפט? פון דעסטוועגען וואלסט דו נאך געקאנט אויספיהרען, מאהלט אייך, זיך זעהן מיט איהר אביסעל אפטער. האסט קיין צייט ניט געהן צו איהר? דו שלאפסט אין שלייער? קאן זי קומען צו דיר. מע טאר זיך ניט דערווייטערען פון א קינד.

ר י ק ע ל. אט זאגט ער מיר מוסר. דערווייטערען זיך פון א קינד. די מאדאם וויל ניט וויסען פון קיין קינדער. די מאדאם האט פיינט א „מענטשען", וואס האט קינדער. דאס ווייסט דו, צי ניין?

פ י ש ע ל. זיי האבען אלע פיינט! וואלסט בעסער געזעהען אפגעבען זי אהער, בעשטעלען פאר א „מענטשען", זאל זי זיין מיט דיר...

ר י ק ע ל. דא? פאר א „מענטשען" מיט מיר? א, ניט דערלעבען זאל איך דאס גאר, רבונו של עולם! מיין קינד וועל איך אוועקגעבען צו אט די וועלף, ס'זאל פון איהר ווערען חלילה אזא תכלית, ווי ס'איז געווארען פון פאניטשקען, אדער פון ליזא'ן... (צום מאן. זאגט איהם עפּיס אויפ'ן אויער, ניט אוועקלעגענדיג די ארבייט).

פ י ש ע ל (טהוט א שפּרונג-אפּ). א חלירע! א מיתה משונה! זיעבעצעהן חלירע'ס! אכצעהן מיתה משונה'ס! (מיט די קולאקעס ארויף אויף די טרעפּ). ס'זאל אייך אנחאפּען און ס'זאל אייך קויקלען און אויסקויקלען איינציגווייז, און ס'זאל ניט בלייבען פון אייך קיין שריד ופליט! ס'זאל א רוח אין אייער... (עס הערט זיך פון די טרעפּ אראפּ א פרויען-קול: „דניאל!" „דניאל?").

ד נ י א ל (ווערד מיט א קאפּ קלענער, שרייעט ארויף). איך געה! איך געה! (אין א זייט, געהענדיג ארויף). אראפּ און ארויף! אראפּ און ארויף! פארברענט זאל דאס ווערען! (דניאל אפּ).

פ י ש ע ל. אומעדום דאס אייגענע!... (גלייבט זיך אויס די ביינער, קלייבט זיך געהן). דארט זוכט מען מיר שוין. מע שרייט שוין: „פישעל!" פון אלע זייטען: „פישעל! פישעל!" פישלען זאל זיך זיי אין קאפּ, רבנו של עולם! ס'זאל זיך זיי אזוי גלוסטען צו לעבען אויף דער וועלט, ווי מיר גלוסט זיך אוועקצוגעהן פון דאנען, האטש די גרויסע פארגעניגענס וואס מע האט, אז מע קומט אהער... (זיפצט). אך-אך-אך! מילא, אז מען איז „מענטשען" ביי יענעם, דארף מען טאקי אזוי זיין פארקויפט? אפּגעריסען מאן פון ווייב, מאמע פון קינדער, שוועסטער פון ברידער... פע! א

פאסקודנע וועלט! (צו רעוועטשקע'ן). הערסט דו, מיידעל! ביזט דא א נייע פאקאיאווע מסתמא? דו ווערסט דאך אמאל חתונה האַ־בען? גאט זאל דיך היטען, זאלסט זיין נאך דער חתונה א „מענטש" ביי יענעם! דעם דריטען טאג א שטיקעל ברויט — אבי אליין. (צו ריקל'ען). און דו? מענסט זיין, נישקשה, אביסעלע מעהר פון דער וויטען מיט דעם מוזיקאנט. וואס האט ארויפגעדרעהט די וואנצעס ארויף, ווי עפּיס רעכטס... א גוטען! (פישעל אפּ).

ריקעל. (קוקט איהם נאך א ווילע, צעלאכט זיך). אט וועל איך מיך געהן אוועקזעצען קלאגען אויף חורבן בית המקדש, חא־חא־חא!

רעוועטשקע (איבערראשט). וואס לאכט איהר?

ריקעל. וואס זאל איך וויינען?

רעוועטשקע. ער איז דען ניט גערעכט, אייער מאן?

ריקעל. ווער זאגט דען, אז ער איז אומגערעכט?

רעוועטשקע. למאי זשע טהוט איהר זיהם אן יסורים?

ריקעל. איך איהם? וואס טהו איך איהם? וואס בין איך שולדיג, אז מיר זענעןביידע פארקויפטע מענטשען? פריהער, בײדעלווייז, בין איך געווען אלע יאהרען א „מענטש" ביי יענעם, געקלויבען, געקליבען נדן, חתונה געהאט פאר איהם, געזעהן, ס'איז קיין תכלית ניט, ער וועט זיין ביי יענעם א „מענטש", און איך וועל זיצען ווי א פריצה מיט צענויפגעלעגטע הענט, האב איך מיך געשטעלט פאר א „מענטשען". און אז מיין פייגעלע איז אונטער־געוואכסען, האב איך זי אויך באשטעלט פאר א „מענטשען"...

רעוועטשקע. פאר א „מענטשען"?

ריקעל. פאר א „מענטשען". מיר זענען „מענטשען", און אונזערע קינדער זענען „מענטשען", און אונזערע קינדס־קינדער, אפנים, וועלען אויך זיין „מענטשען". שוין אזוי באשערט פון גאט, מיר זאלען זיין „מענטשען"...

רעוועטשקע. באשערט פון גאט, מיר זאלען זיין „מענ־טשען"?

ר י ק ע ל . נו, יאַ. נעם, למשל, אַט דו אַליין טאַקי. אַט ביזט דו איצט אַ „מענטש“ ביי יענעם. וועסט אַנקלויבען עטליכע קערבלעך, וועסט דו מסתמא חתונה האָבען אויך פאַר אַ „מענ־טשען“?

ר ע װ ע ט ש ק ע . פ אַ ר װ ע מ ע ן זאָגט איהר?

ר י ק ע ל . פאַר אַ „מענטשען“.

ר ע װ ע ט ש ק ע . פאַר װעמען דען האָט אַ מענטש חתונה ניט פאַר קיין מענטשען?

ר י ק ע ל (אַ פּלעסק מיט די הענד). אוי, אידען! איז דאָס מיידעל נאַריש — מע קאָן בלייבען אָהן אַ בויך לאַכענדיג! (עס קומט אַן פון די טרעפּ הערץ מיט אַ פּאַק מלבושים).

ה ע ר ץ . דער אַראָפּ, דער אַרויף! דער אַרויף, דער אַראָפּ! איך האָב עס געחאַפּט פון איהר אַ פּעטשאַטעק! דניאל האָט זיך אויך נישט גענאַרט פון איהר! פריהער פון איהם, דערנאָך פון איהר... דער אַראָפּ, דער אַרויף! דער אַרויף, דער אַראָפּ! (נעמט זיך צו די מלבושים, שפּייעט אויפ'ן בערשטעל און בערשטעלט). אַרויף און אַראָפּ! אַראָפּ און אַרויף!

ר י ק ע ל . וואָס קאַיעט דאָס מיט זיי היינט ווי אַ קדחת!

ה ע ר ץ (בערשטעלט). וויסט זיי דער רוח—אַרויף און אַראָפּ! אַראָפּ און אַרויף! מע ריכט זיך אויף געסט. די קראַקאָוועצקים דאַרפען באַלד זיין. די מאַמע מיט דער טאָכטער. אַרויף און אַראָפּ! אַראָפּ און אַרויף! נאַטאַן מאַיסעיעוויטש האָט זיך אויסגעפּוצט ווי אַ מויד. ס'איז אַ סברה, אַז ס'וועט זיין אַ שדוך. אַרויף און אַראָפּ! אַראָפּ און אַרויף! (צו רעוועטשקע'ן). באַרישני, ביזט גע־בליבען אָהן אַרבייט? עפּיס זיצסט דו מיר, ווי אַ מחותנת'טע אויף אַ פרעמדער חתונה? נשמה מיינע, העלף מיר פּוצען די מלבושים. קעצעלע! (גיט איהר דאָס בערשטעל). אונזער מאַדאַם

האט פיינט, אז מע זיצט, ווי א פריצה. זיצט, זאגט זי, איז פאר א „מענטשען" אומגעזונד. (ער טהוט זי א קניפ אין בעקעל). בעק־לעך, ווי די פאמפעשקעס!

ר י ק ע ל (גיט איהם איבער די הענד). אזאס, דו משומד! מיינט, ס'איז איהם ליזא.

ה ע ר ץ. מע דארף זי איינגעוועהנען ביסלעכוויוז, איידער זי וועט קומען ארויף און איידער אונזער נאטאן מאיסעיעוויטש וועט זיך מיט איהר בעקענען... שאט! אז געהט פאניטשקע! א גאסט!... ריקעל, צעוואָרפט דעם אויוועז! (עס קומט אן פ א־נ י ט ש ק ע פון דרויסען, איין אויסגעפוצטע, איין אנגעפארבטע, פאַלט ריקלע'ן אויפ'ן האלז).

פ א נ י ט ש ק ע. באן זשור, מאדאם!

ר י ק ע ל. טהו נאר א קוק — א גאנצע פריצה! פאניטשקע! פאר וואס זעהט מען דיך ניט? די גאנצע צייט מורא געהאט זיך בעווייזען? וואו ביזט דו אצינד? וואס מאכסט דו?

ה ע ר ץ. זעה נאר, אין איין קלאפ, ווי די עשרת בני המן! לאזט איהר איבערהאפען דעם אטהעם. (גיט איהר די האנד, טראגט איהר אונטער א בענקעל).

פ א נ י ט ש ק ע (צו הערצ'ן). מערסי, מאסיע! (פערנייגט זיך צו איהם).

ה ע ר ץ. דו רעדסט שוין אויף פראנצויזיש?

פ א נ י ט ש ק ע. הא־הא־הא! קיין אנדער שפראך רעד איך ניט אצינד, א חוץ פראנצויזיש. באן זשור, זשע וואו פרי, קעסקע־סע דאניי מאא, קעלקשאז ארעוואואר ל'ארזשאן מאסיע — הא? פערשטאנען וואס איך האב דא געזאגט?... איהר קוקט אויף מיר און וואונדערט זיך? בלאטע! ס'איז שוין ניט די פאניטשקע וואס אמאל!... אטאנדרע! פאניטשקע איז שוין מעהר נישט קיין „מענטש" ביי יעגעס! איך בין מיר אליין פאר זיך א „מענטש"!... וואאליא!

(טהוט א זעץ איבער די קעשעני). חא־חא־חא! (צו רעוועטשקע'ן). וואס קוקסט דו אזוי אויף מיר מיט אפענע אויגען? ווער ביזט דו? א נייע פאקאיאווע? און וואו איז ליזא?... (טהוט א פייף און א מאך מיט דער האנד). דורכגעטריבען? חא־חא־חא! מיר איז בעסער פון אייך אלעמען אט־דא־א, טשארט פאבערי!... איך האב מיר מיין שטוב, פיער צימער מיט א קיך, פאראל דע אנאר, מיט א פולע קאסטען מיט גרעט, מיט א פולע שאפע מיט קליידער, און ציערונג קעלקשאז דע מאניפיק!... ערשט נישט לאנג האט מען ביי מיר אוועקגע'גנב'עט א פאר בריליאנטענע אויהרינגלעך, טאקי מיינער א חתן, א טשערקעס פון קאווקאז מיט ברענענדיגע אויגען, חא־חא־חא!... זעה נאר, ווי זי קוקט אויף מיר!... (ווייזט אויף רעוועטשקע'ן).

ר י ק ע ל (צו הערצ'ן). זי איז מיר עפּיס צו פריילּיך!

ה ע ר ץ. איך האב מורא, אז זי איז אונטער'ן גלעזעל.

פ א נ י ט ש ק ע. סע נעפּא וורו! איך טרינק נישט! איך טרינק נישט קיין בראנפען, איך טרינק וויין! שאמפאנסקאיע, פאראל דע אנאר!... (חאפּט ארויס א סיגארעטעל, הערץ טראגט אונ־טער פייער).

ה ע ר ץ. אזוי? האסט דו שוין א חתן, פאניטשקע?

פ א נ י ט ש ק ע. פאשאל! וואסער פאניטשקע? אוים פא־ניטשקע! פאניא יעפימאוונא, טשארט פאבערי! אלע אפיצערען, פאלקאווניקעס, גענעראלען — ווייסען נאר פאניא יעפימאוונא, אי באסטא!... פאר פאניא יעפימאוונא האבען זיך צוויי סטודענטען געשלאגען, פאראל דע אנאר! מיך האט מען אויך געשלאגען, איהר זעהט? (פערקאטשעט די ארבעל, ווייזט א בלויען צייכען). נאט, קוקט, טשארט וואס פאבערי, חא־חא־חא!... (לאכט היסטעריש).

ר י ק ע ל (נעמט זי פאר א האנד, זעצט זי אוועק ביים אויוון נעבען זיך). דערצעהל נאר, קינד, וואו ביזט דו געווען די גאנצע צייט? פאר וואס זעהט מען דיך נים?

פ א נ י ט ש ק ע. וואס זאל איך דערצעהלען? איך האב שוין דא אויסדערצעהלט אלסדינג!... נאר וואס דא טהוט זיך (ווייזט אויפ׳ן הארצען) — דאס איז נישט קיינעמס עסק! חא־חא־חא!... און דארט אויבען וואס הערט זיך? (בעוויזט ארויף אויף די טרעפ). ליזא׳ן אפגעשאפט און די צוגענומען?... (ווייזט אויף רעוועטשקע׳ן). זיי שאפען אפ און נעמען צו... אלע מאל נייע „מענשען“? אלע מאל נייע „מענטשען“? חא־חא־חא! „מענטשען“, חא־חא־חא!... וואס האט איהר אראפגעלאזט די נאז אלע? וואס קוקט איהר מיך אן? וואס איך לאך, חא־חא־חא? ס׳איז מיר גוט, לאך איך!... חא־חא־חא! ס׳זאל זיי זיין אזוי גוט, ווי מיר! (ווייזט ארויף אויף די טרעפ).

הערץ. אמן!

פ א נ י ט ש ק ע. חאטש האלב ווי מיר!

ה ע ר ץ. אמן יהא שמיה רבה!

פ א נ י ט ש ק ע. דאס האב איך זיי, זיי צו פארדאנקען מיט דעם גוטסקייט, וואס מיר איז אצינד, חא־חא־חא! ניט קיין טאג, ניט קיין נאכט, תמיד אויסגעפוצט, תמיד אנגעפארבט, תמיד פרייליך! און מיין ברודער? מיין ברודער איז פאר חרפה אוועק פון דאנען. אוועק, מע ווייסט ניט וואוהין. ס׳איז א סברה, אז ער זיצט... (רעדט שטיל). ער איז א פ א ל י ט י ־ ט ש ע ס ק י. פריהער איז ער געווען א שטילינקער, איצט איז ער געווארען א פ א ל י ט י ט ש ע ס ק י... פאר בזיון, פאר צרות... (פויזע). אוי, האט ער מיך אמאל ליעב געהאט! ליעב געהאט! ליעב געהאט! (צעוויינט זיך היסטעריש).

ר ע ו ו ע ט ש ק ע (געהט צו צו איהר, וויל זי בערוהיגען). וויינט נישט... וואס איז אייך? זאגט, וואס איז אייך?...

ר י ק ע ל (וויינט אין פארטוך). אזא סוף אויף אלע אונזערע שונאים!

פ א נ י ט ש ק ע (צו רעוועשקע'ן). אוועקט! אוועקט פון מיר! ריהר מיך נישט אן! דו ביזט א הייליגע!... איהר קאנט זיך נאך אלע אננעמען פון מיר, חא־חא־חא! ווי מיין חתן זאגט... איך האב א חתן א פאעט, א דיכטער, שרייבט ער ליעדלעך, חא־חא־חא!

ה ע ר ץ. וויפיעל חתנים זי האט!

פ א נ י ט ש ק ע. וויפיעל חתנים, זאגסט דו? און דו האסט זיך נים גע'שדכ'ענט אמאל צו מיר, מאן שער אמי?... עי טי ראזשא מיט די אויסגעדרעהטע וואנצעס, קום מיט מיר א וואלס, סיל וואו פלע! (חאפט הערצ'ן טאנצען. אויף די טרעפ בעוויזט זיך מאדאם גאלד, נאכדעם דניאל. מאדאם גאלד שטעהט א ווילע אויף די טרעפ, קוקט זיך איין, דערקענט פאניטשקע'ן).

מ א ד ם ג א ל ד (שטארק אויפגערעגט). וואס איז דאס? ביי מיר אין קיך?? מיינע „מענטשען" זאלען זיך ערלויבען??? מיט אזא ???? דניאל, היינטיגען טאג זאלען מיר אפגעשאפט ווערען אלע „מענטשען"! דו הערסט? אלע „מענטשען"!!

ד נ י א ל (איינגעבויגען אין דרייען). אלע „מענטשען". אלע „מענטשען"!...

פ א נ י ט ש ק ע (ארויף צו דער מאדאם). דורכטרייבען אלע „מענטשען"? איך איז גרינג „מענטשען" צונעמען און „מענטשען" אפשאפען! איהר ווארפט זיך מיט „מענטשען", מא שער מאדאם! אויב ס'איז איבער מיר, ארעוואאר אוועק פלעזיר! (מאכט איהר א קניקסען). גריסט אייער עהרליכען תכשיט נאטאן מאיסע־יעווימש. מיר וועלען זיך נאך אמאל בעגעגענען מיט איהם!... און איהר ווארפט זיך נאר נים אזוי מיט „מענטשען", מאדאם, ווארום „מענטשען" זענען אויך מענטשען, טשארט וואס פאבערי!...

מ א ד א ם ג א ל ד (פופעט מיט די פיס). דניאל! וואס שטעהסט דו, ווי א לעהמענער גולם? ווארף זי ארויס! ווארף זיי אלעמען ארויס! אלעמען! אלע „מענטשען"! אין דער ערד אריין!

אין דער ערד אריין די „מענטשען“. איהר מאכט מיר א תל פון מיין שטוב! איהר פארפאסקודיגט מיר מיין שטוב!!!...

ד נ י א ל (אראפ צום טיש, האפט ארויס דאס געלד פון טישקעסטעל מיט די פאפיערען מיט די ביכלעך, טהוט דאס א ווארף דער מאדאם צו די פיס איינאיינעם מיט'ן בינטעל שליסלען, פערשפיעלט זיך פון אויבען ביז אראפ). גענוג! גענוג האב איך געשוויגען, פארברענט זאל דאס ווערען! (צו די דיענסטען הויך). איהר מאכט זיי א תל פון זייער שטוב! איהר פארפאסקודיגט זיי די שטוב! מיר, „מענטשען“, פארפאסקודיגען זיי זייער שטוב!... טהוט זיך אן! קומט! קומט אוועק פון דאנען! מיר טארען דא נים זיין! ווער זענען מיר? וואס זענען מיר? מיר זענען ערגער פון ערגער! מיר זענען גארנים! מיר זענען דער רוח ווייסט וואס! מיר זענען „מענטשען“! „מענטשען“ זענען מיר! (אויסער זיך, די אויגען אנגעגאסען, שרייעט הויך). מענטשען! מענטשען!...

(פ א ר ה א נ ג).

דאָס גרויסע געווינס. אַ פאָלקס־
שפּיעל אין פיער אַקטען.

געשריבען אין יאהר 1915

די פארשוינען:

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר . א שנײדער בן שנײדער, א מענש אין די מיטעלע יאהרען, מיט א קול נגינה.

ע ט י - מ ע נ י . זײן װײב. א טשיקאװע אידינע.

ב י י ל ק ע . זײער טעכטערעל. א מײדעל א פארשױן.

מ א ט ע ל ק א ס א י .
ק א פ ע ל פ א ל ב א ן .
} שנײדעריונגען. משעפקע בחורים.

א ס ק א ר ס א ל א מ א נ א װ י ט ש (רב אשר) פ י י ן .
א איד א נגיד, איין אריסטאקראט, מיט א בײכעל און מיט א ליסינע.

ג ע ר ט ר ו ד א װ ו ל א ד י מ י ר א װ נ א (גאלדע) פ י י ן .
זײן מאדאם. גרין װי גראז.

ס א ל א מ א ן א ס ק א ר א װ י ט ש פ י י ן . זײער זוהנ־דעל. א שענער יונג.

ס א ל ט ו ן . א פריקאזטשיק בײ די פײנס. א בחור א פערזעהעניש.

ס א ל א װ י י ט ש י ק . א מאדערנער שדכן מיט א קאפעליוש.

ג א ל ד ע נ ט א ל ע ר . א דירעקטאר פון א באנק.

ה י מ ע ל פ א ר ב . א בוכהאלטער. א מענטש מיט א צינגעל.

װ י ג ד א ר ט ש ו ק . א געװעזענער מוזיקאנט, א מענש מיט געדאנקען.

ר ו ב י נ ט ש י ק . א געװעזענער פאריקמאכער. זײנער א חבר.

פ ע ר י ל ד י מ י ט נ י ט ש ק ע . א אידינע װאס פערקויפט מעהל און מאהלט װי א מיהל.

מ ע נ ד ע ל ד ע ר ל א ק י י . א געװעזענער משרת, איצט א „לאקיי".

י ו כ ב ד ד י מ ו י ד . א שטובמײדעל, א תאנאריסטע נקבה.

א קצב, אַ באַקאַליישטשיק, גבאים פון תלמוד תורה, העררען און דאַמען, און גלאַט אידען און ווייבער.

אָרט — אַ אידישע שטאָדט אין דער אַלטער היים.

צייט — פאַר דער מלחמה.

ערשטער אקט.

אַ גרויס חדר, אין בעל־מלאכה'שען צושטאַנד מעבלירט. אַ לאַנגער טיש. אויפ'ן טיש אַנגעװאָרפען שניט־סחורה, אַ גרויסע שער מיט אַ קרײדעל. ביי'ם טיש זיצען ביידע יונגען, מאָטעל קאסאָי און קאָפּעל פּאלבאָן, פערטיעפט אין דער אַרביט און זיפצען. ביי'ם פענסטער שטעהט אַ נייה־מאַשין. צוויי טירען: איינע אין דרויסען אַרויס, די אנדערע צו דער קיך צו.

מאטעל קאסאי. אויף גוי'שע קעפּ! וואס זיפצכט דו, קאפּעל?

קאפּעל פּאלבאז. וואס זיפצסט דו, מאטעל? דו מעגסט?

מאטעל קאסאי. לאמיר זיך װעטען, אז איך וויים, וואס דו זיפצסט.

קאפּעל פּאלבאז. אז דו ווייסט, היינט וואס פרעגסט דו? (פּויזע).

מאטעל קאסאי. קאפּעל! אז דו וועסט מיר געבען דאס וואָרט, אז דו וועסט קיינעם ניט דערצעהלען, וועל איך דיר עפּיס זאגען.

קאפּעל פּאלבאז (גיט איהם די האַנד). אט האסט דו מיין האנד.

מאטעל קאסאי (קוקט זיך ארום). קאפּעל! ביז וואנען וועלען מיר זיך שפּיעלען אין בעהעלטעניש? צו־וואס קאמעדיעס? ציים מיר זאלען זיך דורכשמועסען... איין מאל פאר אלע מאל — וואס וועלען מיר דערמיט פּועל'ען? גארנישט מיט גארנישט. מיר ביידע האבען ליעב איין מיידעל, אז דער רוח נעמט אונז אוועק!

ק א פ ע ל פ א ל ב א ן . דו מיינסט ביילקען? (לאזט אראפ די אויגען).

מ א ט ע ל ק א ס א י . מיר פאר דיין שכל, ליכטיגער פנים! וועמען דען מיין איך — דעם רב'ס טאכטער? פערשטעהסט זיך, אז איך מיין ניט קיין אנדערע, נאר אונזער בעל־הבית'ס טעכטערעל, ביילקען מיין איך... איז דאך ממה־נפשך: אדער איך, אדער דו...ביידע קאנען מיר דאך פאר איין מיידעל ניט חתונה האבען... ווי מיינסט דו, קאפעל?

ק א פ ע ל פ א ל ב א ן . איך מיין, אז ניין.

מ א ט ע ל ק א ס א י . אויף מיר אזא יאהר, וואס פאר א שטיק חכם דו ביזט! וועמען, הייסט דאס, זי האט ליעב, דעם וועט זי נעמען... איז דאס קלאר?

ק א פ ע ל פ א ל ב א ן . קלאר, ווי דער טאג.

מ א ט ע ל ק א ס א י . לעבען זאלסט דו מיר, ביזט קלוג, ווי די וועלט! וואס זשע טהוט מען אבער, קאפעל סערדצע, טאמער האט זי אונז ביידען גלייך ליעב?

ק א פ ע ל פ א ל ב א ן . נו־יא, וואס טהוט מען דעמאלט?

מ א ט ע ל ק א ס א י . אט אזוי האב איך דיך ליעב! דעמאלט איז דא נור איין עצה.

ק א פ ע ל פ א ל ב א ן . דהיינו, וואס פאר איין עצה, מאטעל?

מ א ט ע ל ק א ס א י . מיר'ן ווארפען גורל, ציהען קניפלעך, און ווער ס'וועט ארויסציהען דאס קניפעל — דער וועט זיין דער גליקליכער... האסט דו עס צעקיים? (קאפעל שאקעלט מיט'ן קאפ). אויב אזוי, דארפען מיר זיך ביידע געבען תקיעת־כף, אז וואס מיר האבען אפגעמאכט איז היילינ, און אז מיר דארפען געהן ביידע האנד ביי האנד, זיך העלפען איינס דאס אנדערע אין א גוטס און אנווענדען אלע מיטלען, אז ביילקע זאל זיין אונזערע... דאס הייסט, זי זאל זיין מיינע אדער דיינע! איז דאס געמאכט? געב מיר נור דיין יד! (קאפעל ציהט איהם אויס די האנד). געב אהער די מארדע, לאס

איך דיך האַטש אַ קוש טהון! (זיי צעקושען זיך מיט אַ פּעטען הויכען סמאַצקעדיגען קוש. עס עפענט זיך די דרויסען־טהיר און עס קומט־אַן בײלקע מיט אַ פּעקעל סחורה, ווייס־גרעט. זי לעגט אַוועק דאָס פּעקעל אויפ'ן טיש, טהוט אויס דאָס היטעלע, מאַכט צו־רעכט די האָר, גרייט זיך זעצען צו דער מאַשין).

בײלקע. מאַטעל קאַסאַי! קאַפּעל פּאַלבאַן! וואָס זיצט איהר, ווי די חתנים? פאַר וואָס צענעמט איהר ניט דאָס פּעקעל? (ביידע יונגען טהוען זיך אַ וואָרף צום פּעקעל. ביילקע צעלאַכט זיך).

מאַטעל קאַסאַי (צו ביילקען). ביילקע! מיר האָבען איך געוואָלט עפּיס פרעגען אַ זאַך.

קאַפּעל פּאַלבאַן (זיפצט). יאָ, עפּיס אַ זאַך פרעגען.

בײלקע. ביידע איין זאַך? צי יעדער בעזונדער אַ זאַך?

מאַטעל קאַסאַי. ס'איז אַ'ין זאַך, נאָר עס געהער זיך אַז מיט יעדען בעזונדער... פון אונז ביידען...

קאַפּעל פּאַלבאַן. טאַקי פון אונז ביידען, הייסט עס...

בײלקע (פערשטעלט זיך די אויערען). טראַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ! אַז איהר'ט רעדען ביידע מיט אַמאָל!...

מאַטעל קאַסאַי (צו קאַפּלען). לאָז מיך — איך'ל רעדען.

קאַפּעל פּאַלבאַן (צו מאָטלען). רעד דו, רעד!

מאַטעל קאַסאַי. אוי, ביילקע! וואָס ווייסט איהר?... מיר קלויבען זיך שוין פון לאַנג!...

קאַפּעל פּאַלבאַן (זיפצט). נאָך פון פאַראיאָהרען!...

מאַטעל קאַסאַי (צו קאַפּלען). שלאָג זשע ניט איבער! ממה נפשך — אָדער איך, אָדער דו...

קאַפּעל פּאַלבאַן (צו מאָטלען). נו, רעד, רעד! ווער לאָזט דיך ניט?

מאַטעל קאַסאַי (צו ביילקען). האָבען מיר געוואָלט פריהער אַ שמועס טהון מיט'ן טאַטען...

קאַפּעל פּאַלבאַן. מיט'ן בעל־הבית, הייסט עס...

מאטעל קאסאי (קוקט אויף קאפלען בייז). דערנאך האבען מיר זיך בעטראכט — ניין, ס'טויג ניט: אויף צו פריהער דארפען מיר איבעררעדען מיט אייך...

קאפעל פאלבאן. ווארום מיר ווייסען דאך ניט, ווער פון אונז ביידען...

מאטעל קאסאי (צו קאפלען). וואס זשע האפסט דו ביי מיר פונ'ם מויל?

ביילקע. שא! ווייסט איהר וואס? לאמיר גאר ווארפען גורל, ציהען קניפלעך. (מאכט א קניפעל אין נאז־טיכעל). ווער ס'וועט ארויסציהען דאס קניפעל, דער וועט רעדען.

מאטעל קאסאי. אוי! לעבען זאלט איהר, ביילקע, נשמה טייערע! מיר האבען טאקי נאר־וואס אפגערעדט צווישען אונז ביידע, אז מיר זאלען ציהען קניפלעך...

קאפעל פאלבאן. ניט אויף רעדען — אויף איין אנ־דער זאך...

ביילקע. אויף וואסער זאך?

קאפעל פאלבאן. אז מיר... אז איהר...

מאטעל קאסאי. א ביסעל א לשון! (קרימט איהם איבער). אז מיר... אז איהר!... אט וועל איך...

קאפעל פאלבאן. נו, זאג דו, זאג!

מאטעל קאסאי. איז געבליבען ביי אונז אפגעמאכט: אזוי ווי מיר ווייסען ניט ווער, דאס הייסט, וועמען, איך מיין, ווער וועמען... זאלען מיר אויף צו פריהער ווארפען גורל, ווער ס'וועט ארויסציהען דאס קניפעל, דער לאז אייך... מיין איך, דעם זאלט איהר... טפו — אז ער לאזט ניט רעדען!

ביילקע. הא־הא־הא! (עס עפענט זיך די דרויסען־טהיר און עס קאטשעט זיך אריין עטי־מעני מיט א גרויסען קאשעק, אנגעלאדען מיט כל המינים גרינס פונ'ם מארק. די יונגען טהוען זיך א ווארף צו דער ארבייט. ביילקע — צו דער מאשין).

ע ט י ־ מ ע נ י. דער טאַטע נאָך ניטאָ? (נעמט זיך צום קאַשעק, לעדיגט איהם אויס). אַ יקרות געוואָרען אויף קנאַבעל — זאָל גאָט היטען! אַ שטיקעל גליק חאַטש, וואָס ציבעלעס איז וואָלוועל. און רעד מיט איהם, זאָגט ער — דוקא קנאַבעל! אָט איז ער, דער ברויטגעבער, מע זאָל דערמאָנען משיח׳ן! (עס קומט אַן ש י מ ע ל ע ס אַ ר אָ ק ע ר מיט אַ מאָדנעם גרויסען קאַשקעט אויפ׳ן קאָפּ און מיט איין אַלטער געלער ריפּסענער קאַפּאָטע. ווי ער קומט אריין וואַרפט ער אראָפּ די קאַפּאָטע, בלייבט מיט די ווייסע אַרבעל, און אַ ציצה פון טלית־קטן קוקט אַרויס פון אַ לייבעל, וואָס שפּיעלט אַ ראָלע פון אַ זשילעט, מיט גרויסע קעשענים און מיט נאָדלען אין דער רעכטער לאַץ. אין באָרד זעהט זיך אַ ווייסער פאָדים. איבער׳ן האַלז הענגט ביי איהם אַ לאַנגע סאַנטימעטער־מאָס, אויף דער נאָז טהוט ער אָן אַ פּאָר ברילען, אויפ׳ן קאָפּ — אַ יאַרמעלקע, וואָס מע זעהט זי קוים אַרויס פון די געדיכטע האָר, און ער נעמט זיך גלייך צו דער שער, מאָהלט פריהער מיט׳ן קרויד־על אויף דער שוואַרצער מאַטעריע, וואָס ליגט גרייט אויפ׳ן טיש).

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר (שנײַדענדיג, זינגט ער אונטער דער נאָז). עמך — אונזער פאָלק, שער און אייזען — עמך!... (צום ווייב). וואָס האָסט דו געזאָגט — משיח?...

ע ט י ־ מ ע נ י (געבראַכט פון קיך אַ פּאָר טעלער, זעצט זיך אַוועק אַן אַ זייט, שיילט קאַרטאָפלים). איך זאָג, מע זאָל דערמאָנען משיח׳ן. מע האָט גערעדט פון קנאַבעל, ביזט דו אַנגעקומען.

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר (צייכענט מיט׳ן קרוידעל). אַ סמיכות הפרשה! דערימאָך געהען קאָטשקעס באָרוויס און גענז אָהן פּלודערען... (די טאָכטער און די יונגען לאַכען).

ע ט י ־ מ ע נ י (בעלעדיגט). ער דרשנ׳ט, און זיי קוועלען אַז. טאָמער ווייסט דו, וואָס איז דער נגלענדער?

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר. וואָס זשע? אַז מע רעדט פון קנאָבעל, דערימאָך איז וואָס?

עטי־מעני. זאג איך, אז קנאבעל איז מיט נאלד גלייך, און דו האסט אקוראט ליעב קנאבעל...

שימעלע סאראקער. דעריבער דארף קומען משיח? (קלאפט אין טיש). וואו איז מיין שער? (געפינט די שער). די שער איז דא! (ער נעמט זיך מיט דער שער שניידען איבער די צייכענס, זאפט אראפ אלע מינוט די פאפיערענע מאס פון האלז, זינגט בעת מעשה א ליעדעל. ביידע יונגען און די טאכטער האלטען אונטער).

עטי־מעני (זיפצט). אט באלד וועט קומען א זאקיציע— דער שענער פריקאזטשיק פונ'ם שענעם בעל־הבית'על, א חלירע זאל קומען אויף זיין קאפ און אויפ'ן בעל־הבית'ס הענט און פיס, און אויפ'ן בעל־הבית'ס זוהנדעל אויך אביסעל!... (ביידע יונגען לאכען).

שימעלע סאראקער. וואס האסט דו צום בעל־הבית? וואס איז ער שולדיג, אז ער האט א דירה און מיר זיצען אין איהר? (צו די יונגען, וועלכע לאכען). טאמער וואלט איהר זיך גענומען בעסער צו די אייזענס? עס קומט באלד צוגעהן דעם בעל־הבית'ס זוהנדעל געבען א מעסט־אן דעם גארניטער... (די יונגען טהוען זיך א נעם צו די אייזענס). איך האב איהם צוגעזאגט אויף היינט, בעדארף מען האלטען ווארט. שימעלע סאראקער איז ניט פון יענע בעל־מלאכות, וואס קאטארע שער און אייזען אונזער פאלק עמך... (עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין סאלאמאן פיין, א גלאטער, א ריינער, איין אויסגעפוצטער פון קאפ ביז פיס, ווי א ליאלקע. שימעלע סאראקער בעגעגענט איהם מיט א שמייכעל). מע זאל דערמאנען משיח'ן... נאר וואס גערעדט פון אייך.

סאלאמאן (העכער האלב גערעדט אויף רוסיש). ניעאוזשעלי? (קוקט אויף ביילקען). פאקראיניי מיעריע, צו גוטען?

עטי־מעני. וואס זשע, צו בייזען וועט מען אייך חלילה דערמאנען? וואס האבען מיר צו אייך?

ס א ל א מ א ן (צו דער שניידעריןֹ). אמשען ראד! (צום שניידער). און וואס הערט זיך, דראגאי סאסיעד, ווענגען מיין ליעטני קאסטיום?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. אייער זומערדיגער קאסטיום? הלואי וואלט איך שוין אזוי זיין באוואהרענט מיט דירה־געלד צאהלען אייער פאפאשע, ווי איהר זענט באוואהרענט מיט א זומערדיגען גארניטער.

ע ט י ־ מ ע נ י (צום מאן). טאמער וואלסט דו איהם טאקי גע׳דבר׳ט, אז ער זאל דבר׳ען זיין אבי, אז דער אבי זאל דבר׳ן דעם שענעם פריקאזטשיק, ער זאל אזוי גוט זיין נישט דעקוטשען מיט׳ן דירה־געלד?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (נעמט אראפ פונ׳ם פלעקעל א זומערדיגען, נאך ניט קיין פערענדיגטען אנצוג. צום ווייב). הערסט דאך, אז ער איז מבין כל דבור!... (ער מעסט אן אויף סאלאמאנען דעם ווייסען פידזשאק). אויף מיר אזא יאהר, ווי עס ליגט אויף אייך אויסגעגאסען! איך, אז איך נעם זיך צו א שטיקעל ארבייט, זעה איך, ס׳זאל זיין עמך — שער און אייזען אונזער פאלק! אזא יאהר אויף מיר!

ע ט י ־ מ ע נ י. אמן!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (שפיגעלט זיך אין דעם פידזשאק). כ׳וואלט א בעלן געווען אין דעם גרעסטען קליידער־מאגאזין זאל מען איך דערלאנגען אזא מין שטיקעל ארבייט. נאר ווי לאנג קרענקען זיי! שער און אייזען אונזער פאלק — עמך!

ע ט י ־ מ ע נ י. אמן!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (צום ווייב). ברוך הוא וברוך שמו אמן! ביזט אין שול, להבדיל, וואס דו האסט זיך צע׳אמנ׳ט?

ס א ל א מ א ן. קאגדא זשע?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. ווען איהר׳ט עס האבען פארטיג? הלואי וואלט איך שוין אזוי גיך געווען פארטיג מיט דירה־

נעלד, וואָס איך דאַרף צאַהלען אייער טאַטען, און אייער אופּראַליאַושטשי דעקוטשעט, לאָזט נישט לעבען!... אפשר וואָלט געוועזן אַ סברה, איהר זאָלט אַ רעד טהון מיט אייער פּאַפּאַשע, אַז...

ס אַ ל אָ מ אָ ן (שלאָגט איהם איבער). עטאָ ניע מאַיאַ דיעלאָ...

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר (צום ווייב). ער זאָגט, ער מישט זיך נישט אין זיין טאַטענ'ס געשעפטען.

ס אַ ל אָ מ אָ ן (צום שניידער און צו דער שניידערין. לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פון ביילקען). דאָ סווידאַניאַ.

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר (בעגלייט איהם אַרויס, נייגט זיך). דאַסווידאַניע, פּראַשטשאַיטיע, לאָזט גריסען אייער פּאַפּאַשע, זאָגט איהם, אַז ער זאָל זיין רוהיג — כ'וועל איהם מיט גאָט'ס הילף אין גיכען מסתמא אָפּצאָהלען...

ע ט י ־ מ ע נ י (שרייט איהם נאָך). און נאָך מיט גרויס דאַנק!...

ס אַ ל אַ מ אָ ן (אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, שוין ביי דער טהיר). עטאָ מעניאַ ניע קאַסאַיעטסאַ. (אָפּ. — עס הערשט אַ קורצע אונאַנגענעהמע שטילקייט. יעדער טהוט זיך זיין אַרבייט).

ע ט י ־ מ ע נ י (שיילענדיג די קאַרטאָפלים). דער רוח וואָלט איהם גענומען, ער זאָל זאָגען דאָרטען דעם פּאַפּאַשע אַ גוט וואָרט פאַר אונז!...

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י (פּרעסענדיג). דאָס עפּעלע פּאַלט ניט ווייט פונ'ם בוימעלע...

ק אַ פּ ע ל פ אַ ל ב אַ ן (שפּייעט אויפ'ן פינגער און אויפ'ן פּרעסעל). בורזשוק בלייבט בורזשוק...

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר (לעגט אַוועק די שער. צו די יונגען). בורזשוק? איך וואָלט אַ בעלן געוועזן זעהן, וואָס וואָלט איהר געזאָגט, האַלעדראַנצים, ווען איהר האָט אַ טאַטען רב אשר פּיין, צי וואָלט איהר בעסער געוועזן? גלאַט אין דער וועלט אַריין — בורזשוק! עמך! (צום ווייב). און דו פאַרנעמסט זיך אויך מיט „קריטיקעס", פּעטי־מעטי? (טהוט אַ קוק אַריין צו איהר אין טאָפּ

ארײן). טהוסט, דאכט מיר, אײן אײדעלע ארבײט — שײלסט קאר־טאפלים — טא שײל! דו װײסט דען אײן אנדער מאכל א חוץ קארטאפלים? (זינגט). זונטאג בולבעס! מאנטאג בולבעס! דיענ־סטאג בולבעס!...

עטי־מעני. שטעהט איהם ניט אן! אפשר געבראטענע טײבעלעך מיט מארצעפאנעס? (הערט אויף צו שײלען די קארטאפ־לים, נאר זי בראקט זײ אויף קלײנע שטיקלעך, איבערלעגענדיג פון אײן טאפ אינ׳ם אנדערען).

שימעלע סאראקער. װאס זשע מײנסט דו? אז גאט װיל נאר, קאנען מיר נאך הײנט האבען געבראטענע טײבעלעך מיט מארצעפאנעס... הײנט איז דאך דער צװײטער מאי... הײנט קעהר מען שױן װיסען. (קוקט אויפ׳ן װאנט־זײגער). נישטא נאך קײן צעהן אזײגער. װײטער װאלט איך געשיקט אין באנק ארײן א פרעג טהון, װיפיעל האט אויסגענומען מײן בילעט...

עטי־מעני. חא־חא! װיפיעל ער האט אויסגע־נומען? פריהער װער געװאויר, אויב ער האט עפּיס אויסגענומען. און דערנאך ערשט — „װיפיעל״?

שימעלע סאראקער (שטעלט אן די ברילען אויפ׳ן װײב). אזױ? חכמה מײנע! אז מײן בילעט האט אויסגענומען — דאס פערשפאר איך שױן פרעגען...

עטי־מעני. פון װאנען װײסט דו דאס? עמיצער האט דיר געשריבען א בריװעל?

שימעלע סאראקער (קוקט שפּאטיש דורך די ברילען, װי א מענטש, װאס װײסט עפּיס א סוד). אז איהר זאלט װיסען, װאס פאר א חלום מיר האט זיך הײנטיגע נאכט גע׳חלומ׳ט, װאלט איהר זיך אויפגעהערט צו װערטלען... נאר װאס איז מיט אײך צו רעדען? (צעשפּיליעט דאס ליבעל, װאס זעהט אויס װי א זשילעט, בינדט אויף א אינװעניגסטע קעשעני, נעמט ארויס פון דארטען א פּאַ־טשײלע, װאו עס ליגט אײנגעװיקעלט א געל פּאפּיער, צונױפגעקנאקט און פער־

סמאַלצעווען). אַט וועט איהר הערען, וואָס פאַר אַ חלום עס חלומ'ט זיך שימעלען. (אַלע וואַרפען די אַרבייט, גרייט אויסהערען זיין חלום). איך האָב פיינט פוסטע חלומות! שימעלען אַז עס חלומ'ט זיך אַ חלום, איז דאָ וואָס צו הערען! שער און אייזען אונזער פאָלק עמך... (פּהוט אויס די ברילען). עס חלומ'ט זיך מיר, הערט זשע, אַז איך שטעה מיר אַזוי ביי מיין טיש, ווי איהר זעהט מיך אַטאָ, מיט מיין שער און אייזען, און שנייד מיר צו אַ שטיקעל אַרבייט. אַ געווענטעטענעם „פּרינץ אַלבערט" פון פיער אַכציג איין אַרשין. דער־וויל, אַזוי ווי איך שטעה פאַרטראַכט מיט דער שער אין האַנד, הויב איך אויף די אויגען און טהו אַ קוק, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, — דערזעה איך אַ בוים אין מיטען שטוב...

ב י י ל ק ע. אין מיטען שטוב אַ בוים?

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר. און אויפ'ן בוים וואַכסען רענדלעך...

ב י י ל ק ע. אויפ'ן בוים רענדלעך?

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר. גאָלדענע רענדלעך. רוף איך מיך אָנעט צו דער מאַמע: עטי־מעני, זאָג איך, זעהסט רענדלעך? זאָגט זי: איך זעה. זאָג איך: וואָס זשע שווייגסט דו? זאָגט זי: וואָס זשע זאָל איך טהון? זאָג איך: קריך, זיי מוחל, אַרויף אויפ'ן בוים און טרייסעל, און איך וועל, זאָג איך, קלויבען... זאָגט זי: קריך דו, וואָס עפּיס איך? זאָג איך: וואָס האָסט דו מורא? ס'וועט דיר חלילה אַפּפאַלען? זאָגט זי: לאָז פון מיינע שונאים פאַלען גאַנצע שטיקער...

ע ט י ־ מ ע נ י. ס'אַ ליגען. איך האָב עס ניט געזאָגט!

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר (צום ווייב). בהמה וואָס דו ביזט — ס'איז דאָך אַ חלום! (צו דער טאָכטער). אַט דאָ האָסט דו די קוויטאַנציע... אַז דו וועסט ענדיגען דאָס שטיקעל אַרבייט אויף דער מאַשין, וועסט דו זיך מטריח זיין אין דער באַנק — דו ווייסט דאָך וואו?...

ב י י ל ק ע (ארבייטענדיג). אין דער טשאסנע קאמערטשעסקי?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. טשאסנע קאמערטשעסקי... און ווערסט זיי א ווייז געבען די קוויטאנציע, ניט אוועקגעבען, נאר א ווייז געבען... און א פרעג טהון, וויפיעל האב איך אויסגענומען?

ע ט י - מ ע נ י (טהוענדיג איהר ארבייט). ווידער אמאל „וויפיעל"? — א קאמעדיע מיט איהם!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (אויפגעבראכט). גוטע יאהרען, ווער ס'א מבין אויף קאמעדיעס! אז מיר חלומ'ט זיך א חלום, דערצעהלט זי מיר מעשיות — „א קאמעדיע!"... זי מיינט, איך בין גלאט אויפגעשטאנען אין דער פריה פלוצים פון דער העלער הויט און האב זיך איינגערעדט א לונג און לעבער... איך בין טאקי א שניידער, נאר שכל אויף אויסצונעמען דעם גרויסען געווינס האב איך גלייך מיט'ן גרעסטען נגיד! דאס אליין איז שוין א בריה'-שאפט — האלטען א בילעט עטליבע און צוואנציג יאהר, פגר'ען פאר א גראשען און דעם בילעט א מכה פארקויפען — דאס קאן נאר שימעלע סאראקער, אונזער פאלק שער און אייזען עמך... (פרעסט. זינגט בעת מעשה אונטער דער נאָג עפּיס אַ ניגון. חברה האלטען אונטער. גאך א פויזע צו דער טאכטער). האסט שוין געענדיגט? אצינד קאנסט דו געהן. (גיט איהר איבער די קוויטאנציע פארזיכטיג). זעה נאר, זאלסט חלילה ניט פארלירען די קוויטאנציע — ס'איז געלד! און א סך געלד!... (ביילקע אפּ).

ע ט י - מ ע נ י. שמעון! וויפיעל בעטרעפט דאס?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. וואס?

ע ט י - מ ע נ י. אט דאס גרויסע געווינס, וואס דו זאגסט?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (שטעלט אָן אויף איהר די ברו-לען). און אז איך וועל דיר זאגען, ווערסט דו וויסען? צוויי מאל הונדער טויזענד.

ע ט י - מ ע נ י (דערשראָקען). צוויי מאל טויזענד הונדערט?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. ניט צוויי מאָל טויזענד הונ־דערט, נאָר צוויי מאָל הונדערט טויזענד! אוי, אַט די ווייבער! נאָר אַ באַשרייבונג פון זיי צו מאַכען, אַ קאָמעדיע מיט איהר!

ע ט י ־ מ ע נ י. אזוי? איז שוין גאָר מיט מיר אַ קאָמעדיע?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. וואָס דען? מיט מיר? (עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין ק אַ ל ט ו ן דער פריקאַזטשיק, אַ שוואַרצער יונגערמאַנטשיק, אביסעל אַ סאַטולעוואַטער, אַנגעטהאָן אין גייעס פון קאָפּ ביז די פיס, נאָר אַלסדינג הענגט אויף איהם, ווי אַ זאַק. אַז ער רעדט, שמייכעלט ער און האַפּט זיך אַלע מאָל ביי די לאַנגע ארבעל, קאַטשעט זיי אַרויף. רעדט אַביסעל מיט דער סין און גיך, שלינגט די ווערטער, ניט געקיימט. אויפ'ן קאָפּ איז ביי איהם אַ פּליך, נאָר צו־געדעקט מיט די עטליכע איבערגעבליבענע לאַנגע שוואַרצע גלאַנצענדיגע האָר. כסדר שוויצט ער. שימעלע סאַראַקער צום אַריינגעקומענעם). אַ? מע זאָל דערמאָנען משיח'ן! נאָר־וואָס גערעדט פון אייך.

ק אַ ל ט ו ן. האַטשבי צום גוטען, חע־חע? (קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען).

ע ט י ־ מ ע נ י. וואָס זשע? צו בייזען ווערט מען פון אייך רעדען?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (ווייזט איהם אויף אַ שטוהל). זיצט, פּאַני קאַלטון.

ק אַ ל ט ו ן. אַ דאַנק. איך בין נישט געקומען זיצען, חע־חע. איך בין געקומען פּאַ דיעלו. (קוקט זיך ארום, זוכט עמיצען). איהר ווייסט שוין, מן הסתם, וואָס איך בין געקומען?

ע ט י ־ מ ע נ י (קוקט איהם נאָך, ווי ער זוכט). הלואי וואָלטען מיר אַזוי ניט געוואוסט! ווען מען זוכט איהר, וואָלט איך געוואָלט וויסען — דעם נעכטיגען טאָג?

ק אַ ל ט ו ן (מאַכט זיך ניט הערענדיג). היינט איז שוין דער צווייטער מאַי, חע־חע.

שימעלע סאַראַקער (דורכגעצויגען אַ פאָדעם און אַ לעק דעם פינגער). איך האָב אַ גוטען סימן, אַז היינט איז דער צוויי־טער מאַי, ווארום נעכטען איז געווען די ציהונג. (קוקט אויפ'ן זייגער).

קאַלטון. וואָסער ציהונג? (פערדרויבערט אַ גראָבע ציגאַר).

שימעלע סאַראַקער (פערהוסט זיך פון קאַלטונס ציגאַר). ווי טייער צאָהלט איהר, פּאַני קאַלטון, פאַר אייערע האַלע־װעשקעס?

קאַלטון. ערשטענס, רופט מיך ניט „פּאַני קאַלטון", הע־חע, רופט מיך ביי'ם אמת'ן נאָמען: יעפים פאַנטעלעמאָנאָוויטש— אַזוי רופען מיך אַלע.

שימעלע סאַראַקער. האָט קיין פאַראיבעל ניט, יעפים פאַנטאַלאָנאָוויטש...

קאַלטון. ניט פאַנטאַלאָנאָוויטש, נאָר פאַנטעלעמאָנאָ־וויטש.

שימעלע סאַראַקער. לאָז זיין פאַנטעלעמאָוויטש... אין חלומות גלויבט איהר? צי ניין?

קאַלטון. פאַר וואָס ניט? אָט האָט זיך מיר אַנומעלטען גע'חלום'ט, אַז מע ציהט מיר אַ באַקצאָהן, איז טאַקי געשטאָרבען ביי מיר אַ שוועסטער נאָך פריהער איידער עס האָט זיך מיר גע'־חלום'ט. אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? (קוקט זיך ארום). וואו איז דאָס אייער טאָכטער, וואָס מען זעהט זי ניט? (די יונגען קוקען זיך איבער).

שימעלע סאַראַקער. מיין ביילקע? זי וועט באַלד קומען. (זיפצט). אַי, אַז גאָט זאָל נאָר וועלען, בין איך היינט אַ גביר און שיט אַן אָט אַזאַ היטעל מיט געלד! (ווייזט איהם מיט ביידע הענד). עמך!...

קאַלטון. זעהט איהר, דאָס וואָלט געווען אַ שכל און ס'וואָלט טאַקי געווען, חע־חע, זעהר־זעהר גוט!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (קוקט איהם אָן). וואָס וואָלט געווען די גוטסקייט?

ק אַ ל ט ו ן. וואָלט איהר פאַרשפּאָרט, חע־חע, מיר אָפּלעגען פון איין וואָך אויף דער אַנדערער און פון איין חודש אויפ׳ן אַנדערען. נאָר פון וואַנעט, למשל, ווערט זיך עס ביי אייך נעמען פלוצים אַזאַ גבירה׳שאַפט? אַ רייכער פעטער איז ביי אייך געשטאָרבען אין אַמעריקע? צי וואָס?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (לעגט אַף די ארבייט). ניין! מיין פעטער אין אַמעריקע לעבט נאָך ביז הונדערט צוואַנציג יאָהר! (קוקט אויפ׳ן וואַנד־זייגער). אַט נאָך אַ האַלבע שעה ווועלען מיר ווי־סען... איך האָב, פאַרשטעהט איהר מיך, אַ וויגריזשנע בילעט האָב איך.

ק אַ ל ט ו ן (איבערראַשט). איהר האָט וויגריזשנע בילעטען. האָט איהר, און אַז סע קומט צו דירה־געלד...

ע ט י ־ מ ע נ י. בילעטען? משטיינס געזאָגט — איינעם אַ בילעט! אי דאָס — ליגט ער פאַרזעצט און פאַר׳משכונ׳ט פון מתושלח׳ס יאָהרען... מיינע שונאים מעגען דאָס פאַרמאָגען, וואָס ער האָט אין דעם בילעט!...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. פון דעסטוועגען קאָן אַזאַ בי־לעט אויסנעמען דאָס גרויסע געווינס... קיינער ווייסט ניט ווע־מעס מאָרגען ס׳איז...

ק אַ ל ט ו ן (שטעהט אויף). אויב איהר מיינט דערמיט סלוק׳ען מיר דירה־געלד, האָט איהר אַ טעות, מיין ליעבער שניידער. קיין וויגריזשנע בילעטען געווינען ניט. בלאָטע! דאָס האָבען די קאָנ־טאָרען און די בענק אויסגעטראַכט. גיכער ווערט אויף אייך איינ־פאַלען אַט די סטעלי, זעהט איהר?...

ע ט י מ ע נ י. אַ קאַץ וואַשט זיך, אַ גוטער פריינד בענטשט. פאַלען זאָל אויף מיינע שונאים אַ דונער אין קאָפּ! — האָסט דו געהערט אַביסעל?!...

ק א ל ט ו ן. אידינע! עס רעדט זיך אזוי בדרך משל... מיינע בעלי־בתים האבען אביסעל מעהר ביליעטען, און עס האט נאך פון זיי קיין איינער נישט געוואונען. פון די זאכען פארגעסט. איהר זוכט בעסער איין עצה, וואו קריגט מען דירה־געלד, ווארום איך דארף אייך זאגען, חאטש ס'איז מיר זעהר ניט איינגענעהם, אז (קוקט אויפ'ן זייגער) אין א האלבע שעה ארום קום איך צו אייך מיט'ן סודעבנע פריסטאוו און ווארף אייך ארויס פון דער דירה... (די ווערטער זענען ווי א דונער. אלע טהוען זיך אווארף, בלייבען ווי געלעהמט. קיינער קאן קיין ווארט נישט אויסרעדען, אויסער איין עטי־מעני).

ע ט י ־ מ ע נ י (שטעהט אויף, געהט צו צו קאלטונען). ארויס־ווארפען? מיט'ן פריסטאוו? וואס הייסט עס ארויסווארפען? און נאך מיט פריסטאווס? הפקר פעטרישקע? שמען! וואס שווייגסט דו איהם? איך קאן אליין אויך טרעפען צו די פיינערס! איכ'ל זיי פרעגען, צי ס'איז טאקי א יושר ארויסווארפען שכנים, וואס זיי־צען שוין עטליכע יאהר? איכ'ל זיי...

ק א ל ט ו ן (די הענד אין די קעשענים). האט קיין פאראיבעל ניט, מיין ליעבע אידינע! מיט די פיינערס, ווי איהר זאגט, קעהר זיך עס ניט אן גאר ניט! ס'איז אינגאנצען איבערגעגעבען געווארען צו מיר; דאס האב א י ך איינגעגעבען אויף אייך דעם איסק, און דאס ברענג א י ך צו אייך דעם סודעבנע פריסטאוו, און דאס ווארף א י ך אייך ארויס פון דער דירה, אויב איהר צאהלט מיר נישט אפ חאטש פאר דריי חדשים...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. אזוי? דאס זענט א י ה ר גאר? ווי באלד אזוי, טא געהט זשע מיר אין דער ערד אריין! עמך — אונזער פאלק שער און אייזען עמך! (נעמט איהם אן תינטען פאר'ן קאלנער און טהוט איהם א ווארף ארויס פון דער טהיר. עס דער־הערט זיך דארט א שטארקער קלאפ און א גערעדעריי פ:ן עטליכע קולות. אין א האלבע מינוט ארום קומען אריין ש מ ו א ל ־ י א ס י ד ע ר

קצב, אַ איד אַ גבר, נאָך מיט'ן פאַרטוך פון דער יאַטקע, נאָך איהם משה־וועלוויל דער באַקאַליישטשיק, אויסגעשמירט אין הערינג, און פעריל די מיטניטשקע, אַ אידינע, אויסגעשמירט פון קאָפּ ביז די פיס אין מעהל).

שמואל־יאָסי קצב. ווער האָט דאָס געגעבען אזאַ וואָרף אַרויס דעם שמינדער בגעץ? ער האָט אונז אַלעמען שיער גע'מזיק'ט! אַ גליק, וואָס איך האָב איהם געגעבען אַ שטויס־אָפּ צוריק, אַזוי אַז ער האָט ביי מיר געקליבען די צייהן...

שימעלע סאַראַקער. דאָס האָב איך איהם געוויזען וואו יענע זייט טהיר געפינט זיך... זיצט, רב שמואל־יאָסי! זיצט, רב משה־וועלוויל! וואָס הערט מען עפּיס נייעס אויף דער וועלט?

שמואל־יאָסי קצב. אַ שענעם דאַנק אייך, וואָס איהר בעט אונז זיצען. מיר האָבען אָבער קיין צייט ניט צו זיצען — מיר זענען געקומען נאָך געלט... איהר דאַרפט וויסען, מיין ליעבער חייט, אַז איך האָב אייך שטענדיג געגעבען פלייש, ניט קיין ביינער...

משה־וועלוויל. און איך האָב אייך געגעבען באַקאַליי...

עטי־מעני (צו פערלען). זיצט, פערעל, פאַר וואָס זיצט איהר ניט?

פעריל. אַ דאַנק, שוין גענוג געזעסען. (זעצט זיך אוועק און מאַהלט ווי אַ מיהל). איהר מיינט, איך וואָלט געקומען? מיינע שונאים און אייערע שונאים און אונזערע אַלעמענס שונאים זאָלען אַזוי צייט האָבען אַ שטיקעל ברויט אויפצועסען, ווי איך האָב צייט אַוועקצולאָזען מיין קלייטעל מיט מיין מעהל און געהן מאָנען אַלטע חובות מיט נעכטיגע טעג, אַז סך הכל איז נישטאָ ביי מיר קיינער, אויף וועמען צו איבערלאָזען דאָס קלייטעל אפילו, טאָמער טראָגט אַן דער רוח אַ שוואַרץ יאָהר טאָמער, וואָרום דער זוהן איז ביי די ביכלעך, טאָג ווי נאַכט ביכלעך און ביכלעך, און די טאָכטער איז אין שטוב — אַ שטוב? וואָס שטוב? ווער שטוב? משטיינס געזאָגט, אַ חורבה נים קיין שטוב! דערווייל זעה איך משה־וועלועל געהט,

משה־וועלוועל דער באקאליישטשיק. גוט מארגען — גוט יאהר. וואוהין איז? זאגט ער: צום שניידער, צו שימעלע סאראקער נאך געלט. פרעג איך איהם: ער האט שוין געלט האט ער שוין? זאגט ער: יא...

עטי־מעני (צום באקאליישטשיק). וואס הייסט דאס?

משה־וועלוויל (וויל אנהויבען דערצעהלען). דא איז אזא מעשה: דער שדכן סאלאוויטשיק...

פעריל (לאזט איהם ניט רעדען, מאהלט). ווי באלד אזוי, דארף מען געהן, טראכט איך מיר, ווארום מיר קומט ניט פאר רויכווארג און ניט פאר בריליאנטען. מיר קומט פאר מעהל קומט מיר, און מעהל איז דאס נויטיגסטע פונ'ם נויטיגסטען. אט ליגט א ברויט. (דערזעהט אויף דער פאליצע א האלבען ברויט; זי שטעהט אויף און נעמט דאס ברויט, האלט אין איין מאהלען). דאס ברויט איז פון מיין מעהל געבאקען, מיין גוטס, מיין בלוט, מיין חיות, וואס פערמאג איך דען א חוץ דאס ביסעל מעהל? אז יעדער איינציגער וועט קומען און וועט נעמען ביי מיר מעהל אויף בארג, וואס וועט מיר בלייבען וואס? וואו וועל איך נעמען אויף אפצוצאהלען איז מיהל אריין וואו? ווער וועט מיר אויסהאלטען מיינע קינדער ווער?....

עטי־מעני. שאט! לאזט נאך עמיצען אויסרעדען א ווארט. (צו משה־וועלוועלען). וואס האט איהר עפּיס געזאגט דער שדכן סאלאוויטשיק?

משה־וועלוויל. דער שדכן סאלאוויטשיק האט מיר געזאגט, אז ער האט פאר אייך געלט...

שימעלע סאראקער (צום ווייב). וואס איז דאס פאר א שווארץ יאהר? עמך!

עטי־מעני. מיינע צרות אויף זיין קאפּ!

פעריל. בין איך שוין ניט משוגע בין איך? (עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין סאלאוויטשיק דער שדכן.

אַ איד אין אַ קאַפּעלישעל, אַפּילו איין אָפּגעבאַרעטעס, אַ קורץ ווייטיקעל, האַטש ניט אַזוי ניי, חויזען ברייטע נאָר קורצע, שטיוועל אויסגעדרעהטע).

שימעלע סאַראַקקער. ברוך הבא, אַ איד אַ שדכן! מען זאָל דערמאָנען משיח'ן! נאַר־וואָס, אָבער טאַקי די רגע, האָט מען דאָ גערעדט פון אייך.

סאַלאָוויטשיק. ניעאָר־זשעלי?

עטי־מעני. זאָגט נאָר, פּאַני סאַלאָווייטשיק, וואָס מיר נעאָוושעלי־שמעלי? וואָס האָט איהר דאָס אַרויסגעלאָזט פאַר אַ קלאַנג אין שטאָדט, אַז איהר האָט פאַר אונז געלט?

סאַלאָווייטשיק. אַט אַזוי פיעל געלט! (ווייזט מיטביידע הענד). איהר קאָנט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען — ס'איז טשטאָ ניבוד אָסאָבענע! (מאַכט מיט די פינגער).

שימעלע סאַראַקקער. אודאי אַ שידוך פאַר אונזער טאָכטער? איך קען שוין סאַלאָווייטשיק דעם שדכן אויסגעבונ־דען!... (די שניידער־יונגען קוקען זיך איבער, נעמען זיך צו די פּרעס־אייזענס, זיפצען שטאַרק).

סאַלאָווייטשיק. טשטאָ זאַ וואָפּראָס? נאָר אַלץ הייסט ביי אייך אַ שידוך! דאָס איז טשטאָ ניבוד זאַמעטשאַטעל־נאָ — לאָם איך אַזוי לעבען מיט אייך און מיט אייער ווייב, ווי איך זאָג אייך ניט קיין דבר שקר! איך וועל אייך דערצעהלען וועך דאָס איז, און איהר, אויב ס'איז אייך ניט שטאַרק היים, וועט איהר זיך בעטראַכטען און וועט זיך אָנחאַפּען מיט ביידע הענד! איין חסרון — צופיעל עולם... (צו די פּרעמדע). איזוויניטיע, גאָספּאָדאַ! (דער קצב און דער באָקאַלייטשיק רוקען זיך אָפּ אויף אַ זייט. נאָר פּעריל בלייבט זיצען. סאַלאָווייטשיק געהט צו צו איהר). איזוויניטיע, מאַדאַם! (זי ריהרט זיך ניט).

פּעריל. וואָס מיר איזוויניטיע? ווער מיר מאַדאַם? איהר האָט געבראַכט, זאָגט איהר, געלט דעם שניידער, וואו איז אייער געלט? מיר קומט פאַר מעהל קומט מיר, נישט פאַר בריליאַנטען!

אט דאס ברויט, וואס איהר זעהט, איז פון מיין מעהל געבאקען, מיין גוטס, מיין בלוט, מיין חיות !...

ס א ל א וו י י ט ש י ק (שטופט אוועק פון זיך די מיטניטשקע, וואס הערט ניט אויף צו מאהלען). א מין אנשיקעניש אט די מיטניטשקע — וואזמוטיטעלנא ! (צום בעל הבית). דער חתן, וואס איך פרערלאגאיע אייער טאכטער, איז א מענטש א סאמאסטאיאטעלנע... ער האט א טייערע דאלזשנאסט... ער איז א פאלנע אופראוורליאיושטשע איבער א הויז. אדנים סלאוואם, איהר קענט איהם גאנץ גוט — דאס איז דער אופראווליאיושטשע פון דעם דאזיגען הויז, ק א ל ט ו ן. (ביי די שניידער־יונגען פאלען ארויס די פרעס־אייזענס פון די הענד. עס ווערד א סומאטאכע).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (שפרינגט אזש אונטער). אט דער יעפים פאנטאלאנאוויטש ? אט דער פאסקודניאק, וואס כ׳האב איהם נאר וואס ארויסגעשמיסען פון יענער זייט טהיר, שער און אייזען אונזער פאלק עמך ? ? ?... (עס קומט אן ביילקע).

ב י י ל ק ע (פעררוּיטעלט, קוים וואס זי רעדט). טאטע ! א גוטע בשורה !...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (טהוט זיך א ווארף צו דער טאבטער). הא ? וואס ? וויפיעל ?...

ב י י ל ק ע דאס גרויסע געווינס ! דאס גרעסטע געווינס !

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (נאך צעטומעלט). עטי־מעני ! דו הערסט ?

ע ט י ־ מ ע נ י (א פלעסק מיט די הענד). גאט !...

פ ע ר י ל. וואס איז שוין ווייטער וואס ? א נייער אומגליק ? וועה איז מיר !

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (אויסער זיך). אידען ! גיט מיר אפ מזל טוב — מיין ביליעט האט אויסגענומען ! געוואונען !! דאס גרויסע געווינס !!! דעם גרעסטען פון אלע געווינסען !!! (לאזט זיך לויפען איבער דער שטוב).

פ ע ר י ל. לאזט! לאזט! וואו?

ס א ל א וו י י ט ש י ק (שטופּט אַפּ פּערלען). איזוויניטיע, מאַדאַם! (וויל עפּיס זאָגען. אַלע איבעריגע קוקען זיך איבער אַהן ווערטער, שטוינען. מאַטעל קאַסאַי און קאַפּעל פאַלבאַן האָבען זיך פערשלאָגען אין אַ ווינקעלע, שטעהען בעטריבט, אָהן לשון).

ב י י ל ק ע (נאָך אַלץ אין היטעלע, פריוליך אויפגערעגט). די גאַנצע שטאָדט ווייסט שוין דערפון... דער דירעקטאָר, דער בוכהאַלטער, די פיינט... זיי קומען אַלע באַלד אהער...

ע ט י ־ מ ע נ י (אַ פּלעסק מיט די הענד). אַלע אהער? וועה איז מיר!... (פון גרויס צעטומעלטקייט זעצט זי זיך צו אויף אַ בענקעל, ווישט זיך מיט'ן פאַרטוך דעם שווייס. עס עפענט זיך די טהיר און עס קומען אַריין ה י מ ע ל פ א ר ב דער בוכהאַלטער, נאָך איהם — ג אָ ל ־ ד ע נ ט אַ ל ע ר דער דירעקטאָר).

ה י מ ע ל פ א ר ב. וואו איז דאָ דער שניידער?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (טרעט אַרוים מיט גדלות). דער שניידער — דאַס בין איך.

ה י מ ע ל פ א ר ב (בעטראַכט דעם שטוינענדען עולם. צום שניידער). איהר ווייסט שוין? אייער ביליעט, וואָס אין אונזער באַנק, האָט אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס. אונזער באַנק, די טשאַסט־נע קאָמערטשעסקי, איז די גליקליכסטע באַנק אין דער וועלט. שוין דאָס פיערטע מאָל, אַז אין אונזער באַנק געווינט מען. יעדער, וועך עס קויפט ביי אונז אַ ביליעט, האָט אַ שאַנס צו געווינען. אָט שטעהט דער דירעקטאָר, דער הערר גאָלדענטאַלער אליין, טאָמער גלויבט איהר ניט.

ג אָ ל ד ע נ ט אַ ל ע ר (קוקט אויף אַלעמען. צום שניידער). איהר זענט דאָס דער... דער... סאראקער? איהר ווייסט שוין? (דריקט איהם די האַנד). מזל טוב אייך, מזל טוב!

פ ע ר י ל (פריתער צום באַנקיר, דערנאָך צו די איבעריגע געסט). אידישע קינדער, איך בעט אייך, וואָס איז דאָ געשעהן? וואָס

פאר אַ מזל טוב? ווער איז דאַ געלעגען געוואָרען? צי חתונה געהאַט? צי אַ קנס־מאָל? צי וואָס?

ס אַ ל אָ ו ו י ט ש י ק (שטופּט אָפּ פּערלען). איזוויניטיע, מאַדאַם! (דריקט דעם שניידער די האַנד). פּאָזדראַווליאַיו! (כאַפּט זיך אַרום מיט איהם קושען).

ק אַ ל ט ו ן (לויפט אַריין ניט טוידט, ניט לעבעדיג). האַ? וואָס? טאַקי איין אמת? וואָס האָב איך געזאָגט? האָט איהר זיך בעדאַרפט אָפּעסען דאָס האַרץ?!! איהר קאָנט דאַ זיצען און זיצען... אַט איז דער בעל הבית אַליין אויך דאַ... (עס קומט אָן ר ב א ש ר פ י י ן. קאַלטון טרעט אָפּ אויף אַ זייט, פּערלירט דעם לשון).

ר ב א ש ר פ י י ן (גיט די האַנד דעם דירעקטאָר, ווייטער קיינעם ניט. רעדט מיט איהם צוויי ווערטער, ווענדט זיך צום שניידער פון דער ווייטען). מזל טוב איך, הערר סאַראַקער! איך בין זעהר צופריעדען, זעהר צופריעדען, וואָס ביי מיר אין מיין שטוב האָט איך בעגליקט... (עס קומט אָן סאָלאָמאָן. צום זוהן). דו הערסט, ס׳איז דאָך טאַקי איין אמת!...

ס אַ ל אָ מ אָ ן. סקאָלקאָ? דוויעסטי טיסיאַטש?... (די אויגען בלישטשען. צום שניידער פון דער ווייטען, זוכט מיט די אויגען דעם שניידער׳ס טאָכטער). פּאָזדראַווליאַיו! פּאָזדראַווליאַיו! (צו ביילקען, שאַרט עלעגאַנט מיט׳ן פיסעל). אָסאָבענע בין איך גליקליך פאַר איך. אָטשען ראַד, אָטשען סטשאַסטליוו, מאַדמואַזעל סאַראַקין...

ב י י ל ק ע (נאָך אַלץ פערדרויטעלט, מיט אַ שמייכעל). ערשטענס, ניט סאַראַקין, נאָר סאַראַקער, און צווייטענס, וואָס איז דאַ אַזוי אויף א י י ך פאַר אַ גדולה?

ס אַ ל אָ מ אָ ן. ווייל, פּאָנימאַיעטיע לי... (וויל עפּיס זאָגען, קוקט זיך אום און דערזעהט אויף זיך אָנגעשטעלט צוויי פּאָר אויגען פון די שניידער־יונגען. די יונגען טרעטען־אָפּ אָן אַ זייט, רעדען שטיל צווישען זיך).

מ א ט ע ל ק א ס א י. נו, קאפעל, וואס זאגסט דו אצינד?

ק א פּ ע ל פ א ל ב א ן. וואס זאל איך זאגן? באשערט א מענטשען מיט א מאל ווערען א... א... בורזשוק! א מיליאנטשיק!

מ א ט ע ל ק א ס א י. איך פארגין דאס זיי מיט'ן גאנצען הארצען. וואס וועט אבער איצט זיין מיט א ו נ ז?

ק א פּ ע ל פ א ל ב א ן. וואס ווילסט דו, ס'זאל זיין?

מ א ט ע ל ק א ס א י (קוקט איהם אן א ווײלע). ביזט דו דאך טאקי א בהמה בצורת פערד!...

ר ב א ש ר פ י י ן (צום שניידער). אפשר דארפט איהר געלט? (נעמט זיך צו דער קעשעני).

ח י מ ע ל פ א ר ב (שפּרינגט צו). געלט? ניין! פאזוואלטי! געלט — ביי אונז אין באנק. (צום שניידער). איהר האט א קאנטא ביי אונז, קאנטאקורענט... (קוקט אויפ'ן דירעקטאר).

(די פאלגענדע רעדען אלע אינאיינעם).

ש מ ו א ל - י א ס י ק צ ב (צו דער שניידערין). איז וויפיעל זאל איך איך שיקען פלייש?

מ ש ה - ו ו ע ל ו ו י ל ב א ק א ל י ש ט ש י ק. דאס איז יא — „אז גאט גיט מיט'ן לעפעל, געבען לייטע מיט'ן שעפעל“...

פ ע י ל (דערהערט, מע רעדט פון געלד, שלאגט זי זיך צו צו רב אשר פיין, דערנאך צום דירעקטאר). אזוי? מע צאהלט געלט? אויף געלט בין איך פארהאנד — איך בין איין אלמנה. מיר קומט פאר מעהל, און מעהל איז דאס נויטיגסטע פונ'ם נויטיגסטען! (צעהלט אויף די פינגער). איין מאל א רובעל מיט צוואנציג פאר ראזעווע מעהל, און פינף און זעכציג קאפּיקעס פאר קארענע מעהל, און נאך א מאל פינף און זעכציג, און ווידער פינף און זעכציג...

ס א ל א ו ו י י ט ש י ק (שלעפט זי אפּ). איזווינימיע, מאדאם! (דערזעהט סאלאמאנען נעבען ביילקען. צום שניידער). פאסלושאיטע — האב איך פאר אייך א אידעיע, גאר א שפּאגעל-נייע אידעיע, אבער

טשטאָ ניבוד אָסאָבענע, איך זאָל אַזוי לעבען מיט אייך און מיט אייער ווייב!...

שימעלע סאָראַקער (ווי צעדולט, לויפט אַרום פון אויבען צום אַנדערען. שרייט איבער אַלעמען). וואַרט נאָר אויסעט אַ ווײַלע! איך וועל אייך, איך וועל אייך אַלעמען בעווייזען, ווער איז שימעלע סאָראַקער און וואָס שימעלע סאָראַקער קאָן, און וואָס בעדייט שער און אייזען אונזער פאַלק עמך! (צום ווייב). נו, עטי־מעני, וואָס זאָגסט דו, אַז מיר חלומ'ט זיך אַ חלום?

עטי־מעני. וואָס דען? ביזט עפּיס אַ יונגעלע?

שימעלע סאָראַקער (טהוט אויס די ברילען. צו דער טאָכטער). קינדערלעך מיינע!... (צענעמט די הענד, קושט זיך מיט איהר, צעווײַנט זיך. — לאַנגזאַם פאַלט דער פאָרהאַנג).

ענדע פון ערשטען אַקט.

צווייטער אקט.

א גרויס חדר, א מין קאבינעט. האפט דעם אנבליק פון א מעך־בעל מאגאזין. וואס פאר סארט מעבעל ס'איז דא אויף דער וועלט — געפינט זיך דא. אלסדינג איז נייע, אלסדינג גלאנצט. דער בעל־הבית, שימעלע סאראקער, געהט אנגע־טהאן ניי און עלעגאנט: א זיידענער חאלאט, נאר־וואס פון דער נאדעל ארויס, א פיעלפארביגע סאמעטענע זשילעט מיט גאלדענע קנעפלעך. אלץ איז ניי, פריש געפרעסט. דאס חעמד שעמערירט. דאס בערדעל איז שטארק ארומגעשוירען. גאלדע־נע ברילען. אהן א היטעל. קוים צו דערקענען דעם פריהערי־גען שניידער. זיין ווייב, עטי־מעני — איינגעטונקען אין זייד און אין סאמעט, ארומגעניהט מיט די בעסטע שפי־צען־ארבייט. אויפ'ן האלז פערעל, אין די אויהערען גרויסע דימענטענע אויהרינגלעך, אויף אלע אכט פינגער בלישטשען פינגערלעך. — ער האלט א ביכעל, שאקעלט זיך און לייענט, ווייזט אויס, מיט גרויס אינטערעס. זי זיצט גלאט אזוי און שפיגעלט זיך אין איהר ציערונג.

עטי־מעני (צום מאן מיט א ניגון). שמעון! שמעון? (ער הערט ניט. נאך א מאל מיט'ן אייגענעם ניגון, נאר א ביסעל העכער). שמעון! שמעון?

שימעלע סאראקער (אפגעריסען זיך פונ'ם בוך, מאכט איהר נאך מיט'ן אייגענעם ניגון, וואס זי). „שמעון! שמעון?" סעמיאן מאקארעוויטש, ניט שמעון!

עטי־מעני. סעמיאן מאקארעוויטש, וויפיעל איז אויף דיין גילדענעם זייגער?

שימעלע סאראקער (נעמט ארויס א גאלדענעם זייגער). דריי פערטעל אויף עלף. וואס איז דען?

עטי־מעני. גאר־ניט, גלאט אזוי. פאר דריי וואכען אין דער צייט האבען מיר נאך ניט געוואוסט, אז אונזער בילעט וועט

אויסנעמען דאס גרויסע געווינס... (קנאַקט אויס די פינגער יעדען בעזונדער, שפּיגעלט זיך אין די בריליאַנטען. — פּויזע). שמעון! שמעון?

שימעלע סאַראַקער (דרעהט אויס דעם קאָפּ צו איהר). ווידער אַ מאָל שמעון? קאַצענער מח! וויפיעל מאָל אַ טאָג בעדאַרף מען דיר קלאַפּען אין קאָפּ אריין „סעמיאָן מאַקאַרעוויטש“! „סעמיאָן מאַקאַרעוויטש“! „סעמיאָן מאַקאַרעוויטש“!?

עטי־מעני. האָב קיין פּאַראיבעל ניט, סעמיאָן מאַקאַ־רעוויטש, וואָס טהוסט דו דאָרטען?

שימעלע סאַראַקער. זעהסט דאָך, וואָס איך טהו — איך לייען. (קאָן ניט אָפּרייסען זיך פונ'ם בוך).

עטי־מעני. איך זעה, אַז דו לייענסט. איך פרעג: וואָס דו לייענסט?

שימעלע סאַראַקער. און אַז איך וועל דיר זאָגען, וועסט דו וויסען? איך לייען אַ געשיכטע לייען איך.

עטי־מעני. וואָס פאַר אַ געשיכטע לייענסט דו?

שימעלע סאַראַקער. ניט קיין געשיכטע, נאָר אַזוי אַ באַשרייבונג, אַ... אַ... אַ קריטיקע — און טשעפּע זיך אָפּ! (שאָ־קעלט זיך און לייענט ווייטער).

עטי־מעני. ביזט אָפּנים, אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט? (פּויזע). ווערליג דו ביזט אין כעס. האָב איך מורא, אַז דו לייענסט און ווייסט ניט, וואָס דו לייענסט.

שימעלע סאַראַקער (האַלט נאָך אַלץ אין שאָקלען זיך). מאַהל דיר, לאָז זיך דיר דאַכטען, אַז איך וויים שוין דוקא יא, וואָס איך לייען. איך לייען אַ קריטיקע פון איינעם אַ לץ, וואָס מאַכט חוזק פון דער גאַנצער וועלט. און הייסען הייסט ער שלום עליכם.

עטי־מעני. עליכם שלום!... אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו טהון, איז דאָס אויך איין ארבייט! וואָס האָט ער צו דער וועלט?

שׁ י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. צו דער וועלט האָט ער גאָר ניט. נאָר ער באַשרייבט דאָ איינעם אַ שניידער, וואָס איז געווען אַמאָל אַ קבצן אין זיבען פֿאָלעס און איז מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסען, געוואָרען אַ גביר...

ע ט י ־ מ ע נ י. זיין טאַטענ׳ס עסק! נו, און ווייטער וואָס?

שׁ י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. און ווייטער גאַרנישט. לצ׳ע־וועט ער פֿון איהם אָפּ און פֿון זיין ווייב... אַ רעכטער ממזר! איין אמת׳ער עמך!...

ע ט י ־ מ ע נ י. מיינע צרות אויף זיין קאָפּ! וואָס האָט ער צום ווייב?

שׁ י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. ער מאַכט פֿון זיי ביידען אויסצודרעהען. נאָר פֿון איהר, פֿון דער שניידערין, מאַכט ער גאָר אַ לעמעשקע — אַ רוח איהם אין זייט אַריין!

ע ט י ־ מ ע נ י. מאַכען זאָל זיך איהם אַ מכה — טפֿו! איך וואָלט אַזאַ פּאַסקודסטוואָ אין די הענט ניט געהאַלטען... און גלאַט, וואָס איז דאָס פֿאַר איין עובֿדה — אַ איד זעצט זיך אַוועקעט אין מיטען דרינען לייענען אַ ביבעל, גלייך ווי שבת נאָכ׳ן טיש, און שאַקעלט זיך!...

שׁ י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. וואָס זשע? אַז איך וועט שיער ניט משוגע. איך זאָל האָבען עפּיס אַ טהועכץ. געוואָוינט געוואָרען אַרבייטען — עמך!...

ע ט י ־ מ ע נ י. האָסט שוין גענוג געאַרבייט. לאָזען שוין דיינע שונאים אַרבייטען פֿאַר דיר! (פֿויזע). שמעון! טפֿו, מיין איך סעמיאָן מאַקאַראָוויטש! וואוהין געהען מיר היינט אויף דער נאַכט?

שׁ י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. ווילסט אפשר אין טרעיאַטער?

ע ט י ־ מ ע נ י. פֿע, טרעיאַטער! (געהגיצט). סקוטשנע! איך פֿאַרשטעה ניט אַ וואָרט! מע זאָל כאָטשבי וועלען שפּיעלען אויף אידיש! בעסער אין דער „לוזיאַנע“.

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר . אין סינעמאטאגראף מיינסט דו? ווארט אויס, אט וועל איך מאכען דאס געשעפט מיט דער פילם־קאמפאניע, וועלען מיר דעמאלט שוין געהן און געהן אלע נאכט און אהן א גראשען געלט.

ע ט י ־ מ ע נ י (פער׳גנבה׳ט). וועסט ניט זיין ברוגז? וועל איך דיר עפּיס זאגען.

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר . איך ברוגז? א סך מאל בין איך ברוגז? אבי א גלייכע זאך, קאנסט דו זאגען.

ע ט י ־ מ ע נ י . מיר געפעלט ניט די קאמפאניע מיט די צוויי זשוליקעס, וואס דו האסט זיך מיט זיי סקאמפאניעט...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר . דו קענסט זיי דען, וואס דו רופסט זיי זשוליקעס?

ע ט י ־ מ ע נ י . דערפאר וואס איך קען זיי ניט, האב איך מורא, זיי זאלען דיך ניט אפּנארען.

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר . מיך? אפּנארען? בלאטע! ניט מיך נארט מען! איך מאך מיט זיי א גוטען קאנטראקט! זיי זענען ביי מיר גוט פארצוויאקעוועט! צוויי און צוואנציג פונקטען! שער און אייזען אונזער פאלק עמך!...

ע ט י ־ מ ע נ י . צוויי און צוואנציג פונקטען? און אויפ׳ן דריי און צוואנציגסטען וועלען זיי ביי דיר צונעמען דאס געלט, ווי מיט די הענט.

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (שוין אין כעס). בייס דיר אפּ די צונג! בחמה! הער זיך צו וואס דו רעדסט! דו ווייסט דען, וואס דו רעדסט?

ע ט י ־ מ ע נ י . אט דאס איז דאך די מעשה מיט דיר, וואס מע קאן מיט דיר ניט רעדען — באלד ווערסט די אין קאקעס!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (א קלאפּ מיט דער האנד אין טיש). פּעטי־מעטי! ברענג מיך ניט ארויס פון די כלים!! (שטעהט אויף, שפּאנט ארום עטליכע מאל הין און צוריק). דו פארגעסט זיך מיט

ווען דו רעדסט ! דיר מאַכט זיך אויס, אַז דו רעדסט מיט שי־מעלע דעם שניידער... דו פאַרגעסט, אַז איך בין שוין היינט אויס עמך ! אויס אונזער פּאָלק שער און אייזן ! איך בין שוין היינט סעמיאָן מאַקאַראָוויטש סאַראַקער, איינער פון די גרעסטע, אויב ניט דער גרעסטער גביר אין שטאָדט ! ... (גע־ענדיג הין און צוריק גייענדיג איהם אָפּ דער כעס). גאָר, הער, וואָס מע זאָגט אויף מיר... און די מענטשען, וואָס קומען אַריין צו מיר... און די געשעפטען, וואָס מע לעגט מיר פאַר — עמך !

עטי־מעני. ביי מיר ביזט דו דער אייגענער, וואָס דו ביזט געוועזען...

שימעלע סאַראַקער. אָט דאָס איז טאַקי דער אומ־גליק ! וואָלסט געמעגט האָבען כאָטש אַ ביסעלע מעהר דרך־ארץ...

עטי־מעני. אָט באַלד נעם איך אַראָפּ פאַר דיר דאָס היטעל...

שימעלע סאַראַקער (אַ מאַך מיט דער האַנד). וואָס איז מיט דיר צו רעדען ? (פּויזע). וואו איז ערגיץ ביילקע, מיין איך איזאַבעלעטשקע ?

עטי־מעני. אויף וואָס דאַרפסט דו ביילקען ? מיין איך איזאַבעלעטשקען ?

שימעלע סאַראַקער. איך וויל, זי זאָל מיר לייענען די פּאָטשט וויל איך.

עטי־מעני. ווידער אַ מאָל די פּאָטשט ? האָסט שוין ווידער בעקומען אַ פּאָטשט ?

שימעלע סאַראַקער. נאָך אַ מין פּאָטשט ! (ווייזט איהר אויפ'ן שרייבטיש אַ באַרג מיט ניט קיין געעפענטע בריעף).

עטי־מעני. נייטיגע בריוולעך ! אודאי פון אַ אידען, וואָס מע האָט איהם אַרויסגעטריבען פון דאָרף מיט ווייב און קינ־דער און פון איין אַלמנה, וואָס איהר מאַן האָט זיך געהאָנגען איבער

איהר, אָדער גאָר פון אַ מויד, וואָס ס'האָט זיך איהר פאַרוואַלט חתונה האָבען און זי האָט ניט קיין נדן...

שימעלע סאַראַקער. נו, וואָס זשע מיינסט דו? איז טאַקי אַ רחמנות אויף איהר, אויף דער דאָזיגער מויד.

עטי־מעני. בעדאַרפסט דו, הייסט עס, בעוואָהרענען די גאַנצע וועלט?

שימעלע סאַראַקער. אויף וויפיעל איך קאָן.

עטי־מעני. אַט צוליעב דעם טאַקי האָט דיר גאָט געגעבען דאָס גרויס געווינס?

שימעלע סאַראַקער. צוליב וואָס דען? צוליעב דעם, מיר זאָלען עסען קאַשע מיט יוך?

עטי־מעני. אויף וויפיעל זשע וועט דאָס דיר קלעקען?

שימעלע סאַראַקער (שוין גאָר ווייך). נאַרעלע, דאָס געשעפט מיט דער פילם־קאָמפּאַניע וועט טראָגען אויף אַלסדינג. די גאַנצע שטאָדט איז מיר מקנא. ס'אַ סברה גאָר, אַז סע שמעקט מיט אַ האַלבען מיליון... נאָר וואָס פאַרשטעהסט דו אין די מיליאָנען? עמך!...

עטי־מעני. גוט איז דיר, אַז דו פאַרשטעהסט, וואָרום דו ביזט דאָך אויסגעוואַכסען אין מיליאָנען!

שימעלע סאַראַקער. פון דעסטוועגען, אַט זעהסט דו דאָך... (זעצט זיך אַוועק צוריק אויף זיין אָרט, צעשאָקעלט זיך, קוקט אַריין אינ'ם זעלבען בוך. אין אַ ווײַלע אַרום, שטיל). עטי־מעני! (אין אַ האַלבע מינוט אַרום נאָך אַ מאָל, שוין העכער). עטי־מעני!

עטי־מעני. וואָס פאַר אַ עטי־מעני בין איך דיר? איהם זאָל מען רופען סעמיאָן מאַקאַראָוויטש, און מיך (מאַכט איהם נאָך) — „עטי־מעני!" „עטי־מעני!"...

שימעלע סאַראַקער (געפינט זיך געשלאָגען). וואָס אמת איז אמת. האָב קיין פאַראיבעל ניט, איך האָב גאָר פאַרגעסען, אַז דו הייסט שוין היינט ערנעסטינע יעפימעוונע.

ע ט י ־ מ ע נ י. זאגסט דאך אויף מיר, אז א י ך ביז א קאַצענער מח.

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. זעהר געגרעכט. איך בעט דיך מחילה... ווייסט דו, וואס איך וועל ביי דיר בעטען, ערנעסטינע יעפימעוונע ?

ע ט י ־ מ ע נ י. אשטייגער, וואס וועסט דו ביי מיר בעטען, סעמיאָן מאַקאַראָוויטש ?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (מיט אַ רחמנות־פּנים). אַ ביסעל איינגעמאַכטס.

ע ט י ־ מ ע נ י. פלוצים אין מיטען דרינען איינגעמאַכטס ? (שרייעט הויך אויף אַ קול). מויד ! מוי־עד ? (עס עפענט זיך אַ זייטיגע טהיר און עס קומט אַריין י ו כ ב ד ד י מ ו י ד).

י ו כ ב ד ד י מ ו י ד (שטעלט זיך אַוועק. גרוים). מיך רופט איהר ?

ע ט י ־ מ ע נ י. ניין. וועמען דען רוף איך ? דעם רב ?

י ו כ ב ד ד י מ ו י ד. איך האב דען קיין אַנדער נאָמען ניט, א חוץ „מויד“ ?

ע ט י ־ מ ע נ י. און אז „מויד“ — וואס שטעהט דיר דאַ אַזוי ניט אַן ? אַ חסרון, אז מע איז אַ מויד ? (גיט איהר די שליסעלעך). נאַ ! געה נאָר נעם אַ שעלעכעל און ברענג איינגעמאכטס פאר'ן בעל־הבית, פונ'ם אפענעם סלאי, וואס מיט אַ שאַל צוגעדעקט און מיט אַ טיכעל איבערגעבונדען.

י ו כ ב ד ד י מ ו י ד (נעמט די שליסעלעך). וויפיעל זאָל איך ברענגען ?

ע ט י ־ מ ע נ י. האסט געדיענט, זאגסט דו דאך, אין נגיד'ישע הייזער, בעדאַרפסט דו אליין וויסען, וויפיעל אַ נגיד עסט איינגע־מאַכטס.

י ו כ ב ד ד י מ ו י ד. פאַרהאַן אַלערליי נגידים, פאַרהאַן א נגיד, וואס עסט אויפ'ן שפּיץ מעסער, ווי א פייגעלע, און פאַרהאַן,

איך בעט איבער אייער כבוד, נגידים חזירים, וואָס וויפיעל זיי עסען, איז זיי קאַרג.

עטי־מעני. עסען זאָלען דיך שוין ווערעם. אַ ביסעל אַ לשון פון אַ מויד!

יוכבד די מויד (לאָזט זיך געהן מיט די שליסעלעך, שמעלט זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע, צו דער בעל־הבית'טע). מע רופט מיך יוכבד.

עטי־מעני. יוכבד? גוט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. געה אין דער ערד אַריין, יוכבד! (יוכבד די מויד געהט אָפּ. — עטי־מעני צום מאַן). איין עזות פון אַ דיענסטמויד! (שרייעט הויך). מענדעל! מענדעל! (עס קומט אַריין מענדעל דער לאַקיי אין אַ פראַק מיט אַ ווײַסען שניפּס אויף אַ הויכען קאָלנער. די ליפּען זענען ביי איהם שוואַרץ און גראָב און פּעט בעוואַכסען. דעם קאָפּ האַלט ער אַ ביסעל אויף אַ זייט. די הענד טעלעבענדען זיך ביי איהם, ווי אַי־בעריגע).

מענדעל דער לאַקיי (בעלעקט זיך). מיך רופט איהר דאָס?

עטי־מעני. וועמען דען רוף איך? די רביצין? געה נאָר געב אַכטונג, איך האָב געשיקט די מויד נאָך איינגעמאַכטס. זאָל זי זיך ניט צוחאַפּען דאָרט צו שטאַרק, ווי אַ הונגעריגע קאַץ צו דער סמעטענע...

מענדעל דער לאַקיי (לאָזט זיך געהן און קעהרט זיך אום צוריק. רעדט צום בעל־הבית). בעל־הבית! די קנאַקערס וואַרטען דאָרטען אין פאָרעדני.

שימעלע סאַראַקער. וואָסערע קנאַקערס?

מענדעל דער לאַקיי. אָט די צוויי, וואָס פונ'ם טרעיאַטער.

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (לעגט אַוועק דאָס בוך). אַ ? וויגראַרטשוק און רובינטשיק ? מיינע שותפים פון דער פילם־קאָמ־פּאַניע ? פאר וואָס קומען זיי ניט אריין ?

מ ע נ ד ע ל ד ע ר ל א ק י י (אויף די גראָבע ליפּען בעוויזט זיך ביי איהם אַ שמייכעל). דערפאַר, וואָס איך לאָז זיי ניט.

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (פערוואונדערט). וואָס הייסט, דו לאָזט זיי ניט ?

מ ע נ ד ע ל ד ע ר ל א ק י י (גאַנץ ערנסט). אַזוי איז דער איינפיהר ביי די נגידים. אז עמיצער קומט, איז אויב ער געהט אַרעם געקליידעט, גיט מען איהם האַלז און נאַקען און מע וואַרפט איהם אַרויס, און אויב ער געהט שען אָנגעטהאָן, בעדאַרף מען פריי־הער דאַלאַזשען דעם בעל־הבית, און דערנאָך ערשט, אַז דער בעל־הבית הייסט, מע זאָל איהם אַריינלאָזען, לאָזט מען איהם אַריין.

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (שטויגט. צום ווייב). ערנעס־טינע יעפימעוונע! וואָס זאָגסט דו דערויף? עמך!...

ע ט י ־ מ ע נ י (צום מאַן). וויים איך וואָס ! ־־י האָסט זיך אָוועקגעשטעלט אוים'טענה'ן מיט אַ משרת מיצקע דרינען, און די מויד וועט דאַרטען דערווייליע אויפפּרעסען דאָס גאַנצע איינגע־מאַכטס. (צום משרת). געה טהו וואָס מע הייסט דיר !

מ ע נ ד ע ל ד ע ר ל א ק י י (לאָזט זיך געהן, בלייבט שטעהן. צום בעל־הבית). איז וואָס זאָל איך זיי זאָגען ?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. וועמען ?

מ ע נ ד ע ל ד ע ר ל א ק י י. די קנאַקערס.

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. גאַרנישט. שיק זיי אַריין אהערצוצו ! (מענדעל דער לאקיי אָפּ, בעגעגענט זיך אויף דער טהיר מיט יוכבד די מויד, טונקט איין זיין פינגער אינ'ם איינגעמאַכטס און טהוט אַ לעק. יוכבד טהוט איהם אַ זעץ איבער דער האַנד, טראָגט צו דעם בעל־הבית דאָס איינגעמאַכטס און לאָזט זיך געהן, בלייבט שטעהן אַ ווײַלע).

יוכבד די מויד (צו דער בעל־הבית'טע). און ווייטער גאָרנישט ?

עטי־מעני. וואָס נאָך האָסט דו געוואָלט ?

יוכבד די מויד (פויזע). אַז איהר וועט מיך דאָס אַנדערע מאָל בעדאַרפען רופען, זאָלט איהר וויסען, אַז איך הייס יוכבד. (אָפּ).

עטי־מעני (צום מאַן). וואָס איז דאָס פאַר איין אַנשי־קעניש ? דאָס איז עפּיס אַ גאָטס שטראָף, ניט קיין מויד ! . . . (עס עפענט זיך די טהיר און מענדעל דער לאַקיי לאָזט אַריין איינעם נאָכ'ן אַנדערען וויגדאָרטשוקען און רובינטשיקען. און אַליין געהט ער אָפּ. ביידע געהען אָנגעטהאָן גרויסאַרטיג, געגאָלט ווי אַרטיסטען, מיט צילינדערס אין די הענד, טראָגען הענטשקעלעך, גרויס־אַרטיגע שניפּסען).

שימעלע סאַראַקער (שטעהט אויף, נעמט אויף די אַריינגעקומענע זעהר העפליך). ברוך הבא געסט ! האָט איהר שוין געבראַכט מיט זיך דעם איבערגעשריבענעם קאָנטראַקט ? (צום ווייב). ערנעסטינע יעפימעוונע ! הייס געבען נאָך איינגעמאַכטס און אַ ביסעל ווישניק אויף איין וועגס. (עטי־מעני הויבט זיך אויף אָהן חשק און געהט אַליין נאָכ'ן ווישניק מיט'ן פערבייסען. שימעלע צו די יונגע לייט). דעם קאָנטראַקט גיט אהער, ווערען מיר איהם דורכקוקען. (וויגדאָרטשוק נעמט אַרויס אַ פערשריבענעם פּאַפּיער). דאָס הייסט, דורכקוקען וועט איהם מיין טאָכטער. איך בין, ניט פאַר אייך געדאַכט, קורץ אין דער עברי, האָב איך אַ טעכטערעל, האָט מיך גאָט געבענטשט, אַ געראָטענע, איהר קענט זי — איז זי ביי מיר מיין גאַנצער בוכהאַלטער מיט'ן פּריקאַזטשיק מיט'ן שרייבער מיט הכל בכל... לייענט און שרייבט און חשבונ'ט, ווי אַ וואַסער... (טראָגט זיי אונטער אַ זילבערנע פּושקע מיט פּאַפּיראָסען). פאַני רובינטשיק ! פאַני וויגדאָרטשוק ! אַנו, פערזוכט אַקאָרשט פון די דאָזיגע פּאַפּיראָסען ! ס'איז שוין איין מאָל פּאַפּיראָסען, פון די

אמת׳ע עמך!... (ביידע יונגע לייט הויבען זיך אויף, נעמען מיט צוויי פינגער צו פאפיראסען). יא, איז וואו, הייסט דאס, האלטען מיר אין דער הגדה? זאגט מיר, איך בעט אייך, מיין ליעבער וויגדארטשוק און מיין טייערער רובינטשיק, וואס איכ׳ל אייך פרעגען: ווי קומט איהר, צוויי יונגע לייט, — האט קיין פאראיבעל ניט, וואס איך רעד מיט אייך אזוי אפענטליך און פראסט, — ווי קומט איהר צו אזא גאלדענעם עסק, ווי דאס פילם־געשעפט?

וויגדארטשוק. א! אין דעם איז א גאנצע געשיכטע...

רובינטשיק. וואס מע קאן זי דערצעהלען אין דריי ווערטער. מיר זענען, ווי איהר קוקט אונז אן...

וויגדארטשוק (לאזט איהם ניט רעדען). לאז מיך, איך וועל זיי איבערגעבען אין דריי ווערטער. איך און מיין חבר רובינטשיק זענען מענטשען מיט געדאנקען.

רובינטשיק. מיט קאמבינאציעס.

וויגדארטשוק. און מיר האבען פון שטענדיג אן געהאט א שייכות צו טהעאטער. איך, צום ביישפיעל, בין געווען אמאל א מוזיקאנט, און א באריהמטער מוזיקאנט, געשפיעלט אין אלע טהעאטערען. און מיין חבר רובינטשיק איז אויך נישט קיין אבי־וועער — ער האט געהאלטען א פאריקמאכערסקי זאוועדיעניע און פלעגט געהן אין טהעאטער אריין גרעמירען די אקטיארען. איך דארף איהם זאגען אין די אויגען, דעם ממזר, — ער, אז ער פארגרעמירט עמיצען, איז עס נאטור! דערווייל האט זיך געטראפען א מעשה. די צייט איז געווען שלעכט, ניט היינט געדאכט, ניט פאר אייך געדאכט, האב איך מיך בעשטעלט אין טהעאטער־קינעמאטאגראף שפיעלען. איך שפיעל א נאכט, איך שפיעל צוויי, איך שפיעל דריי, איך הויב מיך אן צוקוקען — וואס איז דער שכל פונ׳ם קינעמאטאגראף? לאזט זיך אויס, אז ס׳איז אין דעם קיין שום שכל...

ר ו ב י נ ט ש י ק. ס'אַ געלעכטער!...

ו ו י ג ד אָ ר ט ש ו ק (פערהאַפּט זיך). דאָס הייסט, דער שכל איז אַ גרויסער שכל. נאָר פאַר דעם, וואָס ווייסט דעם שכל, איז דער שכל אויס שכל.

ר ו ב י נ ט ש י ק. גאָלע גאָר ניט!

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר. איך פאַרשטעה ניט — איך בין אַ פּראָסטער עמך! ממה נפשך — אָדער מילכיג, אָדער פליי־שיג! אָדער אַהין, אָדער אַהער! און ביי אייך קומט אויס — אַט אַז ס'איז אַ גרויסער שכל, און אַט איז דאָס אַ געלעכטער, גאָר קיין שכל ניט, — אַזוי אַז איך בין שוין גאָר צעדולט!...

ו ו י ג ד אָ ר ט ש ו ק (צו רובינטשיקען). שולדיג ביזט דו, אַז דו שלאָגסט מיך איבער! איך וועל זיי געבען צו פאַרשטעהן דעם שכל מיט אַ גאַנג...

ר ו ב י נ ט ש י ק. נו, געב זיי צו פאַרשטעהן, ווער לאָזט דיך ניט?

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר. ניין! איהר דאַרפט ווייסען, אַז מיר זענען גרויסע בעלנים דערויף... נאָך אַז איך בין געווען אַ... ניט היינט געדאַכט, אַ פּראָסטער עמך, זענען מיר אַלע וואָך געגאַנ־גען אין דער לוזיאָנע, אַבי ס'איז נאָר געווען פאַר וואָס. און היינט, זינט גאָט האָט מיך בעגליקט מיט'ן גרויסען געווינס, איז כמעט נישטאָ די נאַכט וואָס מיר זאָלען ניט געהן אַהינצוצו. וואָלט איך זעהר וועלען וויסען, ובפרט איצט, אַז איך געה אַריין אין דעם מיט געלט, דעם... דעם... תמצית (מאַכט מיט די פינגער). דעם שכל דער־פון. דאַ מוז דאָך שטעקען עפּיס אַ קונץ, עפּיס... עפּיס... (אַ קנאַק מיט די פינגער). אַ מין עמך!

ו ו י ג ד אָ ר ט ש ו ק. געוויס איז דאַ פאַרהאַן קונץ!

ר ו ב י נ ט ש י ק. און נאָך וואָס פאַר אַ קונץ!

ו ו י ג ד א ר ט ש ו ק (לאזט איהם נישט). לאז זיך דיענען! אט וועל איך זיי געבען צו פארשטעהן די גאנצע זאך אקוראט, זיי זענען א איד מיט פערשטאנד. (רוקט זיך צו צום שניידער). די זאך איז א פּראסטע זאך. האט איהר זיך צוגעקוקט, אז אקעגען דער סצענע, איבער דער טהיר, איז פארהאן א לאמטערנע מיט א רעדעל? איז אויפ'ן רעדעל, וואס סע דרעהט זיך דארט ביי דער לאמטערנע, אנגעצויגען א לענטע פון צעלאלאיד, א לאנגע לענטע. (מאכט מיט די הענד).

ר ו ב י נ ט ש י ק (קוקט דעם חבר אין מויל אריין און שאקעלט צו מיט'ן קאפּ). א פילמע הייסט עס.

ו ו י ג ד א ר ט ש ו ק. איז אויף דער פילמע אפגעפאטאגראפיערט אלע בילדער, וואס איהר זעהט אויפ'ן לייווענט... האט איהר עס צעקייט?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. האט קיין פאראיבעל ניט, ווארט אפּ איין ווײלעטשקע. איך וויל, פארשטעהט איהר, אז מיין אידינע זאל אויך זיין דערביי און זאל אויך וויסען דעם שכל... דרעהט זיך אוים צום ווייב, וועלכע קומט אריין פון צווייטען חדר. נאך איהר געהט נאך מענדעל דער לאקיי מיט א טאץ. אויף דער טאץ — א קאראפין רויטע משקה מיט גלעזלעך. נאך מענדלען געהט נאך יוכבד די מויד אויך מיט א טאץ. דאס אלץ ווערד אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש. מענדעל און יוכבד אפּ).

ע ט י ־ מ ע נ י. אט האט איהר ווישניק, אט שטעהט אייגגעמאכטס. איהר קאנט נעמען, אז איהר ווילט...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. מע וועט נעמען, אם ירצה השם, געווים וועט מען נעמען. (גיסט אן אין די גלעזלעך. ווענדט זיך צום ווייב). ווילסט הערען דעם שכל פון „לוזיאנע“, פאר וואס סע דרעהט זיך און מיר זעהען אלסדינג אויפ'ן לייווענט, וואס אויף דער וועלט טהוט זיך אפּ? זעץ דיך אקארשט צו, וועסט דו עפּים

הערצן. האסט דאך עס ליעב. דו וואלסט דאך דארט געטאנצט און געבענטשט!

עטי־מעני. און דו האסט דאך עס נעבאך פיינט! (זעצט זיך אוועק ביי דער זייט אויף א ווייכער קושעטקע, שפארט זיך אן אויף א זיידען קישעלע מיט אויסגענייהטע קוויטען פון אלערליי פארבען, לעגט צענויף די הענד אזוי, מע זאל ארויסזעהן דאס גאנצע ביסעל ציער־רונג). נו, לאמיר הארכען.

וויגדארטשוק (פלייסט זיך צו זעצען מיט'ן פנים קעגען דער מאדאם, נאר רעדען רעדט ער צום בעל־הבית). איז וואו האלטען מיר?

רובינטשיק. ביי דער פילמע האלטען מיר, ווי אזוי דאס רעדעל דרעהט זיך דארט ביי דער לאמטערנע...

שימעלע סאראקער (צום ווייב). ביי דער טהיר פון אויבען, אקוראט אקעגען דעם לייליך, האסט דו געזעהן א לאמטער־נע? איז דארטען דא א רעדעל און סע דרעהט זיך. (ווייזט מיט די הענד, ווי סע דרעהט זיך. טהוט זיך א נעם צום קאראפין, גיסט אן דריי גלעזלעך. צו די געסט). זאל זיך עס דארטען דרעהען. מיר'ן דערווייל נעמען צו די ליפען... לחיים! לאז גאט געבען, ס'זאל זיין איין מאל פאר אלע מאל עמך!... (טרינקט. די געסט ריהרען זיך צו מיט די ליפען). אצינד שיסט ווייטער!

וויגדארטשוק. אלזא, נאך א מאל אין קורצען. (מאהלט מיט ביידע הענד). דא האט איהר א לייווענט.

רובינטשיק. א געוויינטליכען לייווענט.

וויגדארטשוק. אויף דעם לייווענט איז ניטא גאר־נישט.

רובינטשיק. גאלע גארנישט.

וויגדארטשוק. און אויף יענער זייט לייוועגט איז אויך ניטא גארנישט.

ר ו ב י נ ט ש י ק. אויף גארנישט! (שימעלע סאראקער קוקט אויפ׳ן ווייב איבערראשט).

ע ט י ־ מ ע נ י (גלויבט ניט). דאס וועט איהר שוין דער־צעהלען דער באבע אייערער! וואס הייסט נישטא גארנישט? מיר געהען ניט אין דער „לוזיאנע״? עס קאסט אונז קארג געלט? איין אנדערער וואלט זיך עס געוואונשען איך וויים אליין ניט וואס, — זאגען זיי, אז אויף יענער זייט לייוועגט איז נישטא גארנישט! מיר זענען דאך עפיס נישט קיין קליינע קינדער, וואס מע וועט אונז דערצעהלען בבא־מעשיות!...

ו ו י ג ד א ר ט ש ו ק (מטושטש, שמייכעלט). האט קיין פאר־איבעל ניט, מאדאם, מיר זענען ספעציאליסטען. מיר ארבייטען אין דעם טאג ווי נאכט. מיר האבען דאס געזונט מיט׳ן לעבען אוועקגעלעגט דערויף.

ר ו ב י נ ט ש י ק. ס׳איז אונזער פרנסה!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (צו וויגדארטשוקען). בקיצור, נו! שיסט ווייטער!

ו ו י ג ד א ר ט ש ו ק. אלזא — גארנישט. דער רעכטער עיקר איז דאס רעדעל, וואס דארט אקעגען, ביי דער לאמטערנע. (דרעהט זיך אוים מיט׳ן פנים צוריק, ווייזט מיט דער האנד אויף דער טהיר. אלע דרעהען־זיך אוים צו דער טהיר). דארט, וואו עס דרעהט זיך די לענטע...

ר ו ב י נ ט ש י ק (דרעהט מיט דער האנד). די פילמע הייסט עס... (עס עפענט זיך די טהיר און אין דער מינוט קומט פאר אזא מין סצענע: עטליכע אידען רייסען זיך ארויבצוגעהן, מענדעל דער לאקיי האלט זיי אפ מיט ביידע הענד).

מ ע נ ד ע ל ד ע ר ל א ק י י. האט צייט איין מינוט, ביז איכ׳ל דאלאזשען.

ד י א י ד ע ן (אַלע אינאיינעם). וואָס מיר דאַלאַזשען? וועט מיר דאַלאַזשען? מיר דאַרפֿען האָבען אַ נדבה אויף דער היגער תלמוד־תורה!

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר (שרייט צום לאָקיי). נאַרישער מענדיוק, אַ רוח אין דיין פּאַרענט און מיטען אַריין! וואָס האָסט דו צו די אידען? לאָז זיי אַריין! (מענדעל טרעט אָפּ, נאָר ער בעווייזט די אידען מיט דער האַנד אויפ'ן קאָפּ, זיי זאָלען אויסטהון די היטלען. די אידען קווינקלען זיך, צי זאָלען זיי אויסטהון די היטלען, צי ניט. אַ פּאָר האָבען אויסגעטהאָן, די איבעריגע נאָך ניט. געהען לאַנגזאַם).

ע ט י ־ מ ע נ י (צו די אידען). וואָס'ט איהר זאָגען?

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר. זיצט. איהר קאָנט געהן אין די היטלען. מיר זענען נאָך ניט קיין גויים. מיר זענען נאָך אידען דער־ווייל. (די אידען ווערען אַ ביסעל שטאַרקער ביי זיך, זעצען זיך אַוועק. איינער פֿון זיי, דער גבאי ראשון, ווענדעט זיך צום שניידער).

ג ב אַ י ר אַ ש ו ן. מיר זענען געקומען צו אייך, רב שמעון, אַזוי ווי מיר האָבען געהערט פֿון אייך, אַז זינט גאָט האָט אייך גע־האָלפֿען, הערט איהר ניט אויף צו געבען, זענען מיר די גבאים פֿון דער היגער תלמוד־תורה און מיר דאַרפֿען אַ נדבה דאַרפֿען מיר...

ע ט י ־ מ ע נ י (נעמט זיך צו דער קעשענע. צו די אידען). צו וואָס אַזאַ לאַנגע הקדמה? זאָגט, אַז איהר ווילט אַ נדבה, וועט מען אייך געבען... אויסגאַב וועט זיך געפֿינען ביי אייך?

ד י א י ד ע ן (פּריוויליך. אַלע אינאיינעם). פֿון וויפֿיעל?

ע ט י ־ מ ע נ י (ציהט אַרויס אַ זילבערנע מטבע). פֿון אַ פֿער־ציגער. (די אידען איבעראַשט, קוקען איינער אויפ'ן אַנדערען, בלייבען אָהן לשון).

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר (האַפּט זיך אויף, ווערט אַלערלייי קאָלירען, וויל אויסגיסען זיין צאָרן אויפ'ן ווייב, נאָר ער האַלט זיך איין, רעדט צו די אידען מיט אַ געלעכטער). מיין אידינע האָט נישט איינגעהערט, חאַ־חאַ, אַז איהר זענט די גבאים פֿון דער היגער

תלמוד־תורה. זי האט, אפנים, געמיינט גלאט אזוי א נדבה פאר א אידען... קומט, איך וועל אייך געבען. (נעמט ארויס א קליין שלי־סעלע פון דער זשילעט־קעשעני, געהט־צו צו דער אייזערנער שאפע, פארעט זיך א ווײלע, נעמט ארויס א פעקעל, פיער פינף־און־צוואנציגער, און טראגט עס צו צו די אידען). נאט. אט האט איהר א נדבה און שרייבט אריין אין בוך אריין מיין נאמען, מיין אמת'ען אידישען נאמען — שמעון בר' מאיר סאראקער שענקט פאר דער היגער תלמוד־תורה א הונדערטער. (די אידען שטעהען אויף אלע איבערראשט, דאנקען איהם זעהר. איינער פון זיי געפינט זיך צו זאגען קוים עטליכע ווערטער).

ג ב א י ר א ש ו ן. רב שמעון! מיר זאגען שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה. זינט די היגע תלמוד־תורה איז א תלמוד־תורה, איז דאס דער ערשטער הונדערטער. זאל אייך גאט געבען הונדערט יאהר גליק און הצלחה און אלדאס גוטס — אמן.

ד י א י ד ע ן (אלע). ברכה און הצלחה — אמן. (געזעגע־נען זיך אפ פריינדליך און געהען אפ. די שטימונג איז א געשלאגענע. עטי־מענע פיוערט. שימעלע פיהלט זיך ניט גוט, שפאנט ארום, בלייבט שטעהן).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (צו זיך אליין). יא־יא. א גוואל־דאוונער שכל!... מענטשען טראכטען צו... לענטע... לייוועגט... פילט... און דאס לעבט! דאס ריהרט זיך! עמך! (צו די יונגע לייט). איז וואו האלטען מיר, הייסט דאס? יא, מיר זאלען ניט פערגעסען. ס'איז פארהאן נאך א פונקט, וואס מיין ווייב וועט ניט דורכלאזען בשום אופן! (צום ווייב). ערנעסטינע יעפימעוונע! איך וויל, אז אין קאנטראקט זאל שטעהן בפירוש, אז דו און איך און אונזערע פריינד, למשל, האבען דאס רעכט צו געהן אין וואס פאר א טרעיאטער מיר ווילען, און ווען מיר ווילען, סאי בייטאג, סיי ביינאכט, בחינם, אהן א שום געצאהלטס, הייסט עס.

ע ט י ־ מ ע נ י (פערברעכט די הענד). אַ שענע מעשה! סע שטעהט נאָך גאַרניט אין קאָנטראַקט אפילו?!

וו י ג ד אַ ר ט ש ו ק. מע האָט פערגעסען אריינשטעלען.

ר ו ב י נ ט ש י ק. מאַדאַם! מע האָט גערעדט — איז געגוג.

ע ט י ־ מ ע נ י (לאָזט אוים איהר כעס צו איהם). אזוי זאָגט א י ה ר? און אז ס'וועט קומען צו עפּיס, וועט איהר נאָכדעם זאָגען, איהר ווייסט ניט!... מיר קענען אייערע לייט! מיר זענען אויך מבינים אויף אַ טשאַר!

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר. זאָגסט דו, מע זאָל עס אריינ־שטעלען? איך זאָג אויך — אריינשטעלען. (צו וויגדאַרטשוקען, ווייזט איהם אויפ'ן שרייבטיש). פּאַרקאַטשעט, זייט מוחל, די אַרבעל און שרייבט אריין.

וו י ג ד אַ ר ט ש ו ק (טהוט זיך אַ וואָרף צום שרייבטיש. שרייבט־צו אויפ'ן פּאַפּיער, דערנאָך לייענט ער). „מיר, די אונטערגעשריבענע, געבען־צו נאָך אַ פּונקט, אַז דער הער סאַראַקער, די מאַדאַם סאַראַ־קער, אָדער ווער פון זייער פאַמיליע, האָט דאָס רעכט, סאַי ביי־טאָג, סאַי ביינאַכט, אריינצוקומען און זיצען אין יעדען פון אונ־זערע טהעאַטער־קינעמאַטאָגראַפען בחינם, אַהן געלט". צופריעדען? (שימעלע קוקט אויפ'ן ווייב).

ע ט י ־ מ ע נ י. איך וויל, אַז אין קאָנטראַקט זאָל שטעהן מיין שוועסטער פייגעל אויך.

וו י ג ד אַ ר ט ש ו ק. מאַדאַם! סע שטעהט דאָך „די פאַ־מיליע סאַראַקער"!

ע ט י ־ מ ע נ י. איהר פאַמיליע איז ניט סאַראַקער, איהר פאַמיליע איז ווישקראַבענקאַ.

ר ו ב י נ ט ש י ק. די מאַדאַם זענען גערעכט.

שימעלע סאראקער. ווייבאלד אזוי, טא שטעלט אריין אלע פריינד און באקאנטע...

עטי־מעני (חאפט זיך אויף). באקאנטע? אט האסט דו דיר נאה, טאמער איז קארג! א מכה זיי — זיי זענען נים קראנק צאהלען!

רובינטשיק. די מאדאם זענען פאלקאם געדעכט. (צום חבר). שרייב אריין מאדאם ווישקראבענקא מיט איהרע קינדער.

עטי־מעני. ניין; זי יא, די קינדער נישט. זי האט קינדער — מעג אויף זיי קומען איין אויסחאפעניש! איין שארלאטאן גרעסער פונ'ם אנדערען...

רובינטשיק. די מאדאם זענען פאלשטענדיג גערעכט! שרייב מאדאם ווישקראבענקא — און איין עק.

עטי־מעני. וואסער מאדאם? א שענע מאדאם! נעבאך איין עני'טע, איין אביונ'טע, אז אך און וועה איז איהר! (עס קומט אן ביילקע, אנגעטהאן פראסט ווי אלע מאל).

שימעלע סאראקער. גוט, וואס דו ביזט דא. קום אהער, וועסט דו מיר איבערלייענען דעם קאנטראקט, צי ס'איז אלסדינג דא, וואס מיר האבען נעכטען אפגערעדט? (ביידע יונגע לייט שטעהען אויף, גריסען ביילקען, דערלאנגען איהר דעם קאנטראקט און זעצען זיך צוריק אוועק).

ביילקע. (נעמט דעם קאנטראקט). מעג איך עס לייענען פאר זיך? (זעצט זיך אוועק אין א שטוהל, לייענט פאר זיך).

שימעלע סאראקער (צו די יונגע לייט, שטיל). זי קאן שוין דוקא גוט!... אידיש און רוססיש און דייטש, און וואס איהר ווילט!... (עס קומט אריין מענדעל דער לאקיי מיט א בוקעט).

מענדעל דער לאקיי. צו איזאבעלא סעמיאנאווגא מיט א קארטעל.

ביילקע. צו מיר? (נעמט די בלומען).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (צופריעדען). בלומען? פון וועמען איז?

ב י י ל ק ע (לייענט דאָס קאַרטעל). סאַלאָמאָן אָסקאַראָוויטש פיין. חאַ־חאַ־חאַ!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. וואָס זשע איז דער געלעכטער? (צום לאַקיי). קאָנסט געהן. (מענדעל אָפּ).

ב י י ל ק ע. וואָס זשע? ס'איז ניט קיין געלעכטער? וואָס איז גאָר פלוצים פאַר מתנות — בלומען? וואו איז ער געווען פאַר דריי וואָכען אין דער צייט, געדענקסט? אז מע האָט ביי איהם געבעטען אַ טובה, ער זאָל זאָגען אַ גוט וואָרט צו זיין פאָטער וועגען דירה געלט, האָט ער פערקנייטשט מיט די פּלייצעס (מאַכט איהם נאָך) — „עטאָ דאַ מעניאַ ניע קאַסאַיעטסיאַ!"... (גיט איבער דעם פאָטער די פּאַפּיערען). דער קאָנטראַקט איז געשריבען אזוי, ווי מע האָט גערעדט. (וויזט אויפ'ן פּאַק בריעף, וואָס אויפ'ן טיש). אָט דאָס איז די היינטיגע פּאָטשט? (נעמט די בריעף צו זיך). איך נעם עס צו זיך, דאָרט וועל איך איבערלייענען די פּאָטשט און וועל דיר נאָכדעם איבערגעבען. (פערנייגט זיך צו די יונגע לייט, וועלכע האַפּען זיך אויף מיט אַ טראַסק. — ביילקע אָפּ).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (צו די יונגע לייט). אַ מאָדנע מיידעל ביי מיר!... איין אַנדערע אויף איהר אָרט אין אַזאַ ראַס־קאָש!... ביי אַזאַ עשירות!...

ע ט י ־ מ ע נ י. זאָג חאָטש: קיין עין־הרע ניט!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. אַ קליידעל, אַ בורנוסעל, אַ היטעלע אַ נייעס אַז מע וויל איהר קויפען, קומט־אָן מיט גרינגע ווערעם — זי וויל ניט! וואָס'ט איהר טהון? (ביידע יונגע לייט זעגען נתפּעל). וואָס דאַרפט איהר מעהר, מע רעדט איהר שדוכים — די שענסטע, די גרעסטע — וויל זי ניט הערען, ניט זעהען... שטעלט אייך פאַר — רב אשר פיין האָט איהר געהאָרכט מן הסתם? וויל ער מיט מיר אַ שדוך טהון — ער שטאַרבט! דאָס הייסט, ניט אזוי

ער וויל דעם שדוך, ווי זיין זוהן, און ניט אזוי זיין זוהן, ווי איך וואלט א בעלן געווען זיך משדך זיין מיט אזא אידען ווי פיין, וואס איך בין אמאל געווען זיינער א שכן...

עטי־מעני. זאג חאטש: ניט היינט געדאכט...

שימעלע סאראקער. איז דאך גוט? איא? אז ער וויל, און דער זוהן וויל, און איך וויל אויך, וואלט מען דאך געקאנט ברעכען טעלער און א סוף? — זאגט זי אבער: לא! זי וועט זיך בעטראכטען. (בײדע יונגע לײט זעגען נתפעל. — עס בעװײזט זיך מענדעל דער לאקײ).

מענדעל דער לאקיי (קײעט). דער שלים־מזל איז שוין ווידער דא.

שימעלע סאראקער. וואסער שלים־מזל?

מענדעל דער לאקיי. סאלאוויטשיק דער שדכן.

שימעלע סאראקער. סאלאוויטשיק? וואו איז ער?

מענדעל דער לאקיי. דארט איז ער, אין פערעדני.

שימעלע סאראקער. פאר וואס געהט ער ניט אריין?

מענדעל דער לאקיי. איך האב דאך אייך געזאגט שוין, אז איך בין ניט דאס ערשטע יאהר אין נגידישע הייזער, און ביי די נגידים איז דער איינפיהר, אז...

שימעלע סאראקער. אז מע דארף פריהער דאלא־זשען? נו, האסט דו דאך מיר שוין דאלאזשעט. אצינדערט געה רוף איהם אריין! (מענדעל אפ). אוי, אט די פאראדקעס מיט די צערעמאניעס, הערט איהר, ביי די סטעקראטען, צווישען אונז גע־רעדט, גאט זאל ניט שטראפען פאר די רעד!... (עס עפענט זיך די טהיר ברייט, מענדעל דער לאקיי לאזט אריין סאלאוויטשיקען דעם שדכן, מאכט צו די טהיר, געהט אפ). ברוך הבא, א איד א שדכן! מע זאל דערמאנען משיח'ן. זיצט, פאני סאלאוויטשיק.

ס א ל א ו ו י י ט ש י ק. סארא היץ היינט — טשטא ניבוד אסאבענע! (בעטראכט די יונגע לייט). און ווער זענען אט די אידען? עפּיס זעהר קענטליך! (דערמאנט זיך). א? דאס זענען די דאזיגע? פונ'ם טהעאטער? דאס האט איהר מיט זיי געמאכט דאס געשעפט. וואס די שטאדט קלינגט מיט דעם? (גיט זיי די האנד). וואס זשע מאכט איהר? מע זאגט, אז איהר זשעברעוועט געלט? (ווייזט מיט בײדע הענד).

ו ו י ג ד א ר ט ש ו ק. ע! מע זשעברעוועט געלט! גארנישט, מהכתיתי, מע האט פּרנסה.

ר ו ב י נ ט ש י ק. און מע לעגט אפּ א קערבעל.

ס א ל א ו ו י י ט ש י ק (צום שניידער). וויים איך, וואס הערט איהר זיי! איהר פרעגט מ י ך! ס'איז א גאלדען געשעפט! ס'איז א ברונען, וואס שעפט זיך ניט אויס! מענטשען ווערען נתעשר — זאגען זיי, מע לעגט אפּ א קערבעל! (ביידע יונגע לייט ווערען ברייטער ווי לענגער).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (צום שדכן). זאגט איהר, אז מע וויים שוין אין שטאדט פונ'ם פילם־געשעפט, וואס איך מאך? אפשר ועט איהר פערזוכען אונזער ווישניק? (גיסט איהם אן א גלעזעל).

ס א ל א ו ו י י ט ש י ק. טשטא זא וואפּראס! אלע ווייסען און אלע רעדען און אלע זענען אייך מקנא. (טרינקט אויס און פערבייסט).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. מקנא?

ס א ל א ו ו י י ט ש י ק. איך זאל אזוי לעבען מיט אייך און מיט אייער ווייב! וואס זשע? כ'וועל אויסטראכטען? מע שמועסט גאר, אז איהר ווערד א מיליאנער... הלואי, זאל אייך גאט העלפען! (צו די יונגע לייט). סעמיאן מאקאראוויטש איז א מענטש, וואס האבען ליעב אליין גראב צו פערדיענען, און עס אהרט זיי ניט.

אז יענער פערדיענט אויך. ווי פאני זאגט: ל ע ב ע ן א ו ן ל ע ־ ב ע ן ל א ס ע ן ... (צום שניידער). ס'איז אייך איצטער אוועק דאס גליק, סעמיאן מאקאראוויטש, וועט דאס שוין אייך געהן און געהן, ווי אין פסוק שטעהט: החילות לנפול, נפול תפול...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (צום ווייב). דו הערסט ווערטער? (גיסט איהם אן נאך א גלעזעל).

ע ט י ־ מ ע נ י (קוקט אויפ'ן פלעשעל). איך הער, איך בין ניט טויב! (צום שדכן). וואס הערט זיך בעסער פון י ע נ ע ם גע־שעפט, וואס מ י ר ווייסען?...

ס א ל א ו ו י י ט ש י ק (צו דער שניידערין). וואס זאל זיך הערען, מאדאם? אויף אלע אידישע קינדער געזאגט געווארען! (צום שניידער און צו דער שניידערין). אז סאלאווייטשיקען פאלט איין א אידעע, מעג זיך שוין איבערקעהרען די וועלט, וועט ער זי דורכפיהרען... אט דאס געה איך פון דארטען טאקי, פון די רעס־טאקראטען... א פריאם האב איך געהאט — „מאיא פאטשטעניע", און „סאדיטיעס", און „פאפיראסען", און „לעמאנאד"... מחמת די היטץ איז טרוקען אין מויל — טשטא ניבוד אסאבענע!... (טרינקט אוים א צווייטען מאל, פערבייסט. שימעלע טראגט איהם אונטער די פושקע פאפיראסען).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. הכלל, געהט איהר דאס פון די פיינערס. איז וואו האלט דאס דארטען אין דער ספירה?

ס א ל א ו ו י י ט ש י ק. עס האלט שוין גוט! הלואי וואלט איך שוין אזוי געהאלטען מיט אלע מיינע פארטיעס, וואס איך פיהר... סאלאווייטשיקען, אז עס פאלט איהם איין א אידעע! (פעררויכערט דעם פאפיראס). אויב ס'איז אייך ניט שטארק היים, וועל איך אייך דערצעהלען מיין היינטיגען וויזיט, ווי אזוי איך בין געקומען, און וואס איך האב געזאגט, און וואס זיי האבען גע־זאגט, און וואס איך האב זיי געענטפערט, און וואס זיי האבען מיר

געענטפערט — אונזער גאַנצע ראַזגאַוואָר. (פערקאַטשעט די אַרבעל, איז גרייט צעלעגען אויף טעלערלעך).

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר (האָט נישט קיין געדולד). וואָס טויג מיר, פּאַני סאַלאַווייטשיק, ראַזגאַוואָרען? איהר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ פּראָסטער עמך בין איך, און כ'האָב ליעב אַגיל ואשמח — אויפגעגייהט און אויסגעפּרעסט. איהר זאָגט מיר די לעצטע שורה. דעם רעכטען שפּיץ!

ס אַ ל אַ ו ו י י ט ש י ק. דער רעכטער שפּיץ איז — זיי ווע־לען איך איינלאַדען צו זיך אויף אַ וויזיט. דאָרט וועט זיין די גאַנ־צע ריסטאָקראַטיע... נאָר קודם וועלען זיי זיין ביי איך מיט אַ ווי־זיט, און אפשר נאָך היינט. דאָס קאָן סאַלאַווייטשיק!

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר (צום ווייב). דו הערסט? (שטיל). מע דאַרף צוגרייטען כל המינים פאַרבייסאַכצען... (צום שדכן). זענט איהר זיכער, אַז זיי וועלען דאָ זיין?

ס אַ ל אַ ו ו י י ט ש י ק (פערטרינקט דעם איינגעמאַכטס). אַזוי ווי איך בין זיכער, אַז מע רופט מיך סאַלאַווייטשיק.

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר. און דער „יאַט" אויך מיט זיי?

ס אַ ל אַ ו ו י י ט ש י ק (דאָס לעצטע ביסעל איינגעמאַכטס). טשטאָ זאַ וואָפּראָס?

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר. ער טאַקי, דער אַלטער הייסט עס, האָט איך אַ ל י י ן געזאָגט?

ס אַ ל אַ ו ו י י ט ש י ק. טאַקי ער אַליין, דער אַלטער הייסט עס, האָט דאָס מיר געזאָגט: „מיר'ן זיין, זאָגט ער, ביים הערר סאַראַקער מיט אַ וויזיט, זאָגט ער, אפשר נאָך היינט, — פּאָרט, זאָגט ער, געווען אַ מאָל אונזערער אַ שכן"...

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר. טאַקי מיט דעם לשון? (צום ווייב). געה זעה, ס'זאָל זיין אַלסדינג... (עטי־מעני אַפּ).

ס אַ ל אָ װ י י ט ש י ק. טאַקי מיט דעם לשון און מיט די װערטער — איך זאָל אַזױ לעבען מיט אײַך און מיט אייער װײַב!...
װאָס מיינט איהר — סאַלאָװײטשיק איז עפּיס אַ יונגעלע?... ניש־מעהר, איך האָב מיט אײַך צו רעדען נאָך אַ פּאָר װערטער אױג אױף אויג. (צו די יונגע לײַט). איזװיניטיע!... (נעמט שימעלען אויף אַ זײַט). שלשה דברים — צװײ װערטער. (ביידע שטעהען נאָהענט צו דער ראַמפּע).

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר (צום שדכן). איך װײס פריהער, װאָס איהר װילט מיר זאָגען. איהר װילט רעדען מיט מיר מכח'ן נדן, װיפיעל איך גיב?

ס אַ ל אָ װ י י ט ש י ק (רעדט שטיל). זאָלט איהר מיר געזונט זײַן, װאָס פאַר אַ חכם איהר זענט! און איהר מיינט אודאי, אַז דאָס װילען ז י י װיסען? אָדער דער חתן? באַזשע סאָח־ראַני! גלאַט אַזױ... װײַבאַלד עס האַלט שױן אַזױ נאָהענט, אַט־אַט, איז טאַמער, פּאָנימאַיעטיע, מע טהוט מיך אַ פרעג, זאָל איך ניט בלײַבען שטעהן, װי אַ לעהמענער גולם...

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר. איהר װײסט גאַנץ גוט, זי איז בײַ מיר איינע, און איבער הונדערט און צװאַנציג יאָהר איז עס אינגאַנצען איהרס...

ס אַ ל אָ װ י י ט ש י ק. פון דעסטװעגען, באַלי־מעני?...

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר. פופציג טויזענד ליגט גרייט אין טשאַסנע קאָמערטשעסקי באַנק, דאָס הייסט, ליגען ליגט דאָר־טען דריי מאָל פופציג טויזענד, נאָר פופציג טויזענד — דאָס איז פאַר דער טאָכטער בעזונדער, און אַזױ װי זי איז בײַ מיר איינע, איז איבער הונדערט צװאַנציג יאָהר, אַז מע װעט אַ רוף טהון אַהין, זײַט זשע מוחל, עמך... (ביידע יונגע לײַט הערען זיך צו).

ס אַ ל אָ ו ו י י ט ש י ק (שלאָגט איהם איבער). טשעפּוחאַ! ווער רעדט פון אַזעלכע זאַכען? איהר וועט נאָך, אם ירצה השם, לעבען און לעבען! איהר ד אַ ר פ ט לעבען, ווארום איהר טהוט אַ סך גוטס. מע ווייסט — גוטס לאָזט זיך הערען... סליעדראָוואַטעלנאַ, פּופּציג טויזענד — דאָס איז מזומן?

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר. קלאַפּ און צעהל. ביי מיר איז ניטאַ קיין מאַניפּאַרגעס, פּוסטע דבורים, צוזאָגעכצען. ביי מיר, אַז איך זאָג געבען, גער איך. עס איז, פאַרשטעהט איהר מיך, עמך!...

ס אַ ל אָ ו ו י י ט ש י ק. אָדנים סלאָוואָם — מיר האָבען שוין פון אַלסדינג אָפּגערעדט. סליעדראָוואַטעלנאַ, קאָן איך שוין געהן ווייטער. איך דאַרף נאָך לויפען און לויפען, רעדען און רעדען. זייט מיר געזונד און מאַכט גוטע געשעפטען! פּראַשטשאַיטיע! אם ירצה השם, אין גיכען אויף אַ קנס־מאָל... (צו די צוויי שותפים) אייך ווינש איך צו האַלבע מיליאָן אויף אַ חלק, און אייער שותף — אַ גאַנצען מיליאָן! דאָסווידאַניאַ, פּראַשטשאַיטיע! (אָפּ).

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר (צו די יונגע לייט). האָט קיין פּאַראיבעל ניט — ביי מיר אַ שטוב, קיין עין הרע, אַלע מאָל נייע מענטשען מיט נייע געשעפטען... איצט דאַרף מען זיך אַ נעם טהון צו אונזער אייגענעם געשעפט. (טהוט אָן די ברילען, פערקאַטשעט די אָרבעל, געהט צום טיש). בעדאַרף מען, הייסט עס, טהון אַ דעליקאַטנע אַרבייט — לעגען דעם טאַטען. (שרייבט זיך אונטער אויף'ן פּאַפּיער. נאָך איהם שרייבען זיך אונטער ביידע שותפים). און איצט בעדאַרף מען, הייסט עס, אייך געבען די ממתקים... דאָס ביסעל מינץ... (געהט צו דער אייזערנער קאַסע). דאַרף איך אייך אָבער זאָגען, מייבע ליעבע שותפים, אַז קיין מזומן געלט, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, האָב איך ניט... איין אייזערנע קאַססע האָב איך טאַקי, נאָר אַזעלכע געלטען האַלט איך נישט ביי זיך אין דער היים. דערויף איז דאַ, פאַרשטעהט איהר מיך, אַ באַנק... (עפענט אויף די קאַסע, נעמט אַרויס אַ טשעקבּיכעל). די מששאַסנע קאַמערטשעסקי באַנק. דאַרטען

האלט איך מיין גאנצען קאפיטאל, און ווען איך דארף, און וויפיעל איך בעדארף — שרייב איך אויסעט א טשעק, גיט מען מיר... (לעגט אוועק דאס טשעק־ביכעל אויפ׳ן טיש). נאר וואס דען? אז עס קומט צו שרייבען רוסיש, בין איך קורץ אין דער עברי. דערויף האב איך א טאכטער, איז זי ביי מיר, ווי איהר ווייסט שוין, מיין גאנצער בוכהאלטער. (עס קומט אן עטי־מעני). טהו נאר א רוף אהער ביילקען אויף א מינוטקעלע. זי דארף מיר עפּיס אנשרייבען.

עטי־מעני. איזאבעלעטשקע? מיר דאכט, אז זי איז ניטא אין דערהיים. אט וועל איך געהן א קוק טהון. (געהט אפּ).

שימעלע סאראקער. נישט גוט, הערט איהר, אז מען איז א בלינדער מענטש... אז מע קאן ניט שרייבען קיין רוסיש, איז נאך ערגער, ווי אהן א ברילל... (פויזע). אדער שא? ווייסט איהר וואס? אפשר וואלט געווען א סברה, אז איהר זאלט זיין אזוי גוט, אן האט איהר אייך א טינט און פעדער, און זיך מטריח זיין טאקי אליין אויסשרייבען אט־א־דעם טשעק? ווער פון אייך קאן בעסער שרייבען? (וויגדארטשוק און רובינטשיק טהוען זיך ביידע א וואָרף צום שרייב טיש. וויגדאָרטשוק נעמט זיך צום טינט און פעדער. שימעלע טהוט אן די ברילען, טויט מיט׳ן פינגער אין טשעק־ביכעל, ווי א מענטש, וואס איז קלאָהר אין הלכות טשעקס). אט דא, אין דער רעכטער האנד, זעהט איהר? זייט זשע מוחל, שטעלט אוועק מיט ציפער פופצעהן טויזענד... איין איינס, מיט א פינף, מיט דריי — יא, מיט דריי נולען. אט אזוי... און דארטען, אונטען, שטעלט אוועקעט מיט ווערטער פעטנאצעט טיסיאטשי... רובליי דארף מען ניט — סע שטעהט שוין. אט אזוי... האט איהר געשטעלט? אצינד גיט, זייט מוחל, די פען אהערצו, וועלען מיר ווידער א מאל אוועקלעגען דעם טאטען. (פערקאטשעט ווידער די ארבעל, חתמ׳עט פאָוואָלינקע, שוויצט). אוף! פשוט איינגעמיערט זיך היינט שרייבענדיג. (פאַכט מיט׳ן טשעק אין דער לופטען). און ווער איז שולדיג? — טאקי מיין טאטע אליין. ער, עליו השלום, האט נישט געוואלט

מיך לערנען שרייבען. מיך מע זאָל געווען לערנען שרייבען, וואָלט איך געווען איין שרייבער אין דער וועלט! אַ סימן האָט איהר — נעמט דאָס גרעסטע געשעפט אין דער וועלט, וועל איך עס אייך אַרומנעמען מיט'ן קוק...

וויגדאָרטשוק (געזעגענט זיך). ס'איז ביי אייך זעלטענע פעהיגקייטען!

רובינטשיק (געזעגענט זיך). אַ טאַלאַנט! אַ בעזונדערער טאַלאַנט!

שימעלע סאָראָקער (שטאַרק צופריעדען. קוועטשט זיי די האַנד). טאַקי? איין עבירה וואָס מיין אידינע איז דאָ ניטאָ. זי וואָלט חאַטש געהערט, וואָס לייט זאָגען... (גיט איבער דעם טשעק צו וויגדאָרטשוקען. רובינטשיק קוקט אין איהם אַריין. וויגדאָרטשוק דערלאַנגט דעם חבר אין זייט אַריין מיט'ן עלענבויגען, לעגט אַריין דעם טשעק צו זיך אין טויסטער אַריין, זוערד בעמערקבאַר גערוועז, פערשפּי־לעט זיך און קלויבט זיך געזעגענען).

וויגדאָרטשוק. מיר האָבען צוגענומען ביי אייך אַזוי פיעל צייט...

רובינטשיק. און אַנגעדולט אַ קאָפּ...

שימעלע סאָראָקער. וואָס רעדט איהר? מיר האָבען דאָך עפּיס געמאַכט אַ געשעפט מיט גאָט'ס הילף!

וויגדאָרטשוק. און אַ גוט געשעפט דערצו!

רובינטשיק. אַ גלענצענדעס!

שימעלע סאָראָקער. היינט וואָס זשע רעדט איהר? ווי באַלד אַזוי, מוז מען פאַר'ן אַוועקגעהן אויסטרינקען חאַטש נאָך צו גלעזלעך פון אַט דעם דאָזיגען ווישניק (גיסט אָן דריי גלעזלעך שטעהענדיג) און צו־ווינשען זיך, אַז דער האַלבער מיליאָן זאָל זיך ניט לאָזען לאַנג וואַרטען און די שטאָדט זאָל וויסען, וואָס הייסט עמך!... (קלינגען מיט די גלעזער, טרינקען שטעהענדיג). אַצינד קאָנט איהר געהן געזונטערהייד און זייט מצליח... (וויגדאָרטשוק און רוביג־

ששעק געזעגענען זיך העפליך, געהען אַפּ. שימעלע בעגליוט זיי צו דער טהיר. — אין אַ האלבע מינוט קומט אַריין עטי-מעני). אַט באַלד קומט אַהער ביילקע. (קוקט זיך ארום). און וואו זענען די צוויי שלים־מזל'ען? שוין אוועקגעגאַנגען? און ווער האָט דיר אַנגעשריבען דאָס, וואָס מע דאַרף? צי דו האָסט דאָס אָפּגעלעגט אויף איין אַנדערש מאָל?

שימעלע כאַראַקער. וואָס פאַר אָפּלעגאַכטסען? איך האָב פיינט אָפּלעגען! ביי מיר איז אומר ואוכל — אויפגע־בייהט און אויסגעפּרעסט! עמך!...

עטי-מעני. ווער זשע האָט דיר אַנגעשריבען?

שימעלע כאַראַקער. טאַקי זיי אַליין. איך האָב געזאָגט און זיי האָבען געשריבען.

עטי-מעני (אַ פּלעסק מיט די הענד). זיי האָבען געשריבען? ווער וויים, וואָס זיי האָבען דיר דאָרטען אַנגעשריבען. האָסט ניט געקאָנט וואַרטען אויף איזאַבעלעטשקען? (אויף די ווערטער קומט אַן ביילקע).

ביילקע. איך בעט אייך, רופט מיך ניט איזאַבעלעטשקע, רופט מיך ביי מיין אמת'ן נאָמען ביילקע, אַזוי ווי איך הייס!

עטי-מעני. שוין! אַט האָסט דו דיר די אַנדערע טעג יום טוב! מיר זענען דען די, וואָס מיר זענען געוועזען?

ביילקע. אַט דאָס איז טאַקי די צרה, מאַמע, וואָס מיר זענען ניט די, וואָס געוועזען. דאָס הייסט, זיין זענען מיר טאַקי די איינענע וואָס געוועזען, נאָר מיינען מיר, אַז מיר זענען ניט מיר... דעריבער טהוען מיר ניט דאָס, וואָס מע דאַרף, געהען ניט אַהין, וואו מע דאַרף, און נעמען אויף ניט דעם, וואָס מע דאַרף, און דער וואָס איז אונזער גלייכען און אונזער אמת'ער פריינד — יענעם לאָזען מיר איז שטוב ניט אַריין...

ע ט י ־ מ ע נ י (צום מאַן). עפּיס רעדט זי פאַרשטעלט, אַזוי מאָדנע, אַז מע קאָן גאָרנישט פאַרשטעהן!...

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר (צום ווייב). ווי קומסט דו צו פאַרשטעהן, אַז מיר רעדען? (צו דער טאָכטער). פון דעסטוועגען איינם צו אַנדערען געהער זיך ניט אַן — אַז מע'ט אונז איינלאַדען צו די פיינערם מיט אַ וויזיט, און ווער שמועסט, אַז זיי וועלען אַליין זיין ביי אונז מיט אַ וויזיט, וועסט דו מסתמא זיך ניט אָפּזאָגען מיט אונז מיטצוגעהן — פּאַרט רב אַשר פיין!

ב י י ל ק ע. דאָס וועלען מיר זעהן... מיר'ן זיך נאָך בעטראַכטען — אָדער איך'ל מיטגעהן, אָדער איך'ל ניט מיטגעהן...

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר (אויפגעבראַכט). וואָס הייסט, דו וועסט ניט מיטגעהן? און וואו בין איך? בין איך אַ טאַטע, צי ניין?

ע ט י ־ מ ע נ י (וויל מאַכען שלום). ווייס איך וואָס, זעהט נאָר אַביסעל! איידער מע האָט געחאַפּט דעם בער, קריעגט מען זיך שוין פאַר דער פעל... די פיינערם זענען נאָך דערווייל ביי אונז נישט געווען, און אונז האָט מען נאָך נישט גערופען, און צו טעלער ברעכען איז נאָך ווייט....

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר (נאָך מעהר אין כעס). מזל טוב! אָט איז זי אויך דאַ! (צום ווייב). ווער בעט דיך פאַר אַ רודף־שלום־ניצע? (צו דער טאָכטער). מיר וועלען זיך מיט דיר ניט קריעגען, ווי מיר האָבען זיך ניט געקריעגט ביז אַהער קיין מאָל... מיר, עמה, ווייסען, אַז מיט גוטען מאַכט מען תמיד בעסער ווי מיט בייזען... דו זאָג מיר, טאָכטער, וואָס איז מיט דיר דער מעהר, וואָס זינט גאָט האָט מיך בעגליקט מיט'ן גרויסען געווינס, זעה איך ניט, דו זאָלסט זיין צופריעדען, אויפגעלעגט, גליקליך, עפּיס גלייך ווי גאָרנישט איך האָב אויסגענומען דעם הויפּט־טרעפער...

ב י י ל ק ע. וואָס האָסט דו געוואָלט? איך זאָל טאַנצען אין די גאַסען?...

שימעלע סאראקער. ווער זאגט דען טאנצען אין די גאסען?... איך מיין, דו וואלסט בעדארפט עפּיס אזוי... (ווייזט מיט די הענד). עפּיס לעבען... עפּיס, עפּיס — עמך...

ביילקע. איכ׳ל דיר זאגען דעם גאנצען אמת, טאטע. אז דו צווינגסט מיך, איך זאל דיר זאגען, וועל איך דיר זאגען... עס געהט מיר ניט איין... ס׳איז מיר קיין זאך ניט ליעב... קיין זאך ניט טייער... אלסדינג איבער נויט... יעדע זאך מיט גוואלד... דעם, וואס איך וויל זעהען, קאן איך ניט... דעם, וואס איך זעה, וויל איך ניט... איך קאן מיין הארץ ניט עפענען, ווארום איהר׳ט מיך ניט פארשטעהן... איהר ווילט מיך ניט פארשטעהן און קאנט מיך ניט פארשטעהן, ווארום דאס גרויסע געווינס האט אייך אזוי דעם קאפּ פארדרעהט, אז איהר זעהט ניט די וועלט פאר זיך... וואס איז וויים זעהט אייך אוים שווארץ, און וואס שווארץ זעהט אייך אוים וויים...

שימעלע סאראקער. קומט אוים, אז ס׳איז גאר איין אומגליק, וואס איך האב אויסגענומען דאס גרויסע געווינס?...

ביילקע. פאר וועמען ס׳א גליק, פאר וועמען איין אומגליק... אייער גליק איז מיין אומגליק... (כמעט דורך טרערען).

שימעלע סאראקער (חזר׳ט איבער איהרע ווערטער) אונזער גליק איז איהר אומגליק... (צום ווייב). וואס זאגסט דו דערויף? פארשטעהסט עפּיס א ווארט?

עטי־מעני (צום מאן). דו זאגסט דאך, אז נאר איך פארשטעה ניט, און אז דו פארשטעהסט אלסדינג... דאס זאגט זי דיר, זי גיט דיר אנצוהערעניש, אז זי וויל ניט מיטגעהן צו די גבירים — זי האט זיי פיינט....

שימעלע סאראקער (חזר׳ט איבער איהרע ווערטער). דו? און איך זאג אנדערש! (העכערט מיט א טאן). איך, אז איך זאג געהן — געהט מען! (א זעץ אין טיש). עמך!... שער און אייזען!...

ב י י ל ק ע (האַפּט זיך ביים קאָפּ). אומגליקליכע וואָס איך בין! (אַנטלויפט).

ע ט י ־ מ ע נ י. נו? צו וואָס האָסט דו עס בעדאַרפט? צערייצט אַ קינד...

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אַ ק ע ר (האַפּט זיך אויף ווי איין אָפּגעבריהטער). פעטי־מעטי! ברענג מיך ניט אַריין אין כעס!...

ע ט י ־ מ ע נ י. זאָג מיר נאָר, וואָס סטראַשעסט דו מיך מיט דיין כעס?

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אַ ק ע ר. דרך ארץ! האָלט ס׳מויל! דאַכט זיך, דו ווייסט, ווער איך בין? עמך!!...

ע ט י ־ מ ע נ י זעה נאָר, ווער עס האַלט זיך גרויס! נאָדעלפּאַדעם האָט דיר געלאָזט געריסען!...

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אַ ק ע ר (אויסער זיך). מיר זאָגסט דו אַזעלכע ווערטער?! מיר?! וואָס אַ יעדער נעמט אַראָפּ דאָס היטעל, אַז איך געה אין גאַס?!

ע ט י ־ מ ע נ י. יעדער, נאָר ניט איך. ביי זיך ביזט דו אפשר אַ פּריץ, ביי מיר — אַ שניידער אַ פּאַלגוץ!

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אַ ק ע ר. שווייג, דו צרה, וואָרום איך וועל דיר ווייזען, ווער איך בין!

ע ט י ־ מ ע נ י. ווער די כפרה — דו קאָנסט דאָס ניט דערלעבען!

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אַ ק ע ר. טפו זאָלסטו ווערען!

ע ט י ־ מ ע נ י. טפו זאָלסט דו ווערען! (עס עפענט זיך די טהיר און עס בעוויזט זיך מענדעל דער לאָקיי).

מ ע נ ד ע ל ד ע ר ל אָ ק י י (קייעט). אין זאָל ווארטען אויף אייך געסט.

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אַ ק ע ר (אַ האָפּ־אויף). געסט?

עטי־מעני. וואָסערע געסט?

מענדעל דער לאַקיי. דער הערר פיין, די מאַדאַם פיין...

שימעלע סאַראַקער (מיט אַ מאָל אויסגעניכטערט זיך). וואָס זשע שווייגסט דו? (צום ווייב). ערנעסטינע יעפימעוונע! הייס שטעלען דעם סאַמאָוואַר! הייס דערלאַנגען ווישניק און וויין און איינגעמאַכטס, אַלערליי איינגעמאַכטסען!... (וויל זיך לאָזען געהן).

עטי־מעני (שלעפּט דעם מאַן צוריק). וואוהין פליהסט דו? אין אַ חאַלאַט ווילסט דו אויפנעמען אַזעלכע געסט? (צום לאַקיי). וואָס שטעהסט דו, ווי אַ לעהמענער גולם? זעהסט דאָך, דער בעל־הבית געהט איז חאַלאַט. טראָג איהם אַריין אַהער די קאַפּאָטע! (מענדעל אָפּ). און איך וועל דערווייל געהן אויפנעמען די געסט. (מאַכט זיך צורעכט אַקעגען שפּיעגעל, געהט אָפּ. — מענדעל דער לאַקיי ברענגט אַ שוואַרצען סורדעט, טהוט־אָן דעם בעל־הבית. שימעלע פּער־שפּיליעט זיך אויף אַלע קנעפּלעך, בויגט זיך און נייגט זיך, מאַכט אַ רעפּעטיציע, ווי אַזוי ער וועט אַריינקומען און פאָרשטעלען זיך פאַר די געהויבענע געסט. הינטער זיינע פּליינעם מאַכט איהם מענדעל נאָך מיט אַלע פּישטשעווקעס. מיט ברייטע טריט לאָזט זיך שימעלע סאַראַקער צו דער טהיר. מיט די זעלבע טריט געהט נאָך מענדעל. — דער פאָרהאַנג פאַלט).

ענדע פונ׳ם צווייטען אַקט.

דריטער אַקט.

ערשטעס בילד.

אַ פאָדער־צימער, פערצויגען מיט אַ צווייטען פאָרהאַנג, אַזוי אַז ווי נאָר דאָס ערשטע בילד איז צו ענדע, הויבט זיך באַלד אויף דער צווייטער פאָרהאַנג, און דאָס צווייטע בילד פון דריטען אַקט קאָן אָנהויבען צו געהן זיין וועג גלייך, אָהן אַנטראַקט. — דאָס פאָדער־צימער דאַרף זיין לאַנג גענוג, ענטהאַלט אַ טישעל מיט אַ שפּיגעל, אַ הענגער און אַ קאָרב אויף שטעקלעך מיט שירעמס. אַ וואַנד־זייגער און אַ פּאָר שטוהלען פון שטרוי. אויפ'ן פאָרהאַנג אַ צוגעמאַכטע טיר, געמאָהלט. איינער אָדער צוויי אריינגאַנגס פון די זייטען. — ביי דער אויסגעמאָהלטער טיר שטעהט מענדעל דער משרת. נעבען איהם, אין אַ פּאָזע פון אונטערטעניגקייט, שטעהען ביידע שנײדער־יונגען, מאָטעל קאסאַי און קאָפּעל פּאַלבאָן, ווישען זיך דעם שווייס, דינגען זיך מיט מענדעל דעם לאָקיי, וואָס האַלט די הענד אין די קעשענעס, קייעט און זעהט אויס, ווי אַ מענש, וואָס האָט אַ סך צו זאָגען.

מענדעל. ווי איהר זעהט מיך אַ שווימענדיגען, ביי איין אַנדערען וואָלט איך ניט גענומען פאַר אַזאַ זאַך — איהר זאָלט מיר אָנשיטען אַט די שטוב מיט געלד. און ערשט נאָכדעם וואָלט איך איהם געגעבען דעם וועג. ווארום... ווארום איהר ווייסט גאָרניט, וואָס פאַר אַ שטרענגער בעל־הבית דאָס איז! (ביידע יונגען איבערראַשט).

מאָטעל קאַסאַי. שימעלע סאַראַקער אַ שטרענגער בעל הבית? איהר טרייבט קאַטאָוועס!

קאָפּעל פּאַלבאַן. איהר מאַכט פון אונז חוזק!

מענדעל דער לאַקיי. חוזק? לאַז יענעם אויסוואַכסען אַ חוזק אויף דער נאָז! ער האָט מיר אַנגעזאַגט אַפשר

טויזענד מאָל, אַז אַ איד פון אַ גאַנץ יאָהר, וואָס געהט ניט רייך אַנגעטהאָן, זאָל ניט אריבערטרעטען די שוועל... און טאָמער אַ בעל־מלאכה, למשל, אַ שניידער — זאָל איך איהם טרייבען האַלז אין נאַקען! (ביידע יונגען שטוינען).

מאַטעל קאַסאַי (צום חבר). וואָס זאָגסט דו דערויף? וואָלסט זיך געגלויבט, אשטייגער?

קאַפּעל פּאַלבאַן. אַ מענטש בייט זיך. בעקומט מען געלט, ווערד מען אַ בורזשוק גלייך מיט אַלע בורזשוקעס.

מאַטעל קאַסאַי (נעמט אַרויס דאָס בייטעלע, קראַצט אַרויס אַ מטבע, גיט איבער דעם לאַקיי). נאַט אייך, לאָז שוין זיין, ווי איהר זאָגט...

קאַפּעל פּאַלבאַן. אַבי געהט און רופט זי אַרויס אהערצוצו.

מענדעל דער לאַקיי (בעטראַכט די מטבע, בעהאַלט אין קעשעני). איז וועמען, זאָגט איהר, זאָל איך אַרויסרופען? נאָר זי, די באַרישני, הייסט עס, צי...?

מאַטעל קאַסאַי. נאָר זי. נאָר זי.

קאַפּעל פּאַלבאַן. קיין אַנדערען דאַרף מען ניט!

מענדעל דער לאַקיי. און וואָס זאָל איך איהר זאָגען?

מאַטעל קאַסאַי. זאָגט איהר, אַז צוויי בחורים וואַרטען אויף איהר, דאַרפען איהר זאָגען נאָר צוויי ווערטער.

קאַפּעל פּאַלבאַן. ניט גלאַט בחורים, נאָר בחורים, וואָס האָבען געאַרבייט מיט איהר דריי יאָהר ביי איין טיש.

מענדעל דער לאַקיי (קייעט, בעטראַכט זיך). ניין. בחורים אליין טויג ניט. מאַלע וואָסערע בחורים ס'איז דאָ אויף דער וועלט! מע דאַרף האָבען נעמען! נעמען דאַרף מען!

מאַטעל קאַסאַי. ווייבאַלד אַזוי, טאַ זאָגט איהר: מאַטעל קאַסאַי און קאַפּעל פּאַלבאַן דאַרפען אייך זעהען.

קאַפּעל פּאַלבאַן. אויף צוויי ווערטער, נישט מעהר.

מענדעל דער לאַקיי (חזר'ט). מאַטעל פּאַלבאַן און קאַפּעל קאַסאַי, מאַטעל פּאַלבאַן און קאַפּעל קאַסאַי.

מאַטעל קאַסאַי (פעררינכט איהם). ניט מאַטעל פּאַל־באַן און קאַפּעל קאַסאַי, נאַר פערקעהרט.

קאַפּעל פּאַלבאַן. מאַטעל קאַסאַי און קאַפּעל פּאַלבאַן.

מענדעל דער לאַקיי. אהאַ! און דאָס וואָרט „בחורים" מוז געזאָגט ווערען נעפּרעמעננאַ? (ביידע בחורים הויבען אָן צו ווערען נערוועז).

מאַטעל קאַסאַי. דערווייל געהט דאָך ביי אייך אוועק די צייט.

קאַפּעל פּאַלבאַן. און עס קאָן אָנקומען ער אליין...

מענדעל דער לאַקיי. פאַר איהם האָט קיין מורא ניט — ער איז גאָר ניטאָ אין דער היים. געגאַנגען שפּאַציערען, גע־מאַכט אַ געשעפט, אַ גוואַלדאַוונע געשעפט! אוועקגעקויפט אַלע טרעיאַטערס, וואָס אין שטאָדט! אַלע טרעיאַטערס וועלען שוין איצט זיין אונזערע... אַז איהר וועט וועלען געהן אין טרעיאַטער, דאַרפט איהר פריהער אָנקומען צו אונז. (ביידע בחורים קוקען זיך איבער). און מיר, אַז מיר'ן וועלען, וועלען מיר אייך אריינלאָזען, און אַז מיר'ן ניט וועלען, וועט איהר אַ ברירה האָבען שטעהן אין דרויסען... איהר שפּיעלט זיך מיט אונז? (זעהט, אַז די בחורים ווערען ניט נתפּעל פון דעם, פירובט ער ווייטער). דאָס ווייסט איהר, אַז מיר זענען רייבער פון די פיינערס? זיי שלאָגען אונז אָפּ די טירען... פריהער האָבען זיי געשיקט צו אונז דעם שדכן דריי מאָל אַ טאָג... דערנאָך זענען זיי אליין געקומען... אַלץ צוליעב'ן שידוך... זיי געהען אויס... זיי זענען גאָר די כפּרה נאָך אונזער באַרישני! און זייער בנ'אָק — ביז אַהער! (ווייזט אויף די אויהערען). נעמט איין אַ מיתה משונה! און זי אין איהם — אויף פּערליאַפּעט.

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י. פֿערליעבט?

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן. שוין לאַנג? פֿון ווען אָן?

מ ע נ ד ע ל ד ע ר ל אַ ק י י. פֿון ווען אָן — ווייס איך ניט. נאָר ס׳איז טאָג ווי נאַכט ביי זיי קוצעניו־מוצעניו, אדער ער צו איהר, אדער זי צו איהם, און נאָר געקאַצקיט זיך, און נאָר גע־סמאַצקיט זיך... איז ווי אַזוי זאָל איך איהר זאָגען? צוויי בחורים — קאַטעל פּאַסאַי, מאַפּעל פּאַלבאַן? טפֿו! איך האָב מיך פֿערפּלאָנ־טעט איבער אייך! אַז איהר דרעהט מיר אַ מח!...

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י. זאָגט ניט קיין נעמען; זאָגט נאָר „צוויי בחורים" — און אַ סוף!

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן. אַבי איין עק זאָל עס האָבען!

מ ע נ ד ע ל ד ע ר ל אַ ק י י. ביי מיר האָט איהר גע־פּועל׳ט. איך געה. נאָר טאָמער מאַכט זיך, עס קומט אַן אַהער די חלירע...

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י. וואָסער חלירע?

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן. ער מיינט אודאי עטי־מעני׳ן.

מ ע נ ד ע ל ד ע ר ל אַ ק י י. וואָסער עטי־מעני? עטי־מעני פֿאַרגעסט! זי הייסט שוין ניט עטי־מעני, נאָר ערנעסטינע יעפּימעוונע. (געהט און קעהרט זיך אום צוריק). זיצט דערווייל אַט־אַ־דאָ־אָ, אָדער אַט־אַ־דאָ. (בעזעצט זיי, געהט און קויעט און חזר׳ט). מאַקעל פּאַסאַי, פּאַטעל פּאַלבאַן, קאַטעל פּאַסאַי, מאַפּעל פּאַלבאַן...

(אַפּ. ביידע שניידער־יונגען זעצען זיך אוועק פֿאַרזיכטיג אויף די שטרויענע שטוהלען, רעדען צווישען זיך שטיל).

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י. אַ מאָדנער לאַקיי!

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן. עפּיס אַ חושים! (פּויזע).

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י. ווער וועט אַנהויבען פֿריהער, איך צי דו?

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן. הויב דו אָן פֿריהער, דערנאָך וועל איך.

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י. ס'וועט קומען צו עפּיס, וועסט דו אויסחאַפּן פריהער.

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן. איך וועל ניט חאַפּן. פון וואָס ווילסט דו אָנהויבען?

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י. איך וועל אָנהויבען אַזוי... (שטעהט אויף, הוסט זיך אויס, רעפּעטירט מיט אַ ציטערדיגער שטימע). „דאָס, וואָס מיר זענען געקומען, ביילקע, דאָס, וואָס ס'האָט אונז געבראַכט אהער, געהער זיך ניט אָן מיט קיינעם"...

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן. „נאָר מיט אייך אַליין".

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י (צום חבר). נו, דו ווילסט רעדען, רעד דו! (זעצט זיך אוועק).

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן. ניין, רעד דו, רעד!

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י. וואָס זשע שלאָגסט דו מיך איבער? (שטעהט אויף, הוסט זיך אויס, לעגט אוועק די האַנד אויפ'ן האַרצען, רעפּעטירט ווייטער). „דאָ האַנדעלט זיך נאָר וועגען אייך, ביילקע, וועגען אייער גליק, וועגען אייער גורל אויפ'ן גאַנצען לעבען. ס'איז ניט אונזער עסק זיך אריינמישען אין פרעמדע געשעפטען — מיר ווייסען דאָס. נאָר מיר האָבען זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען מעהר, ווייל מיר זענען געוואָרירע געוואָרען, אַז איהר פערבינדעט זיך, אָדער אַנדערע פערבינדען אייך אויפ'ן גאַנצען לעבען מיט אַ מענטשען, וואָס איז אייך ניט ווערטה... ניט ווערטה צו זיין מיט אייך אונטער איין דאַך, צו עסען מיט אייך איין לעפעל..."

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן. גוט געזאָגט!... און אַז זי וועט דיך אַ פרעג טהון: אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד?

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י. וועל איך איהר זאָגען דעם גאַנצען אמת, אַזוי ווי מיר האָבען זי ביידע ליעב שוין פון ווייס איך ווען אָן, מיר געהען אויס...

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן. מיט לייב און לעבען! (הערט זיך אַ מיט איין אויער). שאַ! מיר דאַכט, זי געהט...

מ א ט ע ל ק א ס א י (הערט זיך צו). ווער? ביילקע? (פערשפּילעט זיך אויף אלע קנעפּלעך, גרייט ארויסצוטרעטען, הוסט זיך אוים. — עס קומט אן ב י י ל ק ע . די יונגען געהען אקעגען).

ב י י ל ק ע (ציהט זיי אוים ביידע הענד). גוט, וואס איהר זענט געקומען! גאט אליין האט אייך געבראכט!... וואו זענט איהר געוועזן ביז אהער? כ'האב שוין אלע אויגען ארויסגעקוקט אויף אייך! איך האב שוין פערלוירען די האפענונג...

מ א ט ע ל . וואס ווייסט איהר, ביילקע, נשמה'ניו, די צרות וואס מיר האבען?

ק א פּ ע ל . מע לאזט דען צו צו אייך?

ב י י ל ק ע . ווער?

מ א ט ע ל . אט דער שומר ישראל אייערער!

ב י י ל ק ע . אך! וואס ווייסט איהר, וואס פאר א שטוב ס'איז געווארען! און מיינע צרות האבען דען א שיעור?!

מ א ט ע ל . מיר שלאגען זיך צו אייך שוין פון ווייס איך ווען, שלאגען מיר זיך...

ק א פּ ע ל . ווי דורך אייזערנע טויערען...

מ א ט ע ל (צו קאפּלען). שלאג זשע מיך ניט איבער! (קאפּעל ווערד אנשוויגען). מיר האבען אייך געוואלט זאגען... איהר ווייסט ניט, ווי אזוי איהר זענט אונז טייער, אונז איינגעבאקען אין הארצען!...

ק א פּ ע ל . ווי א שוועסטער! ווי איין אייגענע שוועסטער!

ב י י ל ק ע . ניט דאס... ניין... ניט איצט איז די צייט דער-פון... איצט דארף מען מיך ראטעווען.

מ א ט ע ל . מיר זענען גרייט פאר אייך אויף אלסדינג!

ק א פּ ע ל . אין פייער און אין וואסער!...

ב י י ל ק ע . אט, אט, אט! אט דאס איז דער עיקר! איהר דארפט מיר העלפען זיך ראטעווען פון דאנען. ארויסראטעווען פון

דער דאַזיגער שטוב! איהר ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ שטוב ס'איז געוואָרען! און וואָס פאַר אַ מענטש דער טאַטע איז געוואָרען! זינט ער האָט אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס, איז איהם ניט צו דער־קענען! איך האָב איהם קיין מאָל ניט געזעהן אזוי אין כעס... איצט — אַ מינדסטע זאַך, ווערד ער אויפגערעגט מיט סכנות! לאָזט קיין וואָרט ניט רעדען! קיין קאָפּ ניט אויפהויבען! און דער עיקר — ער וויל מיך פערשלייערען פאַר אַט־אַ־דעם־אַ... (פערשטעלט זיך).

מ אַ ט ע ל. מיר ווייסען! מיר האָבען שוין געהערט! מיר ווייסען אַלסדינגן!...

ק אַ פּ ע ל. אַט דער בורזשוק? — ניט דערלעבען זאָל ער!...

ב י י ל ק ע. ער איז דאַ געוועזן ניט לאַנג... זיי זענען דאַ אַלע געוועזן... געבעטען אונז צו זיך... צוגעזאָגט, אַז מיר'ן זיין... האָב איך אָבער געזאָגט דערנאָך, אַז איכ'ל ניט זיין — האָט דער טאַטע אונז אָפּגעשפּיעלט אַ וויוואַט — ס'איז געוועזן אַלסדינג: געשרייען, און טרערען, און וואָס איהר ווילט... נאָר איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט איין מאָל פאַר אלע מאָל — ניין, און ניין, און ניין! וואָס בין איך? עפּיס אַ קוקלע, וואָס איכ'ל זיך לאָזען קויפען, צי פערקויפען?...

מ אַ ט ע ל א ו ן ק אַ פּ ע ל (ביידע). גערעכט!... זעהר גערעכט!

ב י י ל ק ע. איך וועל ניט געהן! — איך וועל ניט געהן אין ערגיץ!... איכ'ל אַנטלויפען פון זיי! איכ'ל לויפען אין דער וועלט אריין — וואוהין די אויגען וועלען מיך טראַגען! דעם דריטען טאָג אַ שטיקעל ברויט — אבי ניט... (פערשטעלט זיך מיט ביידע הענד דאָס פּנים, וויינט שטיל).

מ אַ ט ע ל. ביילקע! נשמה'ניו! הארצעניו! וויינט ניט! מיר'ן אייך העלפען!

ק אַ פּ ע ל. אין פּי־ע־ אַון אין וואַסער!

ב י י ל ק ע (אויפגעלעבט). ווען איהר מיר העלפען? איך האב געוואוסט, אז איהר וועט מיר קומען צו הילף!... איך וויל זיי אנלערנען!... טאקי מיין טאטען מיט מיין מאמען וויל איך אנ־לערנען!... איך וויל זיי אנשרעקען! מאכען א סקאנדאל!... אנט־לויפען! אין מיטען נאכט אנטלויפען!... ניט ווייט, אין דער צווייטער שטאדט, אין דער ערשטער סטאנציע — נאר אנטלויפען!... אוי, וועלען זיי זיך איבערשרעקען! אוי, וועלען זיי מיך זוכען! דער־מאלט וועל איך אויספיהרען אלץ, וואס איכ'ל וועלען!...

מ א ט ע ל. אוי, לעבען זאלט איהר, ביילקע, וואס פאר א חכמה איהר זענט!

ק א פ ע ל. קלוג ווי די וועלט!

ב י י ל ק ע. ווען איהר מיר העלפען לויפען?

מ א ט ע ל און ק א פ ע ל. ווען?

ב י י ל ק ע. האטש אפילו היינטיגע נאכט!... זיי וועלען אוועקגעהן אהיו, איך וועל בלייבען אליין... ווען איהר זיין גרייט אט דא אונטער מיין פענסטער (ווייזט מיט דער האנד). איהר דארפט צוגרייטען א פוהר... און איהר דארפט דאך געלט. (נעמט זיך צו דער קעשענע).

מ א ט ע ל א ו ן ק א פ ע ל (ביידע). וואס געלט? ווער געלט? מע דארף ניט — מיר האבען געלט!...

ב י י ל ק ע. געדענקט זשע, ווי באלד זיי געהען אוועק, עפען איך דאס פענסטער... אוי, די מאמע געהט! (טהוט זיך א ווארף אין איין זייט. פון דער אנדערער זייט קומט אן ע ט י ־ מ ע נ י. ביידע בחורים בלייבען ווי געלעהמט).

ע ט י ־ מ ע נ י (בעטראכט זיי). זעה נאר! קאפעל? מאטעל? אודאי צו מיין מאן? וואס זשע מאכט איהר? ביי וועמען ארבייט איהר? פאר וואס זיצט איהר ניט? ממה נפשך, אז איהר זענט שוין דא, מעגט איהר זיך צוזעצען אויף א ווייל... איהר ווילט זעהען מיין מאן? היינט קאנט איהר איהם ניט זעהן!... מארגען אויך ניט...

איבערמאַרגען אויך ניט... מחמת ער איז תמיד זעהר באַשעפטיגט. ער האָט געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע דאַר־טען... אַ געשעפט. אַ גרויס געשעפט. זעהר אַ גרויס געשעפט!...

מאַטעל קאַסאַי. יאָ, מיר ווייסען.

קאַפּעל פּאַלבאַן. מיר האָבען שוין געהערט.

עטי־מעני. וואָס האָט איהר געהערט?

מאַטעל קאַסאַי. אַז רב שמעון האָבען געמאַכט אַ גרויס געשעפט.

קאַפּעל פּאַלבאַן. אויפגעקויפט די גאַנצע שטאָדט...

מאַטעל קאַסאַי. מיט אַלע טהעאַטערס...

קאַפּעל פּאַלבאַן. און מיט אַלע האָטעלען...

עטי־מעני (איבערראַשט). ווער האָט דאָס אייך געזאָגט?

מאַטעל קאַסאַי. אַלע זאָגען!

קאַפּעל פּאַלבאַן. די גאַנצע שטאָדט!

עטי־מעני. די גאַנצע שטאָדט?

מאַטעל קאַסאַי. פון איין עק ביז'ן אַנדערען.

קאַפּעל פּאַלבאַן. עס קאָכט, ווי אַ קעסעל!

עטי־מעני. קאָכען זאָל זיי אין האַרצען און אין בויך! פון וואַנען ווייסען זיי שוין אַזוי גיך? אפנים, דער שדכן האָט צע־פּויקט — אַט אַ לאַנגע צונג!... איז קאָנט איהר איהם, מיין מאַן, הייסט עס, איצטער ניט זעהען. נאָר אויב איהר דאַרפט איהם שטאַרק האָבען, קאָנט איהר זאָגען מיר.

מאַטעל קאַסאַי. מיר דאַרפען גאָרנישט ניט.

קאַפּעל פּאַלבאַן. מיר זענען אַריינגעקומען גלאַט אַזוי.

עטי־מעני. צוגאַסט, הייסט עס? מהכתיתי. זעהר שען פון אייך. אַנקוקען קאָן איך נישט אָט־אַ־יענע־אַ, די קבצנים, די שלעפּערס, גאָט זאָל ניט שטראָפען פאַר די רעד, וואָס וויפיעל מע

גיט זיי און וויפיעל מע טהוט זיי, איז זיי קארג, ווי אין אַ לעבערינגען זאַק... האַט איהר, הייסט עס, אַלסדינג? עס טהוט מיר הנאה! און ס׳איז זעהר פיין פון אייך, וואָס איהר פאַרגעסט נישט אייערע אַלטע בעלי־בתים. קומט אריין אַמאָל. ווייסט איהר ווען? אם ירצה שם, יום טוב... (ביידע בחורים קוקען זיך איבער, שטעהען אויף). דער־מאָלט וועט מיין מאַן זיין פריי... נאָר איהר זאָלט ניט רעדען מיט איהם פון דעם, וואָס ס׳איז געווען אמאָל. ס׳איז איהם ניט איינגע־נעהמען... איהר פאַרשטעהט דאָך, קיין פינגער אין מויל דאַרף מען אייך ניט אריינלעגען — איהר׳ט איהם אָפּבייסען... (די בחורים רוקען זיך מיט׳ן הינטען צו דער טיר, ווישען זיך דעם שוויים). געהט געזונטערהייד און זייט געזונט. געדענקט זשע, למען השם, יום טוב, אם ירצה שם, וועט איהר זיין אַנגעלעגטע געסט. איך וועל אייך מכבד זיין מיט ווישניק און מיט איינגעמאַכטס... געהט געזונט. זייט געזונט! (עטי־מעני געהט אָפּ רעכטס. די שניידער־יונגען נעמען זיך לינקס און אַקוראַט ביי׳ם ארויסגאַנג בעגעגענען זיי זיך מיט שימע־לע סאראַקער, וואָס קומט אַן פון גאַס מיט׳ן אויבער־ראָק און מיט׳ן שטעקעל).

שימעלע סאַראַקער. אַ! ברוך הבא, געסט! וואָס טהוט איהר דאַ אין מיטען מיטוואָך שבת־צו־נאַכטס? און פאַר וואָס זעהט מען אייך ניט די גאַנצע צייט? וואָס באַהאַלט איהר זיך? עמך — אונזער פאָלק, שער און אייזען...

מאַטעל קאַסאַי. צו אייך צוטרעטען איצט איז ווי צו אַ קייסער! מיר זענען דאַ געווען וויפיעל מאָל, לאָזט ער אונז ניט צו.

שימעלע סאַראַקער. ווער?

קאַפּעל פאַלבאַן. אָט דער ביינברעכער, דער משרת.

שימעלע סאַראַקער. וואָס הארכט איהר איהם? איהר געהט גלייך! איהר זענט דאָך פון מיינע לייט — עמך!...

מאטעל קאסאי. און ער זאגט, אז איהר האט איהם אנגעזאגט, אז טאמער קומט צו געהן א שניידער, זאל מען איהם געבען האלז אין נאקען...

קאפעל פאלבאן. בשם אלקי ישראל — צו אלדע שווארצע יאהר!

שימעלע סאראקער (אויסער זיך). איך האב אזוי געזאגט? איך? (חאפט דאס גלעקעל און קלינגט ווי אויף א שרפה. עס קומט צולויפען ניט טוידט ניט לעבעדיג עטי־מעני).

עטי־מעני. ווער קלינגט דאס? (דערזעהט די בחורים). איהר זענט נאך דא? (די יונגען ווילען זיך ארויסרוקען. שימעלע האלט זיי צו).

שימעלע סאראקער. דאס האב איך גע־קלונגען... וואו איז ער ערגיץ, דער שענער לאקיי, דער ליץ, דער שמינדער בגין?...

עטי־מעני. וואס איז דען? וואס דארפסטו איהם?

שימעלע סאראקער. דארפען דארף איך איהם אויף טישטשע כפרות! איך האב איהם נאר געוואלט געבען א וויסטען, א פינסטערען סוף — ער זאל מיר אויפהערען טרייבען מענטשען פון שטוב! (צו די יונגען). וואס זשע מאכט איהר עפיס גוטס? שוין לאנג פארבענגט זיך נאך אייך... פארט געארבייט ביי איין ווארשטעק אזא צייט... קומט אריין, וועלען מיר א ביסעל זיצען, שמועסען, נעמען צו קאפלעך עמך...

עטי־מעני. משוגע מיינע שונאים! ווער וועט דיך לאזען אצינדערטא אפילו א טראפען צו די ליפען? האסט פארגע־סען, אז אט בעדארפען מיר גרייטען זיך צו אזא וויזיט?... (א קוק אויפ'ן זייגער). און ס'איז טאקי צייט אנהויבען אנצוטהון זיך... מאטעל און קאפעל וועלען קיין פאראיבעל ניט האבען — זיי זענען היימישע מענטשען — זיי וועלען בעסער אריינקומען איין אנדערש מאל...

מ אַ ט ע ל א ו ן ק אָ פּ ע ל (צופריעדען, ביידע אינאייגעם). בעסער איין אַנדערם מאָל.

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר (ציהט זיי אוים די האַנד). פאַרגעסט זשע ניט דעם זיי געזונט און קומט אריין שבת... גאָר געהט גלייך. פרעגט ניט קיינעם. קוקט ניט אויף דעם גיהנם־שמש, וואָס ביי דער טיר. אַז ער וועט אייך ניט צולאָזען, זאָלט איהר איהם וועיזען, ווער איז עמך!... (ביידע יונגען אָפּ אין איין זייט. שימעלע אָפּ אין דער צווייטער זייט. עטי־מעני קלינגט אין גלעקעל. עס קומט אַרוים י ו כ ב ד די מ ו י ד).

ע ט י ־ מ ע נ י. אַט־דאַ־אַ, זעהסט דו, געה, ברענג די באַרשט, קעהר אוים, רוים אויף און מאַך, ס'זאָל זיין ריין.

י ו כ ב ד די מ ו י ד (קוקט זיך איין). אוואו? דאַ איז, דאַכט זיך, גענוג ריין! וואָס זאָל איך דאַ קעהרען? וואָס זאָל איך רוימען?

ע ט י ־ מ ע נ י. מוידו! מע זאָגט דיר, זאָלסט רייניגען — דאַרפסט דו רייניגען! האָסט דאָך געזעהען צוויי שלים־מזל'ען זענען דאַ נאָר־וואָס געזעסען, אָנגעפּאַסקודעט מיט זייערע שטיוואַלעס — שטעלט זי זיך אַוועקעט פרעגען שאלות וואו און וואָס! (יוכבד די מויד קניטשט מיט די פּלייצעס, געהט אָפּ. עס קומט אַן ביילקע, דעם קאָפּ פערבונדען מיט א ווייסע פּעטשוילע).

ב י י ל ק ע (האַלט זיך ביים קאָפּ). וואָס איז דאַ פאַר א קלינגעריי?

ע ט י ־ מ ע נ י. דאָס האָב איך גערופען די מויד אהער... (אונרוהיג). וואָס האַלסט דו זיך ביים קאָפּ, טאָכטער?

ב י י ל ק ע. גאָר ניט, מאַמע, ס'וועט איבערגעהן...

ע ט י ־ מ ע נ י (נאָך מעהר אונרוהיג). פיהלסט דו ניט קיין פיבער, חס וחלילה? א קעלט אין לייב?

ב י י ל ק ע. קיין פיבער ניט, נאָר אזוי א ביסעל קאַלט...

ע ט י ־ מ ע נ י. פיהלסט דו ניט, ס׳זאָל דיר ברעכען די ביינער? אדער ס׳זאָל חלילה שטעכען אין א זייט?

ב י י ל ק ע. די ביינער זאָלען ברעכען — דאָס ניט. נאָר אין דער זייט שטעכט א ביסעל...

ע ט י ־ מ ע נ י (פערברעכט די הענט). וועה איז מיר — ס׳איז די פלענציע! (עס קומט ארויס פון שטוב שימעלע מיט א ווייס העמד אריבער די הויזען, האַלט זיך ביים קאַלנער).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (דעם קאָפּ ארויף, זעהט ניט די טאָכטער). עטי־מעני — טפו! מיין איך ערנעסטינע יעפימעוונע! וואו ביזטו? וואָס פאַר א מין העמד האָסט דו מיר צוגעגרייט? מיט א קאַלנער אויף דערוואָרגען צו ווערען? עס שפּארען מיר ארויס די אויגען פון קאָפּ! האַטש טהו זיך אָן א מעשה! האַטש שריי עמך!

ע ט י ־ מ ע נ י. געה, טהו אויס, וועל איך דיר געבען איין אנדער העמד. וואָס דארף מען שרייען?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (האַלט זיך ביי׳ם האַלז). דיר איז גרינג צו זאָגען איין אנדער העמד! ניט אהין, ניט אהער — א ריינער עמך!... (דערזעהט די טאָכטער). וואָס איז דאָס? דעם קאָפּ פערבונדען?

ע ט י ־ מ ע נ י. דאָס קינד איז ניט געזונט. זי האָט פלענציע...

ב י י ל ק ע. צו דער אינפלוענצי איז נאָך ווייט... א ביסעל ניט געזונט...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (פארגעסט אינ׳ם קאַלנער). וואָס זשע שווייגט מען? פאַר וואָס לעגסט דו זיך ניט צו? לאָז מען שיקען נאָכ׳ן דאָקטאָר! (קלינגט).

ב י י ל ק ע. צו וואָס? מע דארף ניט. ס׳וועט איבערגעהן אזוי... איך וועל זיך צולעגען — טאָמער וועל איך זיך איבערשלאָפען... מיך ניט וועקען...

ע ט י - מ ע נ י. לעג דיך צו, שלאף געזונט, מ׳עט דיך ניט וועקעז... (ביילקע אפ).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (בעאונרוהיגט, צום ווייב). אפשר וואלטען מיר פארט געשיקט נאכ׳ן דאקטאר? (עס קומט אן מענדעל). געה, מענדעל, טהו א שפרונג אויף איין פוס, ברענג אהער דעם דאקטאר.

ע ט י - מ ע נ י. לאז שוין זיין שפעטער, אז מיר׳ן קומען פונ׳ם וויזיט, איצטער לאז זי בעסער שלאפען... (צו מענדלען). מע דארף ניט רופען דעם דאקטאר. (מענדעל בלייבט שטעהן).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. טאמער וואלטען מיר אפ־געלעגט דעם וויזיט אויף איין אנדערם מאל?

ע ט י - מ ע נ י. ביי מיר האסט דו גע׳פועל׳ט. איך דארף דעם וויזיט איינגאנצען אויף כפרות...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. וואס הייסט? נו, און דער שדוך? געהארעוועט, געשלאגען זיך קאפ אן וואנט, געאקערט מיט דער נאז די ערד. געקומען צום רעכטען שפיץ, לאזט זיך אוים עמך!...

ע ט י - מ ע נ י. וויבאלד אזוי, געה זשע טהו זיך אן! (עס קומט אן יוכבד די מויד מיט א בארשט, מיט א פלעדערוויש און מיט א נאסע שמאטע). זעה נאר, א מויד! מע האט איהר געזאגט א ביסעל צוקעהרען, איז זי געקומען מיט׳ן גאנצען קלאפערגעצייג!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. איז וואס זשע זאגסט דו? זאל מען ניט שיקען נאכ׳ן דאקטאר? (צום משרת).ווארט אוים א ווײלע! (צום ווייב). טאמער איז דאס טאקי אינפלוענציע?

ע ט י - מ ע נ י. האסט דאך געהערט, אז דאס קינד וויל שלאפען... זי האט געבעטען, מע זאל זי ניט וועקען.

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. נע מאלע באבא חלאפעטי — זיך געקויפט ליכא נא מפטיר... צו וואס האט מיר געטויגט דער גאנצער טארעראם מיט׳ן גאנצען עמך? (אפ אין שטוב אריין. נאך איהם

ע ט י ־ מ ע נ י. — מענדעל דער לאַקיי און יוכבד די מויד קוקען זיך אי־בער אַהן ווערטער, האַפּען זיך מיט די הענד ביי די זייטען און פערגעהען זיך אין אַ לאַנגען געלעכטער, וואָס געהט אַלע מאָל העכער, קרעשטשענדאָ. — עס ווערד אויף אַ ווײַלע אויסגעלאָשען דאָס ליכט. אין דעם אויגענבליק ווערד פערשוואונדען די דעקאָראַציע און עס ענטשטעהט דאָס צווייטע בילד פונ׳ם דריטען אַקט אָהנאונטערבראָכען).

דריטער אקט.

דאס צווייטע בילד.

א נגידיש הויז. — א שען־בעליזכטער זאַל, — דער בעל־הבית, ר׳ אשר פיין, א פארפונדעוועטער גביר, א איד מיט א בייכעל און מיט א ליסינע, א גרויסער שוויגער, לאָזט נישט ארויס די ציגאַר פון מויל, זיצט ארום א גרין טישעל מיט דריי געסט און מע מאַכט א פרעפעראַנסעל. די איבעריגע אַריסטאָקראַטישע געסט זיצען ארום די שפּיעלער, קוקען אריין אין די קאָרטען מיט גרויס אינטערעס. פון די שפּיעלער הערען זיך נאָר איינציגע ווערטער מיט פויזען: „זיעבען פּיק“... „פּאס“... „זעכס טרעף“... „פּאס“... „פּאס, פּאס... — ביי א צווייטען טיש, אויף וועלכען עס ליגען אַלערליי אלבומען, גרויסע און קליינע, זיצט די מאַדאַם פיין, פונקט דער היפך פון איהר מאַן: א גרינגע, א דאַרע, נאָר איינגעטונקען אין בריליאַנטען, מיט איהרע געסט, די ווייבער פון די אריסטאָקראַטען, — אלע אויסגעפּוצט און בעהאנגען מיט ציערונג. די דאַמען זיצען סטאַטעטשנע, ווי אמת׳ע אַריסטאָקראַטקעס, בלעטערען די אלבומען. נאָר א פּאָר פון זיי זיצען פון ביידע זייטען ביי דער מאַדאַם פיין און פיהרען מיט איהר א געשפּרעך אין א האלבער שטימע. די איבעריגע דאַמען, וואָס זענען פערטיעפט כלומר׳שט אין די אלבומען, הערען זיך צו צום געשפּרעך מיט איין אויהער און קוקען זיך איבער צווישען זיך פיעלדזיטיג, מאַכען דערביי מאַדנע גרימאַסען. — קאַלמון, יעפים פאַנטעלעמאָנאָוויטש, האָט זיך צוליעב דער שמחה, וואָס ביי די פיינס, אָנגעטהאָן גרויסארטיג, אין א פראַק מיט א ווייסען שניפּס און מיט ווייסע הענטשקעס, און גענומען אויף זיך די ראָלע פון איין אָבער־אויפזעהער, וואָס בעדיענט די געסט נישט אלס דיענער, חלילה, נאָר אלס גוטער פריינד

פונ׳ם חויז. ער האַלט זיך פון דער ווייטען, נאָר גדול׳דיג, מעשה אופראַוולי־אַיושטשי, וואָס האָט צו שאַפען איבער אַלע־מען און איבער אַלץ. — ס אַ לאָ ווי י ט ש י ק דער שדכן איז אויך דאָ; אָנגעטהאָן יום־טוב׳דיג, שיינט, זיצט ניט איין אויף איין אָרט.

מ אַ ד אַ ם פ י י ן. מע דאַרף ניט זיין שעהן, מע דאַרף ניט זיין קלוג; מע דאַרף נאָר האָבען גליק.

ע ר ש ט ע ד אַ מ ע. אָקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד, גערטרודא גריגאָרעוונאַ?

מ אַ ד אַ ם פ י י ן (לאָזט דורך פאַרביי). איהר פערשטעהט? מיין מאַן האָט אַהן אַ שיעור וויגרישנע בילעטען פון וויס איך וועו אַן. האָט ער נ י ט געוואונען. און דער, מיט רעספעקט צו מעלדען, האָט מעהר ניט ווי איין בילעט, דאַרף זיין בילעט אַקוראַט אויסנעמען, און דוקא דאָס גרויסע געווינס! (די זווטיגע דאַמען קו־קען זיך איבער און שמייכלען פיעלדייטיג). איהר וועט מיר גלויבען, צי ניין? נאָר איך פערזיכער אייך, אַז דעם טאָג, וואָס מע האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז דאָס גרויסע געווינס האָט אויסגענומען אַט דער... סאַראָקער, בין איך געווען אַ טוידטע. פריהער האָב איך ניט געגלויבט. דערנאָכדעם, אַז מיין מאַן איז געקומען, און מיין סאַלאָמאָן נאָך איהם, און האָבען מיר געזאָגט, אַז זיי האָבען אַליין געזעהען מיט זייערע אויגען דעם דירעקטאָר גאָלדענטאַלער, און אַז ער האָט זיי אַליין געזאָגט, אַז די מעשה איז אמת, איז מיר געוואָ־רען, מיט רעספעקט צו מעלדען, אַזוי שלעכט, אַז ס׳איז מיר אָפּ־געגאַנגען אַ מינוט צו חלש׳ען! אַ גאַנצע נאַכט דערנאָכדעם האָט מען מיר געלעגט קאַלטע האַנטיכער. איך האָב בעקומען אַ מין ספּאַזמע, צי וואָס... און נאָך איצט, אַז איך דערמאָן זיך, געהט מיר איבער אַ פראָסט איבער׳ן לייב... (די זווטיגע דאַמען שאָקלען מיט די קעפּ: „אַי־אַי־אַי!“).

ע ר ש ט ע   ד א מ ע. ער איז דאך אט־אט, זאגט מען, אייער מחותן, גערטרודא גריגארעוונא!

מ א ד א ם   פ י י ן (לאזט דורך פארביי). דאס אייגענע איז מיט שידוכים... איך האב תמיד געבעטען גאט, אז פאר מיין סאלאמאן זאל ער מיר צושיקען א שידוך פון דער פרעמד, פון א גרויסער שטאדט, מיט א גרויסע משפחה... אזא זוהן, ווי מיין סאלאמאן... איך בעדארף איהם ניט לויבען — מע קען איהם... צום סוף מישט זיך אריין אין מיטען דער שטן, ליובאוו, מיט רעספעקט צו מעלדען!... (די זייטיגע דאמען מאכען א גרימאסע; איינע פון זיי שטילערהייט: „א ליובאוו פון פופציג טויזענד!"...).

צ ו ו י י ט ע   ד א מ ע. גערטרודא גריגארעוונא! ס'איז אמת, וואס מע זאגט, אז ער גיט דער טאכטער פופציג טויזענד?

מ א ד א ם   פ י י ן. לאז זיך אייך דאכטען, אז ער גיט פינף און זיבעציג טויזענד... און אז ער זאל שוין געבען אלע הונדערט טויזענד? ער קאן ניט? אינגאנצען איין קינד!... איהר דארפט אבער ניט פארגעסען, ווער איז ע ר , מיט רעספעקט צו מעלדען, און ווער זענען מ י ר?

ע ר ש ט ע   ד א מ ע. דערפאר איז אבער דאס מיידעל, זאגט מען, זעהר א שענע.

צ ו ו י י ט ע   ד א מ ע. און א געראטענע, זאגט מען...

מ א ד א ם   פ י י ן (לאזט דורך פארביי). ווען עס קומט א שדכן, אשטיינער, און לעגט מיר פאר דעם שידוך, וואלט ער זיכער געעפענט ביי מיין מאן מיט'ן קאפ די טיר. נאר וויבאלד עס האט זיך אריינגעמישט אין מיטען, מיט רעספעקט צו מעלדען, ליובאוו... (עס עפענט זיך די טיר און עס בעוויזט זיך ק א ל ט ו ן און רופט אויס גדול'דיג און מיט הכנעה צו גלייכער צייט די נעמען פון די נאר־וואס אנגעקומענע געסט).

ק א ל ט ו ן. סעמיאן מאקאראוויטש סאראקער! ערנעסטינא יעפימאוונא סאראקער! (בויגט זיך אויס פאר זיי שטארק הכנעה'דיג.

לאָזט דורך מיט אַ פרוינדליך־פּאַני־בראַטסקי שמייכעלע דעם שניידער מיט אַ נייעם צילינדערהוט אויפ׳ן קאָפּ, די שניידערין, מאָדנע אָנגעטהאָן מיט אַלע פאַרבען פון אַ רעגענבויגען. — אַלע געסט ווענדען אָן זייערע אויגען צו די אָנ׳ויינגעקומענע).

שימעלע סאַראַקער (ציהט אויס קאַלטון׳ען די האַנד). וואָס מאַכט אַ איד, יעפים פּאַנטאַ... פּאַנטאַ...

קאַלטון (פערלעגט די הענד אַהינטער און זאָגט איהם אונ־טער שטיל). פּאַנטעלעמאָנאָוויטש.

עטי־מעני (אַ ציה דעם מאַן פאַר׳ן אַרבעל). קום! מיט וועמען האָסט דו זיך אַוועקגעשטעלט רעדען? אַ פּנים פון חלשות!

שימעלע סאַראַקער (צום ווייב). ס׳איז דאָך קאַלטון, אונזער געוועזענער אָפּראַוואָליאַיושטשע, עמה! האָסט איהם ניט דערקענט? (דער בעל־הבית, רב אשר פיין, טהוט אַ וואָרף די קאַרטען, שטעהט אויף און טהוט זיך אַ לאָז מקבל פּנים זיין די ליעבע געסט. — די מאַדאַם פיין איז אויך אויפגעשטאַנען. — פון אַ זייטיגער טיר קומט אַרויס סאָלאָמאָן, לאָזט זיך אַקעגען די אַריינגעקו־מענע געסט).

רב אשר פיין (געהענדיג אַקעגען די געסט). ברוך הבא, געסט! מע קוקט שוין לאַנג אַרויס אויף אייך. וואָס אַזוי שפּעט? וואו איז אייער טאָכטער?

שימעלע סאַראַקער (בלייבט שטעהן אינ׳ם צילינ־דער אויפ׳ן קאָפּ). שולדיג איז זי! (ווייזט אויפ׳ן ווייב). אַז מע האָט גענומען זיך אָנצוטהון, איז וואָס מע זאָל ניט אָנטהון — איז שלעכט. און אַז מיר זענען שוין גאָר אינגאַנצען געווען פאַרטיג אַרום און אַרום (בעטראַכט זיך אין זיין נייעם אָנצוג), זאָגט זי מיר, אַז זי וועט ניט געהן מיט מיר, ביז איך וועל ניט אָנטהון קיין צעלענדער. זאָג איך: צו וואָס טויג מיר דער צעלענדער? דער קוי־מען אויפ׳ן קאָפּ? זאָגט זי מיר: אַלע סטעקראַטען אַזוי. זאָג איך:

און אז די סטעקראטען וועלען זיך אפשניידען די נעזער, בין איך אויך מחויב? (טהוט אוים דעם צילינדער. קאלטון לויפט אונטער, וויל איהם נעמען אוועקלעגען. דער שניידער גיט ניט).

איינער פון די געסט. חא־חא! אפשניידען די נעזער — גוט געזאגט! (אלע לאכען. עס וואכסט אוים סאלאוויטשיק דער שדכן).

סאלאוויטשיק. חא־חא! זאמעטשאטעלנע! אז סעמיאן מאקאראוויטש זאגען א ווארט, איז דאס טשטא ניבוד אסאבענע!

רב אשר פיין (נעמט דעם שניידער פאר א האנד). קומט, וועל איך אייך פארשטעלען פאר מיינע געסט! (פיהרט איהם צו צו יעדען בעזונדער, הויך): מאקאר סעמיאנאוויטש סאראקער... זייט בעקאנט... מאקאר סעמיאנאוויטש סאראקער...

שימעלע סאראקער (רייסט איהם איבער). האט קיין פאראיבעל ניט, איהר האט איבערגעדרעהט די יוצרות אויף דער לינקער זייט... (אין דער זעלבער צייט האט די מאדאם פיין גע־חאפט די מאדאם סאראקער, פריהער זיך גוט צעקושט מיט איהר אין די פיסקלעך, דערנאך האט זי גענומען זי פארשטעלען פאר די איבעריגע דאמען).

מאדאם פיין. וואו זשע איז אייער טאכטער?

עטי־מעני. עפים נישט מיט אלעמען... כ'האב מורא, אויב ניט די פלענציע...

מאדאם פיין. זאל גאט היטען! פון וואנען נעמט איהר עס? עס מאכט זיך, א מענטש ווערד נישט געזונט. אט בין איך אליין אויך געוועז, מיט רעספעקט צו מעלדען, א גאנצע וואך נישט מיט אלעמען... (בעזעצט די שניידערין אויבענאן).

ערשטע דאמע (שמייל). חוץ איהר שאדען אויף אונז געזאגט געווארען...

צ ו ו י י ט ע ד אַ מ ע . און אויף אַלע קראַנקע, רבונו של עולם!...

ר ב א ש ר פ י י ן (צום שניידער). וואו איז אייער טאָכ־טער? פאַר וואָס זעהט מען זי ניט?

ש י מ ע ל ע ס א ר אַ ק ע ר . פלוצים פארשלאָפט געוואָ־רען. געחאַפּט אַ פאַרקיהלעכץ. און אפשר גאָר אַטשאָדעט געוואָ־רען. נעבאך געבליבען אין דער היים.

ר ב א ש ר פ י י ן (בעזעצט דעם גאַסט אויבענאָן. שימעלע צעלעגט זיך גאַנץ ברייט. אַלע זעצען זיך אויף זייערע ערטער. דער בעל־הבית טראָגט איהם אונטער אַ קעסטעל ציגאַרען). וואָס רויכערט איהר? איך מיין, וואָס האָט איהר בעסער ליעב, — פּאַפּיראָסען, אָדער ציגאַרען? אַ שאָד, אוי־וואָ, וואָס אייער טאָכטער איז ניט געקומען!

ש י מ ע ל ע ס א ר אַ ק ע ר . דעם אמת זאָגענדיג, רויכער איך ניט קיין ציגאַרען און ניט קיין פּאַפּיראָסען. נאָר גאַרנישט. ווי זאָגט דער גוי: „אָט פּריביטקא האָלאָווא ניע באָליט“. (נעמט אַ ציגאַר).

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ג ע ס ט . אָט פּריביטקא גאָלאָווא ניע באָליט — חאַ־חאַ! גוט געזאָגט! (אַלע איבעריגע לאַכען).

ס אַ ל אַ ו ו י י ט ש י ק . חאַ־חאַ! זאַמעטשאַטעלנאַ!

ש י מ ע ל ע ס א ר אַ ק ע ר (טראָגט צו די ציגאַר צום מויל). ווער פון אייך איז אַ הייסער איד, וואָס קאָן געבען פייער? (עטליכע געסט טהוען זיך אַ חאַפּ צו די קעשענים, און עס ווערען איהם אונטער־געטראָגען עטליכע שוועבעלעך מיט אַ מאָל). אַ שענעם דאַנק אייך! (טראָגט צו די ציגאַר צום פייער, פּיפּקעט און פּיפּקעט — עס רויכערט זיך ניט).

ס אַ ל אַ ו ו י י ט ש י ק (געשטאַנען פון דער ווייטען, לויפט צו). איזווינימיע! איהר האָט פארגעסען אָפּבייסען דעם פּטום.

ש י מ ע ל ע ס א ר אַ ק ע ר (צום שדכן). וואָס בין איך — אַ מעוברת'ע אידינע, וואָס איך זאָל בייסען דעם פּטום?

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ג ע ס ט. א מעוברת'ע אידינע — חא־חא! גוט געזאגט! (די איבעריגע לאכען).

ס א ל א ו ו י י ט ש י ק. זאמעטשאטעלנא, חא־חא! (אין דער זעלבער צייט פערנעמען זיך די דאמען מיט דער שניידערין; ווער עס טראגט איהר אונטער א שטוהל אויף צו זיצען, ווער עס רוקט איהר אונטער א בענקעלע אונטער די פיס, ווער עס בעווייזט איהר איין אלבום. די מאדאם פיין שיינט און שמייכעלט, גיט אכטונג, מע זאל אלעמען גע־בען טיי. דעם טיי סערווירט קאלטון קונציג, ווי א פאקוסניק).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (האפט קאלטונען פאר'ן פראק). יעפים פאנטאלאנאוויטש! וואס דרעהט איהר זיך ארום, ווי א חזן אויפ'ן ונעריצך? שטעהט א ווייל! איך האב אייך געוואלט עפיס פרעגען. געדענקט איהר האטש אייערע ווערטער פאר דריי וואכען, אז א וויגריזשנע בילעט האט נאך קיין מענטש ניט גע־וואונען זינט די וועלט שטעהט, אז ס'א שווינדעל, האט איהר גע־זאגט? עמך! (די מאדאם פיין איז אויסער זיך פון דעם סקאנדאל, וואס דער מחותן רעדט מיט איהר פריקאזטשיק. זי ווינקט צום מאן, ער זאל ראטעווען די לאגע, פארגלעטען דעם סקאנדאל).

ר ב א ש ר פ י י ן. אייך קומט מזל טוב, סעמיאן מא־קאראוויטש. איהר האט געמאכט, זאגט מען, א גרויס געשעפט.

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ג ע ס ט. א מיליאנען־געשעפט!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. צו מיליאנען איז נאך וויים. נאר אז גאט וועט וועלען, וועט זיין מיליאנען אויך...

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ג ע ס ט. מע זאגט, אז איהר האט געמאכט א סינדיקאט אויף אלע קינעמאטאגראפען פון שטאדט?

נ א ך א י י נ ע ר פ ו ן ד י ג ע ס ט. אין אמעריקא רופט מען דאס „טראסט“.

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. ווי אזוי מע רופט דאס אין אמעריקא ווייס איך ניט. איך ווייס נאר, אז פון אלע געשעפטען,

וואָס מע האָט מיר פאַרגעלעגט, איז דאָס דאָס בעסטע, דאָס שענ־סטע און דאָס בכבוד'סטע — און מיליאָנען איז ביי גאָט... (בלאָזט דעם רויך). איהר קאָנט זיך גאַרניט פאָרשטעלען, וויפיעל געשעפטען מע האָט מיר פאַרגעשלאָגען! איהר האָט ניט אזוי פיעל האָר אין קאָפּ! און אלע, די גאַנצע וועלט, זענען מיט אַמאָל געוואָרען מיינע בעסטע גוטע פריינד, ממש די כפרה! (עס דערהערט זיך אַ קלונג. קאַלטון טהוט זיך אַ גליטש צו דער טיר).

ק אַ ל ט ו ן (רופט אויס). העגריך פעליקסאָוויטש הימעל־פארב!

ר ב א ש ר פ י י ן (נעמט הימעלפארבען פאר דער האנד, פיהרט איהם צו, שטעלט איהם פאַר פאַר די געסט). העגריך פעליקסאָ־וויטש הימעלפארב. בוכהאַלטער פון דער קאָמערטשעסקי באַנק.

ש י מ ע ל ע ס א ר אַ ק ע ר . איין אַלטער באַקאַנטער! (גיט איהם די האַנד). וואָס הערט זיך עפּעס נייעס? עמה!...

ה י מ ע ל פ אַ ר ב . יאָ. אַלטע־אַלטע באַקאַנטע. (צום בעל־הבית). איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעזאָגט זיי די גוטע בשורה, אז זיי האָבען געוואונען דאָס גרויסע געווינס. (צום שניידער). וואָס? בין איך ניט געווען דער ערשטער?

ש י מ ע ל ע ס א ר אַ קע ר . דער ערשטער, ניט דער ערשטער, נאָר פון די ערשטע.

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ג ע ס ט . דער ערשטער, ניט דער ערשטער, נאָר פון די ערשטע — חאַ־חאַ! גוט געזאָגט! (אַלע לאַכען).

ס אַ ל אָ ו י י ט ש י ק . אז סעמיאָן מאַקאַרעוויטש זאָגען, איז טשטאָ ניבוד אָסאָבענע!

ש י מ ע ל ע ס א ר אַ ק ע ר (צום שדכן). וואָס האָב איך דען דאָ געזאָגט אזעלכעס?

ה י מ ע ל פ אַ ר ב (צום שניידער). יעדענפאַלס, אויף אונזער באַנק האָט איהר זיך ניט צו בעקלאָגען.

שימעלע סאראקער. לאָם איך עס אויסקרענקען, וואָס איך האָב צו אייך דערלעבט! אויף אַלע אָרעמע בעלי מלאכות געזאָגט געוואָרען — עמך!

הימעלפארב (צום שניידער). ספּראַשיוואיעטסיאַ, ווי־באַלד אַזוי, וואָס זשע איז די מעשה, וואָס איהר האָט אונז עפּים פּלוצים אין מיטען דרינען אַוועקגעוואָרפען? דאָס ווערד אַנגערופען טשאָרנע ניעבלאַגאַדאַרנאָסט, אָדער געצאָהלט מיט שטיינער... דאָס הייסט, איהר האָט אונז חלילה נישט אומגליקליך געמאַכט, נאָר סע פּערדריסט. אַמביציע! ביי אונז איז דאָך עפּים נישט קיין בענקעל, ווי אַנדערע בענק. אונזער באַנק וואָלט געמעגט שטעהן אין יעהופּעץ, וואָלט זי אויך נישט פאַרשעמט געוואָרען! ביי אונז שפּיעלט אַ ראָלע ארויסגעבען ק״ן אלפים, אַזוי ווי — פּו! (אַ מאַך מיט דער האַנד).

שימעלע סאראקער (פאַרשטעהט ניט; טרינקט זיין טיי, קוקט זיך ארום). וואָס וויל דער יאַט — ווייסט איהר ניט?

הימעלפארב (האַלט אין איין רעדען). מיר שטעהען ניט חלילה אין אייער געלד. פּאַזשאַלאַי, עס ווילט זיך האָבען אַזאַ קליענט, ווי איהר. פאַר וואָס ניט? נאָר צוריק, וואָס האָבען מיר געטהאָן איידער איהר האָט געוואונען די צוויי הונדערט טויזענד? נישט מעהר, עס פּאַרדריסט אונז, וואָס איהר האָט פּלוצים, אין מיטען דרינען, ארויסגענומען דאָס גאַנצע געלט!

שימעלע סאראקער (לאַכט ברייטליך). וואָסערע לאָקשען? וואָסערע פלאָמען? וואָס דרעהט ער אַ יאַרמעלקע, אָט דער שמוינער? . . .

הימעלפארב (הערט ניט אויף). די ערשטע מינוט, אַז מיר האָבען דערזעהן אייער טשעק אויף אַזאַ סומע, איז אונז גע־וואָרען אַ ביסעל קאַלעמוטנע, און מיר האָבען געוואָלט שיקען צו אייך אַנפרעגען, אויב ס׳איז ניט קיין טעות. נאָר אַזוי ווי מיר האָ־בען געהערט, אַז איהר מאַכט אַ קאַלאָסאַלען געשעפט, אַ סינדי־קאַט, און אַז איהר בויעט פּיתום מיט רעמסס, האָבען מיר אָנגעפרענט

ביי אונזער דירעקטאָר, הערר גאָלדענטאַלער. האָט אונזער דירעקטאָר געהייסען נישט מאַכען קיין וואָפּראָסען און ארויסגעבען... נאָך זיין הייסען ארויסגעבען האָט מען געזעהען, אז ער איז ברוגז — און איז גערעכט. ווארום ווי דאָס געשעפט זאָל ניט זיין גרויס, קאָנט איהר נישט בעדאַרפען אין איין טאָג אַלע הונדערט און פופציג טויזענד. סלעדאָוואַטעלנאָ, דאָ בעדאַרף זיין נאָך איין אַנדער פּריישינע, וואָס איהר ווילט זיך אריבערטראָגען מיט אייער קאָנטאָקורענט אין איין אַנדער באַנק. איך פרעג אייך ניט, אין וואָסער אַ באַנק, ווארום פאַר קאָנקורענציע האָבען מיר קיין מורא נישט. איך פרעג נאָר, וואָס פאַר אַ פּריטשינע? אדרבא, זאָגט, אַט שטעהען מענטשען... (דער עולם הויבט אָן ווערען נייגיעריג. מע רינגעלט אָרום דעם שניידער מיט'ן בוכהאַלטער. די דאַמען הערען זיך צו פון דער ווייטען. וואָס דאָ טהוט זיך — פארשטעהט נאָך קיינער ניט. און ווינציגער פון אַלעמען — דער שניידער).

שימעלע סאַראַקקער (צום בעל־הבית פיין). וויפיעל, זאָגט ער, האָב איך ארויסגענומען, אַט דער יאָקעל בן פלעקעל? אַט דער עמך?

ר ב א ש ר פ י י ן. ער זאָגט: הונדערט און פופציג טויזענד...

שימעלע סאַראַקקער. חאַ־חאַ־חאַ! אַ רעכטער ליגן! (צום בוכהאַלטער). יונגערמאַן! געהט לעגט זיך שלאָפען!

הימעלפאַרב. שלאָפען געהט שוין איהר בעסער — איך איז צייט. איך בין נאָך אַ יונגערמאַן און וויל נאָך געבען אַ לעב־אונטער. מע זאָגט, ס'וועלען זיין טענץ אויך. איהר טאַנצט דאָך ניט, סעמיאָן מאַקאַראָוויטש, און איך טאַנץ.

שימעלע סאַראַקקער. טאַנץ, טאַנץ געזונטערהייט. אָבער וואָס איז דאָס פאַר הונדערט פופציג טויזענד. וואָס דו זאָגסט?

הימעלפארב (שוין מיט כעס). וואפערוויך, וועל איך אייך בעטען, איהר זאָלט מיך ניט דוצען...

שימעלע סאראַקער. ניט וואָסען? (צוגעטאַכט איין אויג).

הימעלפארב. ניט דוצען! ניט זיין מיט מיר אויף „דו"... איך בין טאַקי יונגער פון אייך, א סך יונגער. נאָר קיין „מאלטשיק" בין איך אייך ניט.

רב אשר פיין (וויל מאַכען שלום). ווייס איך וואָס? ווען?

סאלאווייטשיק (אויך אין מיטען). טשעפּוחאַ!

הימעלפארב. און וואָוטאַריך, וואָס מאַכט איהר זיך געפּגר'ט: „וואָסערע הונדערט פופציג טויזענד?" איהר וועט אפשר זאָגען, אז ס'איז ניט אייער טשעק, וואָס האָט געבראַכט עפּיס איינער א קרעמענטשוק, אָדער א ראָמאָנטשוק?

שימעלע סאראַקער. ניט קרימענטשוק און ניט ראָמאַנטשוק, נאָר וויגדאַרטשוק. דאָס איז איינער פון מיינע צוויי שותפים, וואָס האָבען געמאַכט מיט מיר דעם... דעם פילם-געשעפט... איך האָב איהם דאָס אויסגעשריבען א טשעק אויף פופצעהן טויזענד...

הימעלפארב. איהר קעהרט וועלען זאָגען: אויף הונדערט פופציג טויזענד?...

שימעלע סאראַקער. דאָס קעהרט איהר וועלען זאָגען! איך זאָג נאָר אַזוי פיעל, וויפיעל דאָרט שטעהט געשריבען.

הימעלפארב. אויב איהר זאָגט אַזוי פיעל, וויפיעל דאָרט שטעהט געשריבען, מוזט איהר זאָגען הונדערט און פופציג טויזענד.

שימעלע סאראַקער. וואָס איז עפּיס?

ה י מ ע ל פ א ר ב. אַט דערפאַר, ווייל אַזוי פיעל האָט איהר געהייסען געבען.

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. מאַכט איהר מיך, הייסט עס, פאַר א משוגע'נעם?

ה י מ ע ל פ א ר ב. ניין. דאָס ווילט איהר מ י ך מאַכען פאַר א ליגנער, אָדער פאַר א שווינדלער, אָדער איהר טרייבט קאַטאָוועס — באָך וואָס זנאַיעט! (דער עולם ווערד נאָך מעהר נייגיעריג און מע רינגעלט זיי ארום נאָך ענגער).

ש י מ ע ל ע ס א ר אַ ק ע ר (אַ ביסעל שוין אונרוהיג). וואָס זאָגט איהר, איך בעט אייך, אויף דער קאָמעדיע? איך גיב א אידען א טשעק אויף פופצעהן טויזענד קאַרבען, דערצעהלט ער מיר הונ־דערט פופציג טויזענד! — עפּיס א מאָדנער מין עמך!

ר ב א ש ר פ י י ן. פון פופצעהן טויזענד ביז הונדערט פופציג טויזענד איז אַזא חילוק, ווי פון יכּכה ביז יבבה.

ס אַ ל אָ ו ו י י ט ש י ק. זאַמעטשאַטעלנאַ!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר. וואָס דערצעהלט איהר מעשיות? איך אליין האָב געשריבען דעם טשעק... דאָס הייסט, ניט איך, געשריבען האָט ער, דער וויגדאָרטשוק, נאָר איך האָב גוט געקוקט בשעת איך האָב גע'חתמ'עט דעם טשעק (מאָהלט אין דער לופטען ציפערען): איין איינס, און א פינף, און דריי נולען...

ה י מ ע ל פ א ר ב (מאָהלט אויך אין דער לופטען). איין איינס, און א פינף, און פיער נולען!

ש י מ ע ל ע ס א ר אַ ק ע ר (מאָהלט אין דער לופטען). דריי נולען!

ה י מ ע ל פ א ר ב (מאָהלט אין דער לופטען). פיער נולען!..

ש י מ ע ל ע ס א ר אַ ק ע ר. זעהט נאָר, ווי ער דרעהט מיט דער האַנד, אָט דער פּיפּערנאָטער: פיער נולען! פינף נולען! זעכס הונדערט נולען! און מיט ווערטער איז ניט געשטאַנען בפירוש: פּעטנאַצאַט טיסיאַטשי? וואָס וועט איהר איצטער זאָגען, עמך?

הימעלפארב (הויך). סטאַ פיאַטדעסיאַט טיסיאַטש — קעהרט איהר וועלען זאָגען! סטאַ פיטדעסיאַט טיסטש רובליי!

רב אשר פיין. פעו דאַ איז עפּיס אַ מיאוס׳ע מעשה! (די דאַמען האָבען זיך שוין אויך צענויפגעקליבען אַלע. מע פיהלט, אַז דאָ קומט עפּיס פּאָר. עטי־מעני געהט צו די לעצטע).

עטי־מעני. וואָס טהוט זיך דאַ, שמעון... מיין איך סעמיאָן מאַקאַרעוויטש? (אין דער גאַנצער צייט, וואָס דאָס קומט פּאָר, שטעהט קאָלטון ביי דער זייט, שמייכעלט מעפיסטאָפעליש, קוקט פון איינעם אויפ׳ן אַנדערען און קוועלט. עס דערהערט זיך אַ קלונג. קאָלטון גיט זיך אַ גליטש צו דער טיר און רופט אויס).

קאָלטון. מאַקסים וואַסילעוויטש גאָלדענטאַלער! (אויף אַ ווייליע דרעהען אַלע אוים די אויגען צו דער טיר).

רב אשר פיין (בעגעגענט דעם דירעקטאָר, וויל איהם פאָרשטעלען, שפּרינגט ארויס הימעלפארב מיט היץ).

הימעלפארב. שאַט! אַט איז דער דירעקטאָר אליין! (צו גאָלדענטאָלערען). מאַקסים וואַסילעוויטש! אויף וויפיעל איז געווען דער טשעק פון הערר סאַראַקער, וואָס מיר האָבען ארויס־געצאַהלט איינעם אַ מאַיראַוויטש, אָדער ווינדאַראַוויטש, אָדער ווינדאַרטשוק — יאַ, ווינדאַרטשוק?

גאָלדענטאַלער (מיט קאַלטע לונג און לעבער). הונדערט פופציג טויזענד רובעל — וואָס איז דען?

שימעלע סאַראַקער (די אויגען בלאָנזען). עטי־מעני!... וואו זענען מיר? (דערזעהט זי, שרייט ניט מיט זיין קול). גוואַלד, אידען, ראַטעוועט! לויפט! יאָגט! חאַפּט! מע האַט מיך בע׳גנב׳עט! בע׳גזל׳ט! בדיל־הדל געשטעלט! צוגענומען איינגאַנצען! געמאַכט פאַר אַ קבצן! העלפט מיר! העלפט מיר חאַפּען די גזלנים! (חאַפּט דעם צילינדער, וויל זיך לאָזען לויפען. עס עפענט זיך די טיר און עס רייסט זיך אריין מענדעל דער לאַקיי מיט איין איבערגע־שראָקען פּנים).

מ ע נ ד ע ל ד ע ר ל אַ ק י י (זוכט מיט די אויגען). נישט געווען דאַ איזאַבעלאַ סעמיאָנאָוונאַ? אויב אַזוי — זענט איהר אויף גרויסע צרות... בעל־הבית! אייער טאָכטער איז אַרויס דורכ׳ן פענסטער און — פיו־איטו!...

ע ט י ־ מ ע נ י (ברעכט די הענד). וועה איז מיר! ווינד איז מיר! איין אומגליק האָט מיך געטראָפען! אַ בראָך אויף מיין קאָפּ! איך וויים שוין וואָס דאָס איז! איך האָב געוואוסט, אַז ס׳וועט אַזוי זיין!... זי האָט מיר אָבער געזאָגט: „מאַמע! איכ׳ל לויפען אין דער וועלט אריין!“...

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר (צום ווייב). אַזוי? וואָס זשע האָסט דו געשוויגען? בהמה! פאַר וואָס האָסט דו נישט געזאָגט מ י ר?!... (חאַפּט זיך ביים קאָפּ). מיין טאָכטער! מיין קינד!!... אַ כפּרה דאָס געלד! אַ כפּרה אַלסדינג פאַר מיין קינד!... (חאַפּט אַרויס דעם טייסטער פון זייט־קעשענע, רייסט אַראָפּ פון זיך דעם גאָלדענעם זייגער מיט׳ן קייטעל, שרייט צום ווייב). עטי־מעני! נעם אַראָפּ! געב אהער די פּערעל! די אויערינגלעך! די פינגערלעך! דאָס גאַנצע ביי־סעל ציערונג!... (עטי־מעני פאָלגט איהם, טהוט אויס און גיט איהם איבער. ער נעמט דאָס אַלסדינג צענויף אין צילינדער אריין און טראָגט דאָס צו צו די געסט). אידען! נאָט אייך אָפּ אַט דאָס אַלעס, וואָס איך פערמאָג! טהוט מיט דעם, וואָס איהר ווילט, — אַבי העלפט מיר אָפּזוכען מיין טאָכטער! העלפט מיר, העלפט מיר אומקעהרען מיין קינד!... (ברעכט אויס אין אַ געוויין. עטי־מעני וויינט מיט איהם. דער עולם שטוינט. דער פאָרהאַנג פאַלט).

ענדע פונ׳ם דריטען אַקט.

פיערטער אקט.

קומט פאָר אויף אַ סטאַנציע אין איין איינפאָהר־הויז. — צוויי חדרים. — אין איין חדר, א גרויס, א ליכטיגס, שטעהען צוויי בעטלעך ביי די ווענט, פערבעט און צוגעקלויבען. — אַ טישעל, עטליכע שטוהלען, אַ קאַנאַפּע, א שפּיעגעל, ביליגע בילדער אין פּראָסטע רעמלעך אויף די ווענט. — אַ פּאָר טעפּ מיט בלומען. — צוויי טירען: איין טיר צום פּראָנט, אין דער גאַס ארויס, די צווייטע טיר אין צווייטען חדר אריין, וועל־כעס איז געשלאָסען. — ביי דער צווייטער טיר שטעהט מאַטעל קאסאַי, צוגעלעגט איין אויהער. — אין מיטען חדר שטעהט קאַפּעל פּאלבאַן. — זיי רעדען שטילערהייד.

קאַפּעל פּאַלבאַן (צו מאָטלען). נו?

מאַטעל קאסאַי (טרעט אָפּ פון דער טיר אויף די שפּיץ פינגער). זי שלאָפט נאָך...

קאַפּעל פּאַלבאַן. אַ וועלטעלע — אזא נאכט נישט געשלאָפען!...

מאַטעל קאסאַי. היינט דער שרעק! די פּחדים! עס האָט זיך איהר אלע וויילע אויסגעוויזען, אז מע יאָגט אונז נאָך פון הינטען...

קאַפּעל פּאַלבאַן. פון וואַנען ווייסט דו דאס?

מאַטעל קאסאַי. זי האָט עס מיר געזאָגט.

קאַפּעל פּאַלבאַן. ווען?

מאַטעל קאסאַי. היינט... אין דער צייט, ווען דו ביזט געגאַנגען זארגען וועגען עסען און וועגען שטעלען דעם סאַ־מאָוואַר, האָבן מיר דאָ דערוויל געשמועסט...

קאַפּעל פּאַלבאַן. וועגען וואָס?

מאַטעל קאסאַי. וועגען אַלעס...

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן . און ווענען דעם, וואָס וועט זיין ווייטער?

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י . אויך גערעדט...

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן . אַז וואָס?

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י (אויפגערעגט). אַז וואָס! דו ווייסט דאָך וואָס, היינט וואָס פרעגסט דו? זי האָט מורא, טאָמער יאָגט אונז אַן דער פאָטער, וועלען מיר אַלע האָבען אַ וויסטען סוף.

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן . לכן דעריבער, וואָס זשע איז די עצה?

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י . איז די עצה, אַז מע זאָל וואָס פריהער שטעלען אַ חופּה, — דעמאָלט מעג ער שוין קומען מיט'ן רב און מיט דער רביצין, איז פאַרפאַלען... איצט בלייבט איבער נאָר איין זאַך: ווער פון אונז ביידען זאָל זיין דער גליקליכער?

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן (דערשראָקען). נו יאָ. דאָס איז דאָך די גאַנצע זאַך...

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י . איז דאָך שוין ווענען דעם ביי אונז לאַנג אָפּגערעדט געוואָרען: אָדער מיר'ן עס איבערלאָזען פאַר איהר אַליין, פאַרביילקען הייסט עס, לאָז זי זאָגען, ווער איז איהר אויסדערוועהלטער... אָדער אַז ניט, וועלען מיר וואַרפען גורל...

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן (אונרוהיג). אָבער דערווייל האָט זי דיר נאָך גאָרניט געזאָגט, ווער... דאָס הייסט, וועמען?...

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י . שוטה! זי זאָל מיר זאָגען, וואָלט איך דאָך דיר געזאָגט...

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן . הייסט עס, אַז די גאַנצע זאַך הענגט נאָך אין דער לופטען?

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י (קוקט אין דער לופט). פערשטעהט זיך, אין דער לופטען... נאָר דערווייילע שאַדט נישט, מע זאָל באַ־צייטענס צוגרייטען אַלץ, וואָס מע בעדאַרף צו דער חופּה...

קאפעל פאלבאן. למשל, אשטייגער?

מאטעל קאסאי. אשטייגער, למשל, א מנין אידען...

קאפעל פאלבאן. דאס איז נים שווער. מע וועט זיי באצאהלען צו האלבע רובעל, וועלען זיי קומען צו לויפען.

מאטעל קאסאי (לעבעדיג). לאם איך האבען אזא יאהר, וואס פאר א פלאן דאס איז!

קאפעל פאלבאן. און טאמער האבען זיי נים קיין רב, קאן איך באשטעהן, אז א פראסטער איד, אבי איין עהרליכער, וועט מסדר קדושין זיין.

מאטעל קאסאי. כלעבען, קאפעל, ביזט א חכם! א קאפ־מענטש!

קאפעל פאלבאן. איי, טאמער האבען זיי נים קיין חופה? קאן מען זיך בעגעהן מיט פיער שטאנגען, פון אויבען אי־בערגעבונדען מיט א גרויסע פעטשיילע, — וואס איז דא דער אומגליק?

מאטעל קאסאי (חאפט איהם ארום). ביזט ווערטה, מע זאל דיך קושען, קאפעלי... נעם טהו אלסדינג, וואס דו זאגסט, זאל זיין גרייט!... דו וועסט געהן, און איך וועל בלייבען דא — מע קאן זי דאך נים לאזען אליין...

קאפעל פאלבאן. זאל גאט היטען! (וואקעלט). די זאך איז נאר אט וואס: אפשר זאלען מיר פריהער וויסען, ווער וועמען... דערנאך ערשט געהן?...

מאטעל קאסאי. צו וואס, נארעלע, פערלירען צייט? דערווייל וועט ווערען שפעט, און טאמער טראגט איהם אן דער גוטער יאהר... דו גרייט צו אט די אלע שאלעמויזען. דערנאך, אז דו וועסט קומען שוין מיט'ן גאנצען קלאפערגעצייג, וועלען מיר באשליסען מיט איהר, אהין צי אהער... ממה נפשך, וועמעס גליק עס וועט זיין... איך פערזיכער דיך, אז טאמער ביזט דו דער גליק־

ליבער, ווען איך דיר פערגינגען מיט'ן גאַנצען האַרצען... וואָס האָב איך צו דיר?... אונזערביידענס וואונש איז דאָך נאָר זעהען ביילקען גליקליך...

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן. דאָס אייגענע איך — טאָמער ביזט דו, אין דיין גליק... ווארום דער עיקר איז ביילקע... אַלזאָ, איך געה. (טהוט זיך אָן). און דו זעה, געב אַכטונג... (לאָזט זיך צו דער טיר, קעהרט זיך אום, שטעהט א ווײַלע און געהט אָפּ).

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י (צו זיך אליין). אָט אַ לעמעשקען ער האָט נאָך אַ האָפענונג... מיר דאַכט, אַז אַ בלינדער קאָן שוין זעהען, אין וועמען ביילקע איז פאַרליעבט... (הערט זיך איין). מיר דאַכט, זי ריהרט זיך שוין... (עס עפענט זיך די טיר פון צווייטען חדר און עס בעווייזט זיך אויף דער שוועל ב י י ל ק ע, אַ שוינענדיגע, אַ שמייכלענדיגע).

ב י י ל ק ע (מאַכט צורעכט די צעקודעלטע האָר, קוקט זיך ארום). נישטאָ קיינער? וואו איז קאַפּעל?

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י. אוועקגעגאַנגען ברענגען אידען, אַ חופּה און דעם גאַנצען איבעריגען קלאַפּערגעצייג, ווי מיר האָבען אָפּגערעדט...

ב י י ל ק ע. מוז עס טאַקי היינט געשעהן, מאָטעל?...

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י. ניין, וואָס דען? אָפּלעגען אויף מאָרגען? און טאָמער טראָגט עס אָן דעם טאַטען אַהערצוצו?...

ב י י ל ק ע. אוי, רעד נאָר נישט, מאָטעלע! איך קאָן נאָר וועגען דעם ניט טראַכטען! (געהט צו נעהענטער). עס ווילט זיך מיר נאָר נעמען נקמה, באַווייזען, אַז איך בין אַ מענטש פאַר זיך, אַז איך בין פריי... נאָכדעם מעגען זיי שוין קומען, זאָגען וואָס זיי ווילען... אַך, מאָטעל, מאָטעלע! אַ אידישע טאָכטער קאָן זיך באַפרייען פון איהר טאַטע־מאַמע נאָר דעמאָלט, ווען זי גיט אָפּ איהר פרייהייט צו איין אַנדערען...

מ א ט ע ל ק א ס א י. ווער רעדט פון פרייהייט? ווער וויל דאס וועמעס פרייהייט? ביילקע, נשמה טייערע! האבען מיר דען ניט געשוואוירען איינס דאס אנדערע טרייע און אייביגע ליעבע? זענען מיר ניט געבונדען איינס מיט דאס אנדערע שוין פון לאנג, נאך איידער דיין טאטע האט געטראפען דאס גרויסע גליק, אדער דאס גרויסע אומגליק, אויסצונעמען דעם הויפטטרעפער? נישמעהר, מיר האבען דאס מיט ווערטער נישט ארויסגעזאגט, ביז ס'איז געקומען די רעכטע צייט... איצט קומט אוים עפּים גלייך, ווי עמיצער פון אונז וואלט צוריקגעצויגען...

ב י י ל ק ע (מיט פייער). איך ציה קיין מאל ניט צוריק! איך באקלאג מיך נאר אויף מיין מזל, פאר וואס זאל איך, א געליעבטע בת־יחידה, א ציטעריגע ביי טאטע־מאמע, באדארפען איהר בעסטע שמחה, דעם בעסטען יום־טוב פון איהר הארצען, פראווען האפענדיג, גנבה, גלייך ווי איך טהו עפּים א פארברעכען... פארגעס ניט, מאטעל, אז דער טאטע איז מיר פארט א טאטע, און די מאמע — א מאמע!...

מ א ט ע ל ק א ס א י. אויב עס איז א רחמנות אויף טאטע־מאמע, איז דא צוויי וועגען: אדער צו ווארטען ביז זיי וועלען קומען אהער, אדער פערקערעווען די האלאבלים און פאהרען צוריק אהיים...

ב י י ל ק ע. זאל גאט היטען! דעמאלט בין איך א פארלוירענע! דו קענסט ניט דעם טאטען! דו מיינסט, אז דאס איז דער איד וואס געוועזען? גאט זאל מיך ניט שטראפען, — זינט ער האט אויסגענומען דאס גרויסע געווינס, איז ער צעווילדעוועט געווארען! ניין! איך דארף איהם אפּטהון אזא זאך, וואס מע קאן שוין צוריק נישט האפען!

מ א ט ע ל ק א ס א י. הייסט דאס, נאר צוליעב דעם אליין?...

ב י י ל ק ע (קוקט אויף מאָטלען מיט אַ שמייכעל). אַך, מאָטעל! טשיקאַווער מאָטעל וואָס דו ביזט! דו ווילסט איין איבעריג מאָל אַרויסרייסען ביי מיר דאָס וואָרט פון מויל, אַז איך האָב דיך ליעב, ווי דאָס לעבען... ווייסט שוין קאָפּעל אַלעס? האָסט דו שוין גערעדט מיט איהם?

מ אָ ט ע ל ק אָ ס אָ י. ניין, ביילקע, איך קאָן נישט. איך האָב קיין האַרץ נישט!... דער בחור איז בלינד. ער האָט נאָך אַלץ אַ האָפענונג, טאָמער איז ער, ניט איך, דער אויסדערוועהלטער...

ב י י ל ק ע (פערטראַכט טרויעריג). אַ רחמנות... דער יונג איז פאַרליעבט אין מיר...

מ אָ ט ע ל ק אָ ס אָ י. מיט סכנות!

ב י י ל ק ע. וואָס זשע טהוט מען? זאָל א י ך מיט איהם רעדען?

מ אָ ט ע ל ק אָ ס אָ י. אויב דו קאָנסט... איך האָב איהם געזאָגט, אַז דו דאַרפסט היינט ביידער לעצטער מינוט באַשטימען, ווער פון אונז צוויי איז דיין באַשערטער... און אַז דו וועסט ניט באַשטימען, האָב איך איהם איינגערעדט, אַז מיר'ן וואַרפען גורל, ציהען קניפּלעך. ווער ס'וועט אַרויסציהען דאָס קניפּעל — דער...

ב י י ל ק ע (צעלאַכט זיך הילכיג). חאַ-חאַ-חאַ! חאַ-חאַ-חאַ-חאַ!

מ אָ ט ע ל ק אָ ס אָ י (איבערראַשט). וואָס איז דער געלעכטער?

ב י י ל ק ע. מיר איז איינגעפאַלען! אַ געדאַנק! איי, אַ געדאַנק! (חאַפּט אַ ווייס טיכעל, מאַכט אַ קניפּעל און נאָך אַ קניפּעל). איך האָב דאָ צוויי קניפּלעך. און אַזוי ווי דו ביזט עלטער, וועל איך דיר געבען ציהען צום ערשטען, וועסטו האָבען אַרויסגעצויגען דאָס קניפּעל — חאַ-חאַ-חאַ!... (עס הערען זיך טריט פון דרויסען. ביילקע טרעט אָפּ צום פענסטער. עס קומט אַן קאָפּעל פּאַלבאַן אַ פערשוויצטער, אַנגעלאָדען מיט גאַנצע פּעקלעך און שקאַרמוצען).

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן. אַז שוין אויפגעשטאַנען ביילקע? (צו ביילקען). אַ גוטער אויפשטאַנד אויף אייך!... אוף! איך האָב זיך עס אַביסעל אָנגעלאָפּען! (לעגט אַוועק די פּעקלעך מיט די שקאָר־מוצען, ווישט זיך דעם שווייס).

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י. איז האָטש ניט געווען אומזיסט דאָס לויפען? (בעטראַכט וואָס אין די פּעקלעך טהוט זיך).

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן. חלילה! וואָס הייסט אומזיסט? אַט באַלד קומען צוגעהן אַ בינטעל אידען מיט'ן גאַנצען קלאָפּערגע־צייג, ווי מיר האָבען אָפּגערעדט... (ווייזט אויף די שקאָרמוצען). און דאָס איז גוטע זאַכען אויף צו פערבייסען: לעקאָך, הערינג און אַ ביסעל משקה...

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י. בראַוואָ, קאַפּעל, ביזט ווערטה אַ מעראַיל!... אַצינד בלייבט נאָך איבער איין זאַך: אַ מנין ועלען מיר האָבען. אַ מסדר קדושין אויך. אַ חופּה אויך. מיט לעקאָך און בראָנ־פען און מיט פאַרבייסען זענען מיר שוין אויך בעוואָהרענט. און אַ כלה האָבען מיר אויך. די פראַגע איז נאָר, ווער פון אונז צוויי איז דער חתן? דאָס דאַרפסט דו... (פערהאַפּט זיך). מיין איך, דאָס דאַרפט איהר, ביילקע, באַשטימען — עס איז געווענדט אָן דיר... מיין איך, אָן אייך...

ב י י ל ק ע. אַך! מיר איז שווער, מיר איז אונאייננגענעה־מען... איהר ווייסט, אַז איך בין אייךביידען דאַנקבאַר... איהר האָט פאַר מיר ביידע אַזוי פיעל געטהאָן...

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י. און מיר זענען ערשט גרייט צו טהון...

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן. אין פייער און אין וואַסער!

ב י י ל ק ע (טראַכט כלומרשט אַ ווײַלע). שאַט! ווייסט איהר וואָס מיר איז נאָר־וואָס איינגעפאַלען? לאָמיר וואַרפען גורל!...

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י. דאָס אייגענע האָבען מיר שוין מיט קאַפּלען לאַנג געטראַכט...

קאַפּעל פּאַלבאַן. נאָך איידער דאָס אומגליק האָט געטראָפּען מיט'ן גרויסען געווינס...

ביילקע. זעהט איהר? — אויף אַ גלייכע זאַך פּאַלען אַלע גלייך... (נעמט דאָס טיכעל מיט די צוויי פּאַרטיגע קניפּלעך, דרעהט כלומרשט אַ נײַ קניפּעל, ציהט עס אויס צו זיי ביידע). ווער פון אייך איז עלטער?

קאַפּעל פּאַלבאַן (איז שוין גרייט געוועזן אויסצוציהען די האַנד). דו ביזט עלטער, מאָטעל, אויב איך האָב קיין טעות...

מאָטעל קאַסאַי. מיט אַ יאָהר און מיט אַ וואָך.

ביילקע (צו מאָטלען). ווי באַלד אַזוי, בעדאַרפסט דו... מיין איך, בעדאַרפט איהר, מאָטעל, ציהען דער ערשטער... (טראָגט איהם אונטער די צוויי עקען פונ'ם טיכעל. מאָטעל קאַסאַי קלערט כלומר'שט אַ ווײַלע, וואַקעלט, ציהט פּאַמעליך מיט צוויי פינגער ביים שפּיץ פון עק טיכעל און שלעפּט אַרויס אַ קניפּעל. ביילקע באַהאַלט דאָס טיכעל).

מאָטעל קאַסאַי (טרייסעלט אָפּ די הענט, קוקט אויף קאַפּלען מיט ענטשולדיגונג). נו?

קאַפּעל פּאַלבאַן (בלאַס, זיפצט אָפּ. צו מאָטלען). דיין גליק... לאַז גאָט געבען... (קאָן ניט רעדען ווייטער פון אויפרעגונג. שלינגט די טרערען).

ביילקע. איי־פּע, קאַפּעל, איך האָב זיך ניט געריכט אויף אייך... געהאַלטען פאַר אַ גוטען פריינד...

מאָטעל קאַסאַי (צו ביילקען). קאַפּעל זאָגט דען עפּיס? אדרבה!...

קאַפּעל פּאַלבאַן. אדרבאַ! לאַז מיר אַנגעהן, וואָס איך ווינש איהם און אייך ביידען... ס'איז דאָך אַ גורל, אַ לאָטעריע...

מאָטעל קאַסאַי. ער זאָל געוועזן ארויסציהען, וואָלט ער...

קאפעל פאלבאן. איך זאל געווען ארויסציהען, וואלט איך... איך ווינש אייך, איהר זאלט אייך עלטערען אין... אין... אלדעם גוטס.

מאטעל קאסאי. אמן! קום אהער, לאָמיר זיך צע־קושען. (נעמען זיך אַרום, טאַטעל מיט קאַפלען, און צעקושען זיך).

קאפעל פאלבאן. דעם אמת אויב איהר ווילט ווי־סען, האט מיר דאָס הארץ געזאָגט שוין לאנג, אז דער גליקליכער וועט זיין מאטעל, ניט איך... ווי קום איך? איך בין פון תמיד אן א שלים־שלים־מזל... און איך האב צו קיינעם ניט קיין טענות... גאָט איז מיין עדות, ווי איך האב אייך ליעב געהאַט, ביילקע, און האב אייך ליעב נאך אצינד... און וואס פאר א גוטער פריינד איך בין צו מיין חבר מאטעל... איך זאג אייך נאך א מאָל, אז וואס איך ווינש אייך ביידען, מעג עס מיר אנגעהן חאטש האלב... איי, איך האב געהאט א שטיקעל האפענונג — בין איך ניט שולדיג. איך בין דאך נישט מעהר ווי א מענטש... איך האב אבער אין זינען געהאט אויך די אנדערע זייט, אז טאמער חלילה לאָזט זיך אויס מיט מיר א בוידעם — אזוי פאָהר איך גלייך אוועק קיין אמעריקא. א סימן האט איהר... (צעשפיליעט זיך, ציהט אַרויס פון בוזעם־קעשעני אַ ביכעל). אט האב איך מיר צוגעגרייט א פּאָס... (מאַטעל קאַסאַי און ביילקע קוקען זיך איבער.ביידע זענען געריהרט).

ביילקע. צו וואס אזוי ווייט, אזש קיין אמעריקא? בלייבט דאָ, און לאָמיר זיין גוטע פריינד.

מאטעל קאסאי. פארגעס ניט קאפעל, ווער עס בעט דיך...

קאפעל פאלבאן. מיר'ן נאך האבען א ישוב... דער־וויילע בין איך נאך א היגער און באדארף פריהער פראווען אייער חתונה. איך בין דאך עפּיס א מחותן... פון חתנ'ס צד.

ביילקע. ניין, פון כלה'ס צד.

מאטעל קאסאי. פון ביידע צדדים.

קאַפּעל פּאַלבאַן. פון ביידע צדדים. (הערט זיך צו). מע געהט. מע געהט... (עס קומט איינס נאָך דאָס אַנדערע אַ מנין אידען פון אַלערליי מינים — מיט היטלען און מיט קאַפּעלישלעך, מיט לאַנגע קאַפּאָטעס און מיט קורצע ווייטיקלעך.— איינער מיט גראָבע פּאות און מיט אַ יאַרמעלקע אונטער׳ן ווייכען קאַפּעליש, אונטערגעבונדען די קאַפּאָטע מיט אַ רויטע פּעטשיילע, — שפּיעלט די ראָלע פון אַ רב. — נאָך איינער האַלט אַ פלעשעל מיט אַ גלעזעל — ער וועט דאָס זיין דער שמש. פיער אַנדערע אידען האַלטען די פיער שטאַנגען, פון אויבען אַ גרינע שאַל מיט באַחראַמאַ, — דאָס וועט זיין די חופּה. אַ פּאָר ווייבער האָבען זיך אויך אריינגערוקט, שטעהען פון דער ווייטען מיט פרומע פּנים׳ער גרייט צו ענטפערען „ברוך הוא וברוך שמו אמן“. אויך יונגלעך קונדייסים זענען געקומען אָנקוקען אַ שטילע חופּה און אפשר חאַפּען אַ שטיקעל לעקאַך).

קאַפּעל פּאַלבאַן (טהוט אַ וואונק צום אידען, וואָס שפּיעלט די ראָליע פון אַ רב). נו ?

דער איד (צו קאַפּלען). נו־נו ! (טהוט אַ וואונק צו איינער פון די ווייבער, זי זאָל נעמען די כלה. — יענע געהט־צו צו ביילקען, נעמט אַרויס אַ געלע פּעטשיילע).

די אידינע. ווער איז דאַ דער חתן ? (רופט צו קאַפּלען).

קאַפּעל פּאַלבאַן (ווייזט אויף מאָטלען). דער חתן איז — ער.

מאָטעל קאַסאַי (געהט צו). דאָס בין איך.

די אידענע (גיט איהם די געלע פּעטשיילע). אַט מיט דער פּעטשיילע, זייט מוחל, דעקט איבער דער כלה דאָס פּנים. דאָס וועט זיין דאָס באַדעקענס. (מאָטעל נעמט די געלע פּעטשיילע, געהט־צו פּאַמעליך צו ביילקען און דעקט איהר איבער דאָס פּנים. די אידינע נעמט ביילקען פאר אַ האַנד, טהוט אַ וואונק צו קאַפּלען, ער זאָל נעמען דעם חתן פאר אַ האַנד. ער פיהרט זיי אַרונטער דער חופּה).

ד ע ר א י ד (צום חתן). א־י־א? טבעת?... (דער חתן פערשטעהט ניט).

ד י א י ד י נ ע. א רינגעל, א פינגערל, אויף מקדש זיין...

ק א פ ע ל פ א ל ב א ן (טהוט זיך א האפ צו די קעשענים). א פינגערל? ס'איז דא, ס'איז דא... אלסדינג האב איך באדארפט אין זינען האבען... יעדע זאך באזארגען... אפילו א קדושין פינגערל... (ציהט ארויס א פאפיערעל פון קעשעני, וויקעלט ארויס פון דארט א גאלדען רינגעל, גיט דאס איבער צו מאטלען).

ד ע ר א י ד (צו מאטלען). טהו אן דאס פינגערל דער כלה און זאג מיר נאך איטליכס ווארט! (זאגט, מאטעל זאגט איהם נאך). „הרי את... מקודשת לי... בטבעת זו... כדת... משה וישראל“... מזל טוב!

ד ע ר ע ו ל ם. מזל טוב! מזל טוב! (קאפעל פאלבאן און מאטעל קאסאי האפען זיך ארום און קושען זיך. — אין דעם סאמע רעכטען טומעל עפענט זיך די טיר און עס רייסען זיך אריין: ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר, ע ט י־מ ע נ י א ו ן ס א ל א ו ו י ט ש י ק דער שדכן מיט זיי. עס ווערד א סומאטאכע).

ב י י ל ק ע (פאלט־צו צו מאטלען אויף די הענד). דער טאטע!.. די מאמע!...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (קוקט זיך ארום, דערקענט ניט די טאכטער אונטער דער געלער פעטשיילע). וואו איז זי ערגיץ? וואו איז מיין קינד? וואס שווייגט איהר, אידען? עמך!...

ע ט י־מ ע נ י. דו הערסט דען ניט איהר קול?

ס א ל א ו ו י ט ש י ק (שטופט זיך דורך). פאזוואלטיע!... איזוויניטיע, גאספאדא! אט דאס איז זי דאך! (רייסט ארונטער די געלע פעטשיילע פון ביילקע'ס פנים). זאמעטשאטעלנא! דאס איז א מעשה, וואס טשטא ניבוד אסאבענע!...

ש י מ ע ל ע ס א ר אָ ק ע ר (דערזעהט בוילקען. לאָזט זיך צו איהר מיט אָפענע אָרעמס). טעכטערלעך מיינע טייערע! אבי דו לעבסט און מיינע אויגען זעהען דיך! (בוילקע פאַלט איהם אין די הענד אַריין. ביידע וויינען).

ע ט י ־ מ ע נ י (פערברעכט די הענד, פאַלט אויף אַ שטוהל, שאָקעלט זיך און וויינט, ליילענענדיג מיט אַ ניגון פון תחינות). וועה איז מיר און ווינד איז מיר! א דונער איז מיר און א בראָך איז מיר! צו וואָס מיר האָבען זיך דערלעבט און וואָס מיר זעהען מיט די אויגען! מיט וואָס האָבען מיר זיך פאַרזינדיגט ביי גאָט, אַז אונזער קינד זאָל אונז אַזוי פאַרשוואַרצען דאָס פּנים? וואָס טהוט זיך דאָ און מיט וועמען וויל זי דאָס געהן צו דער חופּה, פאַרוויסט און פאַרפינסטערט בין איך געוואָרען?!...

ס אָ ל אָ װ י י ט ש י ק (האָט שטילערהייד געחאַפּט אַ פּאָר ווערטער מיט די אידען און געוואָוירע געוואָרען אין איין מינוט אַלס־דינג. — צו עטי־מעני׳ן). איזווינּיטיע, מאַדאַם! איהר ווייסט גאָרנישט וואָס איהר רעדט. אייער טאָכטער האָט שוין חתונה געהאַט נאָר־וואָס... מיט אָט דעם יאַט... (ווייזט אָן אויף מאָטלען). אייך קומט מזל טוב!...

ע ט י ־ מ ע נ י (פערוואַרפט דעם קאָפּ אויף צו חלש׳ען) אוי, אַ דונער איז מיר! אוי, אַ שלאַק איז מיר! א קויל האָט מיך געטראָפען! א שפּיעז אין הארצען אַריין!...

ש י מ ע ל ע ס א ר אָ ק ע ר. שאַ! שטיל! גענוג דיר צו לעגען קנייטלעך! נאַרישע קלאָגמוטער! בהמה וואָס דו ביזט! דיין קינד זאָל געווען חלילה שטאַרבען, אָדער אוועק׳שמד׳ען זיך, וואָלט געווען בעסער? הערט נאָר איין אומגליק — איהר טאָכטער האָט חתונה געהאַט פאַר איהר גלייכען, גענומען א שניידער, איין אמת׳ען עמך — איז איהר ביטער! (צו דער טאָכטער). ווער איז דייז באשערטער? (ווייזט אויף מאָטלען און אויף קאָפּלען). דער? צי יענער? איך בין נאָך נישט קלאָהר אַקוראַט...

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן (ווייזט אויף מאַטלען). ער איז דאָס דער גליקליכער... מיר האָבען געוואָרפען גורל...

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר (איבעררשט). וואָסער גורל?

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן. אַזוי ווי מיר ביידע זענען געווען פאַרליעבט, האָבען מיר געצויגען קניפּלעך, האָט ער ארויסגעצויגען, הייסט עס, איז ער זוכה בגורל.

ס אַ ל אָ ו ו י ט ש י ק. זאַמעטשאַטעלנאַ! האָב איך אייך ניט געזאָגט, אַז איינער פון די צוויי וועט נעמען אייער טאָכטער? איך זאָל שוין טאַקי אַזוי לעבען מיט אייך און מיט אייער ווייב!...

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר. וואָס זשע האָט מען נאָך באַדאַרפט אַנטלויפען? האָט איהר דאָך געקאָנט זאָגען מיר, וואָלט דאָך עס געווען שען און פיין און שאָ און עמך...

מ אַ ט ע ל ק אַ ס אַ י. ווער האָט געקאָנט מיט אייך רעדען?

ב י י ל ק ע. נאָך דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפען, זינט דו האָסט אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס...

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר. וואָסערע לאָקשען? וואָסערע פלאָמען? אוים אומגליק! אוים גרויסער געווינס! מע האָט צוגענומען, אויסגעצאָפּט, אויסגעמאַנטאַטשעט און אויסגעכמאַליעט אינגאַנצען ביז דער לעצטער פּרוטה. נישט געלאָזט, איהר זאָלט זאָגען, אפילו א סימן. געבליבען דער אייגענער עמך, וואָס געווען...

ב י י ל ק ע (איבעררשט). ווער איז דאָס געווען? וואו? ווען?

ע ט י ־ מ ע נ י. אָט יענע צוויי שלים-מזל'ען, וואָס פון טרעיאַטער...

ב י י ל ק ע. וויגדאָרטשוק און רובינטשיק? ווי אַזוי איז דאָס געשעהען?

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר. ווי אַזוי ס'איז געשעהען, איז פאַרפאַלען... צוגענומען ווי מיט די הענט און אַוועק וואו דער ווייסער פעפער וואַכסט... קיין האָהן האָט אפילו ניט געקרעהט... און

אפשר מיינסט דו, אַז ס'האָט זיך מיר ניט גע'חלומ'ט פריהער מיט אַ נאַכט אַ בעזער חלום? ס'זאָל נאָר אויסגעהן אויף זייער קאָפּ, רבונו של עולם!

ע ט י ־ מ ע נ י. אמן!

ד י װ ו י ב ע ר (מאַכען אַ פּרום פּנים). אמן, ברוך הוא וברוך שמו!

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר. נאָר געגוג. האָפּט זיי דער װאַטענמאַכער! אבי מיין קינד האָט זיך מיר אָפּגעזוכט, בין איך צופריעדען, הויב איך אויף די הענט צו גאָט און זאָג: גם זו לטובה!...

ע ט י ־ מ ע נ י. אמן!

ד י װ ו י ב ע ר (פּרום). אמן, ברוך הוא וברוך שמו!...

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר. איי, וואָס איך בין געבליבען אָהן פּאַדעם? — ס'האָט מיך גאָט געשטראָפט דערפאַר, וואָס עס האָט זיך מיר פערוואָלט ווערען אַ מיליאָנטשיק... און יחוס האָט זיך מיר פערגלוסט... דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרעהט, איך בין געווען שכור... עפּיס ווי אָטשאַדעט... איצט איז אַרויס דער טשאַד, האָב איך זיך אויסגעניכטערט, זעה איך, אַז איך בין געווען אַ נאַרר און אַז איך בין ווערטה שמיץ... (צום עולם). אידען! איהר האָט גע־הערט מן הסתם, אַז איין אָרעמער שניידער האָט אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס, די צוויי הונדערט טויזענד? דאָס בין איך. שי־מעלע סאָראָקער איז מיין נאָמען... די צוויי הונדערט טויזענד זענען אויסגערונען, אַוועק מיט'ן ווינט און מיט'ן רויך, און שימעלע איז צוריק דער אייגענער עמך, וואָס געוועזען... איצט איז ביי מיר אַ שמחה, אַ יום־טוב, — מיין טאָכטער האָט חתונה געהאַט למזל — וואו איז דער לעקאַך און בראָנפען? לאָמיר נעמען צו קאָפּעלעך משקה און טרינקען לחיים פאַר אונזער פאָלק, שער און אייזען עמך!...

ק אַ פּ ע ל פּ אַ ל ב אַ ן (טהוט זיך אַ וואָרף צו די פּעקלעך מיט די שקאַרמוצען. בינט אויף און לעגט אויס אויפ'ן טיש). אָט דאָ איז פאַרהאַן אַלסדינג, אי צו טרינקען, אי צו פערבייסען... (ער און דער איד, וואָס דיענט אַלס שמש, שטעלען אויס אויפ'ן טיש די פלעשלעך מיט די גלעזלעך).

ס אַ ל אָ ו ו י י ט ש י ק (נעמט אויף זיך די ראָל פון אַ סאַר־ווער און פון אַ טאָסטמייסטער און בעזעצט צום טיש גאַנץ אויבען אַ חתן־כלה, דערנאָך די מחותנים שימעלען מיט עטי־מעניין). איזווינטיע, אייך קומט דער אויבענאַן. (צו די אידען). עולם! צום טיש! (צו קאַפּלען). חתנ'ס צד! גיס אָן די גלעזלעך! (צו די ווייבער). ווייבער! נעמט לעקאַך, מאַכט מזונות! (טיילט זיי אויס לעקאַך, לעגט אַליין אויך אין מויל אַריין. ווייזט מיט די אויגען אויף די קינדער). און גיט די ממזרים אויך צו שטיקלעך לעקאַך — ס'אַ מצוה! און ס'איז טאַקי גוטער לעקאַך אויך — טשטאַ ניבוד זאַמעטשאַטעלנאַ! (קייעט). לחיים, חתן כלה! לחיים, מחותן! לחיים, מחותנת'טע! לחיים חתנ'ס צד און כלה'ס צד! און לחיים, אידען אַלע! לאָמיר זיין געזונט און טאַנצען אויף פרעמדע און אויף אייגענע חתונות! (טרינקט. אַלע בעגעגענען זיך מיט די גלעזלעך און טרינקען און פער־בייסען).

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר. ישקני -- הערט זשע מיך אויס, אידען, די מעשה דערפון איז אַזוי: ביי מיר איז היינט אַ צווייענדיגער יום־טוב. ערשטענס, וואָס סע האָט זיך אָפּגעזוכט מיין קינד, מיין בת יחידה, מיין אויג אין קאָפּ. זיין זאָל זי מיר געזונט און שטאַרק און זאָל מיך איבערלעבען!

ע ט י ־ מ ע נ י. אמן.

ד י ו ו י י ב ע ר (מיט אַ פרומע מינע). אמן, ברוך הוא וברוך שמו!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר . דאָס אַנדערע, וואָס זי האָט זיך באַהעפט מיט איהר גלייכען און האָט זיך אויסדערוועהלט אַ מאַן פון אונזער פאָלק, שער און אייזען עמך, נישט געוואָלט הערען אפילו פון יענעם פיפערנאָטער דעם ריסטעקראַט, וואָס האָט זיך צוגעשמייכעלט צו די פופציג טויזענד, וואָס איך האָב געהאַט בדעה איהר צו געבען נדן און וואָס די צוויי ממזרים, זשוליקעס און אַפּעריסטען האָבען ביי מיר אויסגעמאַנטאַטשעט מיט נאָך הונדערט טויזענד — די כפּרה זאָלען זיי זיין מיט'ן געלד פאַר מיר און פאַר אייך און פאַר כל ישראל.

ע ט י ־ מ ע נ י . אמן.

ד י ו ו י י ב ע ר (פרום). אמן, ברוך הוא וברוך שמו!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר . ווי באַלד אַזוי, בעדאַרף מען נעמען נאָך אַמאָל צו קאָפּלעך לחיים לכבוד דעם פאַר־פאָלק און לכבוד זייערע פריינד און גוטע פריינד און לכבוד אַלע אונזערע עמך... (בעגעגענט זיך מיט די גלעזלעך, טרינקט. אַלע טרינקען נוים). און נאָך אַ בעזונדערען לחיים וויל איך טרינקען צו דעם, וועלכען מיין טאָכטער האָט אויסדערוועהלט. (צו מאָטלען). לחיים, מאָטעל! לאָז גאָט געבען, אז דיין „זכה בגורל“ זאָל זיין מיט מעהר גליק און מיט מעהר אריכת־ימים, ווי מיין „זכה בגורל“ איז געווען!

ע ט י ־ מ ע נ י . אמן.

ד י ו ו י י ב ע ר (פרום). אמן, ברוך הוא וברוך שמו! (שימעלע און מאָטעל צעקושען זיך).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר (שוין גאָר פריילֿיך). ישקני — הערט מיך אויס, אידען! אַז גאָט האָט אַזוי געפיהרט, מיר זאָלען זיך בעגעגענען מיט אייך אָט אַ דאָ אויף אַזאַ שמחה, איז אַ יושר, מיר זאָלען זיך טאַקי פרעהען, האָפּען אַ טענצעל, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען. מיר'ן זיך נעמען פאַר די הענט, איהר וועט מיר העלפען זינגען, און מיר וועלען האָפּען אַ טענצעל, דאָס הייסט, געהן דעם

אמת'ען עמך... (דער עולם שטעלט זיך אַוועק אַרום דעם מחותן, פּלעס־קען צו מיט די הענד, האַפּען אונטער אַ פרעהליכען נגון, און עס וואַכסט אויס דער איד, וואָס האָט מסדר קדושין געווען, און צו דעם נאָך אַ איד, און בײדע לאָזען זיך טאַנצען).

סאָלאָווײטשיק (שטעלט אָפּ דעם ערשטען אידען). פּע־טער! ווער זענט איהר?

דער איד (טאַנצענדיג). איך בין דער איד, וואָס כ'האָב מסדר קדושין געווען.

סאָלאָווײטשיק. און ווער איז דער אַנדערער? (ווײזט אָן אויפ'ן צווײטען, וואָס טאַנצט).

דער איד (טאַנצענדיג). גלאַט אַ איד.

שימעלע סאַראַקער. זעהר גערעכט. דאָס איז אַ בראַ־ווער איד! פון די אמת'ע עמך!... (פערקאַטשעט די פּאָלעס און געהט אַ פרײליכס).

סאָלאָווײטשיק. און וואו בין איך? (ער האָט פער־קאַטשעט די אַרבעל און לאָזט זיך אַקעגען איהם. בײדע שטײגען איבער אײנס דאָס אַנדערע אין טאַנצען, וואָס געהט אַלע מאָל שטאַרקער און לע־בעדיגער. ביז עס רײסט זיך אַרײן אין רעדעל אויך די אידינע, וואָס האָט געשפּיעלט די ראָלע פון אײן אונטערפיהרערין, און געהט אַ „קאַ־זאַטשקע“, מאַכענדיג מיט דער געלער פּעטשײלע איבער'ן קאָפּ אַלערלײ מאַניפּולאַציעס. — קאַפּעל פּאָלבאָן קאָן זיך ניט בעהערשען און טאַנצט אויך אין קאָהן, מאַכט פּריסיאַדקעס. — אַלע זינגען, אַלע פּלעסקען. העכער פון אַלע הערט זיך שימעלע'ס קול).

שימעלע סאַראַקער. שטאַרקער, אידען! לעבעדי־גער! לעבעדיגער! עמך, שער און אײזען אונזער פאָלק — עמך!!!...

פאָרהאַנג לאַנגזאַם.